STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03013

OYFN SHVEL

B. Demblin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בנימין טייטלבוים

אויפן שוועל

נאָוועלן

פאַרלאַג „קולטור-ליגע“ • וואַרשע • 1933

PRINTED IN POLAND

Benjamin Tajtelbaum
OJFN SZWEL
Nowele

הילע געצייכנט: ה. גאָלדבערג

געזעצט: ה. גרינבערג, טעל. 11-39-23

Druk. „GRAFJA", Warszawa,

איציק שוועל

מיין ליבער
סילוויען
געווידמעט

ביים קאָוולער וואָקזאַל פּלאַקערט אַ גיהנום! איבער דעכער פון קליינע, שטילע הייזלעך האָבן פייערדיקע צונגען זיך צעטאַנצט. דורך אויסגעבראָכענע שויבן זעצן קנוילן רויך, און אינווייניק, אין די ברענענדיקע הייזער, ווי טייוולאָנים, לויפן אַרום פאַרפלאַמטע, פאַרשוויצטע, פאַרסאַפּעטע מענטשן און שלעפּן אַרויס האַלב-פאַר־ברענטע בענקלעך, טישן, בילדער, אָדער גאָר, פון צעטומלטקייט, רייסן זיי שטיקער צעבויגענע אייזערנע רער.

און אין דרויסן, פון אַרום און אַרום, איבער די ברייטע פּלעצער, ציען מחנות אַהער, צו די ברענענדיקע הייזער, ווי טשאַטעס קראָען, צו אַ צעשאָסן שלאַכט-פעלד...

און דאָרטן, ווייט אַראָפּ פון יענער זייט וואַרשע, גוסט די זון אַזוי בלוטיק... און אַוועק פון דער שקיעה, שלעפּט זיך אַ צוג, דער לעצטער רוסישער צוג, אָן אָנגעפּאַקטער מיט צעשראָקענע ווייבער און קינדער, וואָס האָבן פּלוצים און מיט איינמאָל פאַר־לוירן די זיכערקייט אינם כּוח פון זייערע מענער, די זשאַנדאַרן און פּריסטאַווס, וועלכע זיצן דאָ איצטער צוזאַמען מיט זיי אַזעלכע פאַרלוירענע, ווי קליינע צעשראָקענע ייִנגלעך, לעבן קלוגע מאַמעס און קוקן אַרויס פון די באַן-פענסטערלעך, ווי ס'פאַרלעשט זיך און שטאַרבט אָפּ אַזוי טרויעריק אַ זון...

נאַכט... פּחד אַרום. אין דער טונקלקייט שלייכן זיך סילועטן ביי די ווענט. לייִדיק — די גאַסן. ערגעץ עפנט זיך אַ טויער מיט אַ סקריפּ און פאַרהאַקט זיך גלייך. גאַז-לאַמטערן שטייען פאַר־

יתומט אין האַלב-טונקל, בלויז פון היימלעכקייט באַלייכטן זיי ס'אייגענע שטיקל קרייז אַרום... פון ערגעץ ווייט דערטראָגט זיך אַ געקלאַפּערײ פון פערדישע פּאָדקאָווען. דריי פאַרשפּעטיקטע רייטער אויף צעהיצטע פערד ציען דורך אין אַ גאַלאָפּ. די דינע פערדישע העלזער פאָרויס, די שלאַנקע ווײדלען אויסגעצויגן, שוועבן זיי פאַרביי און ווערן איינגעשלונגען פון דער טיפער נאַכט...

פוסט אַרום... בלויז דער מיליציאַנט אויפן ראָג שפּאַנט הין און צוריק. דאָס סאַמעטענע קעלנערל אויפגעשטעלט, די ליידיקע הענט פאַרשטופּט אין די קעשענעס, איינגעקורטשעט אין פּאַלטנדל, ווי ער וואָלט וועלן אַנטלויפן פון אייגענעם פחד. שפּאַנט ער דאָס הין און צוריק איינער אַליין — בלויז דער שאָטן זיינער, ווי אַ געטרייער הונט, באַגלייט אים...

קאַפּיטל 1

אין זיין בחוריש צימערל זיצט איצט איגנאַצי שטיקגאָלד אַ פאַרטיפטער איבער אַ גרויסער לאַנד-קאַרטע, וואָס איז אויסגעשפרייט איבערן גאַנצן טיש און ווערט באַלויכטן מיטן האַלבטונקעלן ליכט פונם גרינעם אַבאַזשור.

ער זיצט דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט מיט ביידע הענט און פירט זיין בליק לענג-אויס דער גאַנצער ליניע, וואָס צייכנט אָן די ווייסל. ווי צו מאַכן זיך אַליין זיכער, גיט ער אַלע ווײַלע אַ פיר מיטן פינגער, דאָ לענג-אויס, דאָ גאָר אַראָפּ אָן אַ זייט, באַלד פירט ער גאָר מיטן פינגער אויף צוריק, צום גאַנצן מאַרשרוט, וואָס ס׳רוסישע מיליטער מאַכט דורך ביים פאַרלאָזן וואַרשע. אָט גיט ער נאָך אַ דריי דעם גרויסן גלאָבוס, וואָס שטייט אין ווינקל אויפן טיש ביי זיין רעכטער האַנט, ווי ער וואָלט זיך גאָר געשפילט. אָבער אין דער זעלבער צייט הערט ער זיך איין און באַנעמט מיט יעדן חוש זיינעם די פּחדימדיקע שטילקייט, וואָס זעצט פונם פינסטערן דרויסן דורכן ווייך-פאַרהאָנגענעם פענסטער אַדורך און ער פילט, איגנאַצי שטיקגאָלד, מיט זיין גאַנצן וועזן, אַז היינט ביינאַכט ווערט אַנטשידן דער גורל פון פוילן, פון זיין פוילן, נישט נאָר פון וואַרשע אַליין.

מיט אָט דעם געפיל איז אין אים אויפגעגאַנגען אַ מאָדנע אומרויקייט, גלייך ווי די גאַנצע ענערגיע, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעקליבן, זינט ר׳האָט איבערגעריסן ס׳לערנען אין וואַרשעווער

אוניווערזיטעט, וואָלט אים פּלוצים אַ שפּאַר געטון צום האַלז און געזוכט זיך אַרויסצורייסן.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, איבערגעשפּאַנט עטלעכע מאָל דאָס קליינע צימערל, צוגעגאַנגען צו דער טיר, אַרויסגענומען פון זיין סטודענטיש רעקל זיין טאָג-בוך, זיך צוריק אַוועקגעזעצט ביים טיש און פּאָרזיכטיק, מיט קאַליגראַפישער שריפט, אַריינגעשריבן:

„היינט ביינאַכט ווערט געחתמעט דער גורל פון פוילן"...

פּאַר אַ ווייל האָט ער אַזוי געקוקט אויף דער אויפגעשריבענער שורה. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געקוקט אויפן סקעלעט, וואָס שטייט אויפן טיש לינקס און גלאָצט צו אים מיט די טיפע אויגן-לעכער. און ס'איז אים געווען אַזוי מאָדנע, ווי די סקעלעטישע אויגן-לעכער האָבן זיך אָנגעהאָפטן אָן זיין בליק, גלייך זיי וואָלטן אים עפּעס דערציילט.

ער האָט ווידער גענומען די פעדער און גלייך אונטער דער שורה צוגעשריבן:

„אויך מיין גורל, ווי אַ זון פון פוילן, ווערט היינט פאַרחתמעט".

איצט, אַז ער האָט אונטערגעשריבן די דאַטע, אַריינגעלייגט ס'ביכעלע אין שופלאָד, האָט ער זיך דערפילט מאָדנע לייכט, ווי ער וואָלט מיט איינמאָל אַראָפּגעוואָרפן אַ שווערע משא פון זיינע פּלייצעס.

אַ טעמפּער קנאַל האָט איבערגעריסן די טיפע שטילקייט. דערנאָך האָט זיך געהערט ס'שטעפּן פון מאַשין-ביקסן, ווי אַ דריבנער כאָר באַגלייט, אַזוי דומפּ און פאַרדושעט, אָבער קענטיק פון גאַנץ נאָענט. באַלד איז געוואָרן ווידער שטיל מיט דער פריערדיקער טיפער, פחדימדיקער שטילקייט, וואָס טרייסלט אויף ביז די טיפסטע טיפענישן פון דער נשמה.

איגנאַצי שטיקגאָלד איז אויפגעשטאַנען פון טיש און געטראַכט, אַז איצט איז די צייט צו גיין... עפּעס האָט אים אָבער

צוריקגעהאַלטן, עפּעס, וואָס איז אים אַליין נישט קלאָר. זיכער נישט פּחדנות פאַרן געהיימניספולן דרויסן?... און אפשר? „יאָ, ווען ער וואָלט שוין געווען פאַרטיק מיט דער מאַמעשי, ווען די מאַמעשי וואָלט שוין געוווּסט און דער פאָטער, אפילו ווען זיי וואָלטן געווען קעגן, וואָלט ער אויך קיינעם נישט געהאָרכט! אָבער אַזוי? סתם אָן אַ וואָרט אַוועק״?

זיין רעכטער עלנבויגן, מיט וועלכן ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָנם האַרטן אָנלען פון דער שטול, האָט אים דערמאָנט, אַז ער שטייט שוין מסתמא גאַנץ לאַנג פאַרטראַכט. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל, די הענט אונטערן קאָפּ, און געקוקט אַזוי פּוסט פאַר זיך. מאָדנע! ווי אָפּט מיר קוקן אויף זאַכן און זעען זיי נישט. ווי לאַנג ס'הענגען שוין ביי אים די אַנאַטאָמישע בילדער אויף די ווענט! ער לעבט, דאַכט זיך, אין זייער אָטעם און דאָך האָט זיין בליק ערשט איצט, פאַר אַ לאַנגער, לאַנגער צייט זיי באַמערקט, און ווי מאָדנע גלייכגילטיק! און, דאַכט זיך, ערשט נישט לאַנג פלעגט ער זיך דאָך גריבלען אין די פון הויט אָפּגעשיילטע געשטאַלטן, ציילן יעדן ריפּ, נאָכפאָלגן דעם וווּנדערלעכן לויף פון יעדן בלויען אָדערל, וואָס ציט זיך, ווי אַ דינינק טייכעלע, צו דער הויפּט־בלוט־רער, שטודירן יעדעס צעלכל מיט אַזויפיל נייגיר, און ערשט דאָס, וואָס האָט אים אַלעמאָל אַמערסטן פאַרכאַפּט, דער גאַנצער וווּנדערלעכער געבוי פונם פאַרדייונגס־פּראָצעס, אָט דאָס, וואָס האָט געזאָלט ווערן זיין ספּעציאַליטעט. און אָט איצט קוקט ער דאָס אויף דעם אַלעם אַזוי גלייכגילטיק! ער וווּנדערט זיך אפילו אויף דער געוואַלטיקער ענדערונג אין אים! דערביי טראַכט ער, ווי אינטערעסאַנט עס איז דער פּסיכישער געבוי פונם מענטשן. „וועררסט באַהערשט פון אַן אידיי, טראָגסט זיך מיט איר אַרום, דערנאָך ווערט זי פאַררוקט ערגעץ אין אַ ווינקעלע פון מוח און אַן אַנדערע רוקט זיך אַרויס צום פאָדערגרונט! און ס'וווּנדערלעכסטע, וואָס דאָס אַלץ איז עפּעס, וואָס איז דאָ און דאָך, ביים עפּענען דעם מוח,

קאָנסטו עס נישט געפינען. נו, יאָ, געוויס, ס׳איז דאָ געהירן! און מ׳זוכט דאָרטן, אין דער אַנאַטאָמיע, הייטעלעך און אָדערלעך! אָבער ס׳וויכטיקסטע, אָט דאָס, וואָס מ׳קאָן נישט מיטן מעסער אונטערזוכן, אָט דאָס פאַרשווינדט, ווי דער רויך פון פּאַפּיראָס״...

זיין בליק האָט זיך פאַרקערעוועט אויפן סופיט, ווו שטילע שאָטנס זענען רויק געלעגן און געשאַפן אויסטערלישע געשטאַלטן און פאָרמען, וואָס ציען זיך כּונם כּופּיט איבער די ווענט און ברעכן זיך איבער און פאַלן אויף אים. ס׳איז אים באַפאַלן אַ לאַנגוויייליקייט. אין דרויסן האָט זיך דערווייל ווידער אָנגעהויבן ס׳שטעכן פון די מאַשין-ביקסן און צוזאַמען מיט דעם איז אין אים אויפגעגאַנגען אַזאַ פאַרוואָרף, וואָס אין אַזאַ צייט ליגט ער דאָ, און דאָרטן אונטן, אין די ביוראָס, קאָכט עס איצט! ער האָט זיך געטון אַ הויב אונטער. אין דער זעלבער צייט האָט עמעצער אונטער דער טיר שטיל און פאָרזיכטיק אָנגעקלאַפּט. גיך, ווי אָפּ-צופּטרן, האָט ער געטון א רוף:

— פּראָשע!

די טיר האָט זיך געעפנט קוים-קוים, און דורך דער קליי-נער עפענונג האָט דאָס דינסטמיידל אַריינגעשיקט אַ האַלבן קאָפּ מיט דעם אָנזאָג, אַז:

— טיי איז פאַרטיק!

ער האָט אפילו נישט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ. פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען, איז ער אויפגעשטאַנען און ווידער, ווי איר אָפּצופּטרן, האָט ער סתם, מער פון העפלעכקייט וועגן, געזאָגט:

— דזשענקויע, אַ דאַנק, מיר ווילט זיך נישט קיין טיי.

ס׳מיידל, אָנהאַלטנדיק זיך אָן דער קליאַמקע, האָט אַראָפּ-געקוקט אויף דער רויט-געפאַרבטער פּאָדלאָגע און זייער צוריק-געהאַלטן געפרעגט:

— אפשר אַריינברענגען די טיי אַהער?

— ניין, אַ דאַנק. אַ שיינעם דאַנק.

די טיר האָט זיך פּאַוואָליע צוגעמאַכט. נאָר נאָך איידער

ער האָט באַוויזן זיך אויסצוגלייכן און אַרויפציען אויף זיך ס׳רעקל, האָט מען ווידער אָנגעקלאַפּט. אים האָט עס שוין באַלד פאַרדראָסן: „אין דרויסן קערן זיך וועלטן און דאָ, גלייך גאָר נישט, מ׳פּראָוועט אַלץ דאָס טיי־טרינקען״! שוין כּמעט בייז האָט ער אַ זאָג געטון:

— אנטרעי!

דאָס מאָל האָט זיך די טיר געעפנט, אמת, גאַנץ פּאַוואָליע, אָבער אין דער גאַנצער ברייט, און די מוטער, מאַדאַם שטיקגאָלד, איז אַריינגעקומען. זי איז געווען אַביסל צעטראָגן. איר פּנים׳ וואָס האָט שטענדיק אויסגעזען, ווי בלוט און מילך וואָלטן איר געריזלט אונטער דער הויט, איז איצט געווען בלייך, איבערגע־שראָקן. דער גרויליכער לאָק, וואָס רוט איר שטענדיק אַזוי חנעוודיק אינמיטן שטערן, איז איצטער געווען כּמעט ווייס. אפילו ס׳געטאָקטע גוידערל אונטער דער גאָמבע איז, דאַכט זיך, איינגעשרומפּן געוואָרן, עפּעס ווי אַ ליידיקער הויט־פּאַלד וואָלט זיך דאָרטן געוואַלגערט... בלויז די אויגן, קוקנדיק אויפן זון, אויף איר יצחקל, אויפן יונגן פּאַן שטיקגאָלד, וואָס אָט באַלד וועט ער דאָקטאָר מעדיצין, בלויז די אויגן אירע פון אונטער די וויעס אַפּער האָבן נאָך געהאַט דעם גלאַנץ פון אַמאָל, גלייך גאָרנישט וואָלט פּאַסירט.

מיטן אַריינקומען פון דער מוטער האָט זיך איגנאַצי שטיק־גאָלד, ווי אַ גוט־דערצויגן יינגל, גיך אויסגעדרייט און כּמעט פאַרוווּנדערט געפרעגט:

— מאַמושו?

— זונעלע מיינער, — האָט די מוטער, ווי געוויינלעך, אין פּויליש געזאָגט, —כ׳האָב דיר אפשר געשטערט?

— ניין, מאַמוניו, אָט בין איך טאַקע אויפגעשטאַנען צו גיין...

די מוטער איז דערווייל צוגעגאַנגען צו אים זייער נאָענט

און, כאָטש איינגעהאַלטן, אָבער מיט היבשן פאַרוואורף, אים גע־פרעגט:

— אָבער, זונעלע, פאַר וואָס ביסטו נישט אַריינגעקומען צו טיי? האָסט געוואַרט, די מאַמעשי זאָל דיך קומען רופן?

— זאָל גאָט אויסהיטן! דזשענקויע מאַמושי, באַרדזאָ דזשענקויע. אַך, וועמען ליגט היינט טיי אין זינען? — ער האָט גיך אַרויסגערוקט די רויט־געבעטע שטול פון ווינקל: — זאָל די מאַמעשי זיצן.

— ניין, זון מיינער, כ׳דאַנק דיר. — און זי האָט אים גאָר אָנ־גענומען ביי דער האַנט, ווי זי פלעגט עס טון אַמאָל, ווען ער איז געווען קליין און זי פלעגט מיט אים שפּאַצירן — קום בעסער אַריין אין „סאַלע״, דער פאָטער איז דאָרטן דאָ און עדזשע. ס׳איז היימליכער, ביי אַ גלעזל טיי וועלן מיר זיצן און שמועסן. צו וואָס ליגן דאָ אַליין און טראַכטן? אין דרויסן טוט זיך אַוודאי חושך. יאָ, — האָט זי זיך, ווי דערמאָנט, — יאָ, ווי ווילסטו גיין? האָסט, דאַכט זיך, געזאָגט, ווילסט גיין?

בעת די מוטער האָט גערעדט צו אים, האָט ער טאַקע גע־טראַכט: אַ וווּנדער, האָט די מוטער גאָרנישט באַמערקט אַז ר׳האָט געזאָגט, ער וויל גיין?..

אָבער זי האָט יאָ געהערט. און איצט, אַז זי האָט אים איבערגעפרעגט, האָט ער זיך פאַרלוירן, ווי אַ שול־יינגל. ס׳רונדע פּנים האָט זיך אים פאַררויטלט ביז די אויערן. די בלויע, גוט־מוטיקע אויגן זענען אים אַראָפּגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע. אפילו די אַקסלען האָבן זיך אים אַראָפּגעלאָזט און די הענט זענען אים געוואָרן מיט איינמאָל איבעריק. נו, טאַקע, ווי אַזוי גיט מ׳דאָס מיט איינמאָל אַ פאַל אַרויס מיט אָט דעם באַשלוס זיינעם, מיט וועלכן ער טראָגט זיך אַרום און וועלכן כמעט אַלע קאָלעגן האָבן שוין רעאַליזירט, און נאָר ער איינער געפינט אַלץ נישט דעם מוט איין פאַר אַלע מאָל עס צו זאָגן און עס דורכפירן...

— אָט וועגן דעם וויל איך טאַקע רעדן מיט דער מאַמע־

שי...—האָט ער געטון אַ זאָג, נישט אויפהויבנדיק די אויגן.

די מוטער, כאָטש ער האָט איר נישט געזאָגט, האָט אָבער געאַנט, מיט וואָס דער זון טראָגט זיך אַרום. זי האָט שוין אפילו געהאַט איבערגערעדט מיטן פאָטער וועגן דעם. זיי האָבן נאָר נישט געוואָלט, דער זון זאָל וויסן, אַז זיי ווייסן... און שטילער-הייט געהאָפט, אַז ער וועט עס נישט וואַגן, טאַקע דערפאַר, ווייל זיי ווייסן נישט... איצט אָבער האָט איר געטון אַ זעץ אין האַרץ... זי איז אָבער געבליבן רויק און זייער איידל, כמעט מיט אַ שמייכעלע, אים געזאָגט:

— די מאַמעשי זאָגט דאָך, ביי אַ גלעזל טיי איז היימלעך...

אין סאַליע איז געווען שטיל. דער גאַז-לאָמפּ מיט דער פאָרצעלייענער שיין האָט געברענט איבערן מיטן טיש. אָנגעגאָסענע גלעזער טיי האָבן אַזוי גאָלדיק געפינקלט און געיאָגט פון זיך דינינקע קרייזלעך פאַרע, וואָס האָבן זיך געהויבן און געשלענגלט אין דער לופט. אַ געשליפענער קלאָש מיט צוקער און אַ זילבערן צווענגעלע איז געשטאַנען אינדערמיט. די ראָלעטן פון די פענסטער זענען געווען אַראָפּגעצויגן און די רויטע פּלושענע פאָרטיערן פאַררוקט, ווי צו פאַרשטעלן די היימליכע שטוב פון דער מאַוימדיקער נאַכט אין דרויסן...

דער אַלטער פאַן שטיקגאָלד, דער ווירט פון דעם גאַנצן הויף מיט הייזער, איז געזעסן אָנגעלענט אין אַ ברייטער, רויט-פּלושענער פאָטערשטול. זיין ווייכער, שוואַרצער, מיט זיידענע טאַשמעס געלאַמעוועטער קאַפּעלוש איז אים געווען פאַררוקט אַהינטער צום קאַרק צו. זיין ווייסער שטערן מיט די טיפע ווינקלען האָט געגלאַנצט און געווען פאַרשוויצט פון דער הייסער טיי... ער האָט נעהאַלטן די אויגן לייכט צוגעלענט און די פיינע דינינקע שטריכעלעך און קנייטשעלעך, אַרום די קלוגע

אויגן, זענען אים געווען צוזאַמענגעצויגן, ווי האַלב-צעעפנטע פּעכערלעך. ס'שוואַרצע, גלייך-פּאַרשוירענע, מיט זילבער דורכגעוועבטע לאַפּעטע-בערדל איז ביי אים געווען אונטערגעהויבן צום סופיט צו אַזוי, אַז ס'האָט זיך געקענט דאַכטן ביים ערשטן אַריינקום, אַז פאַן שטיקגאָלד איז אַריינגעפאַלן אין אַ זיסן דרימל...

— גוטן אָוונט, טאַטושו.—האָט דער זון שטיל געזאָגט, גלייך ווי די מוטער איז אַריבער די שוועל און ער האָט נאָר אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ.

דער אַלטער, ווי ער וואָלט שוין דרך-ארץ געהאַט פאַרן זון, וואָס דאַרף ערשט ווערן דאָקטאָר, האָט זיך צוריק אָנגעבויגן צום טיש, אויסגעגלייכט דעם קאַפּעלוש, אַקעגנגעשיקט דעם זון אַ ליבן שמייכל, וואָס האָט זיך אים צעלייגט איבער די ראָזע בעקלעך, ביזן שיין-פונאַנדערגעקעמטן מויל:

— גוטן אָוונט. אַזוי, וואַרטסט, די מאַמעשי זאָל דיך רופן צו טיי?

דער זון האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן דער קליינער עדושע, וואָס האָט געקניט אויף אַ שטול און מיטביידע עלנבויגנס געלעגן אויפן טיש איבער אַ בוך. ער האָט זיך צוגערוקט אַ גלאָז טיי, אַריינגעלייגט צוקער און מישנדיק געענטפערט דעם טאַטן:

— זאָל גאָט אויסהיטן. אַזוי זיך געלעגן און געטראַכט.

— אדרבה, לאָמיך הערן פון וואָס דאָקטוירים טראַכטן. עפּעס אַ קליינעם פּראָצענט האָב איך דאָך אויך שטעקן אין דיין טראַכטן...

דער יונגער שטיקגאָלד האָט זיך געפילט צוויי מאָל געטראָפן פינם טאַטנס „קליינעם פּראָצענט שטעקן". אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַן אָנצוהערעניש: ס'הייסט, „איגנאַצי, ביסט נאָך דערוויל, אַ יינגל"... „און געלט קאָסטו מיך"! די גאַנצע ווייכקייט און נאָכגיביקייט, וואָס די מוטער האָט אין אים אַרויסגערופן, איז מיט איינמאָל אויסגערונען. איצט, האָט ער

דערפילט, קאָן ער דעם פאָטער זאָגן אַלץ! ניין, ער איז נישט מער קיין יינגל! נאָר מאָדנע, אין דער גאַנצער בייזקייט איז ער דאָך געווען דאַנקבאַר דעם פאָטער פאַר דער געלעגנהייט, וואָס ר'האָט אים געגעבן, אָט דאָס אַלץ צו זאָגן.

כמעט מיט רוגזה האָט ער אָפּגערוקט פון זיך ס'אָנגעהויבע־גע גלאָז טיי, אונטערגעהויבן דעם טונקל־בלאָנדן קאָפּ מיטן קורצן שרינטל אינמיטן, און אַזוי פרעגנדיק אָנגעקוקט דעם פאָטער:

— וואָס מיינט דער פאָטער? זיכער נישט געטראַכט וועגן די „מעלדונקעס" אָדער וועגן די הייזער, אָדער דירה־געלט...

די מוטער, מאַדאַם שטיקגאָלד, וואָס איז איצט געזעסן ביים „אונטן־אָן" טיש אַנטקעגן מאַן, האָט פון אַ זייט געקוקט אויפן זון, וואָס איז פלוצים געוואָרן אַזוי קריגעריש, און געפילט, אַז דער אַלטער האָט דאָ „אַלץ" קאַליע געמאַכט. זי, די מאַדאַם שטיקגאָלד, כאָטש זי האָט גערעדט פויליש האָט פונדעסטוועגן אַמאָל־אַמאָל אַריינגעקוקט אין אַ תחינה און זי האָט געוווּסט, אַז „מ'טאָר נישט עפענען ס'מויל דעם שטן". אַז מע מאַכט זיך נישט וויסן, גייט די צייט אַריבער און די גזירה ווערט בטול. איצט אָבער האָט דער אַלטער אַליין געעפנט דעם שטן ס'מויל... כדי צו פאַרגלעטן, האָט זי געזאָגט:

— וואָס האָט דען דער פאָטער געמיינט? ווייניק דאָ, וועגן וואָס צו טראַכטן היינטיקע צייטן? אָט הער נאָר זיך צו, וואָס אין דרויסן טוט זיך... אַן אימה אַ פוס אַרויסצושטעלן!

— און דאָך זענען איצטער מענטשן אין דרויסן! — האָט דער זון דרייסט דער מוטער געענטפערט.

די קליינע עדזשע, וואָס איז ביז איצט געווען פאַרטיפט אין בוך, אַזוי ווי זי וואָלט גאָר דאָ נישט געווען, האָט פלוצים אויפ־געהויבן דעם קאָפּ מיט די צוויי בלאָנדע צעפּ און פאַרוווּנדערט געפרעגט:

— איננאַץ, ווי וואַגסטו אַזוי צו רעדן צו דער מאַמעשי?

— רוף זיך נישט אָן! נישט דייך עסק! — און אויסדרייענ־דיק צוריק דעם קאָפּ צו דער מוטער, פֿאַרענדיקט אין זעלבן דרייסטן טאָן — די מאַמעשי וואָלט מיך נאָר וועלן באַהאַלטן אונ־טערן פֿאַרטוך! כ'בין שוין נישט קיין קינד. כ'האָב פֿליכטן צו מיין פֿאָטערלאַנד...

מאָדנע, כאָטש די מוטער האָט דאָך געאַנט, מיט וואָס דער זון טראָגט זיך אַרום, פֿונדעסטוועגן, הערנדיק איצט דאָס אויף אַן אמת, האָט זי דערפֿילט אַ שטאָך אונטערן האַרץ, און עפּעס איז איר געוואָרן פֿינסטער אין די אויגן און ס'האָט זיך איר גענומען מישן אין קאָפּ, גלייך זי וואָלט אומגעריכט געקריגן אַ קלאַפּ אין אונטערשטן טייל פֿון מוח. און אַזוי זיצנדיק פֿאַרלוירן, האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי זעט אָט דאָ, פֿאַר זיך, אַזאַ ריזיק באַשעפֿע־ניש מיט אַן אָפֿענעם פּיסק, גרויסע, שפּיציקע ציין און ער שלינגט און מאָלט יונגע זין, אָט אַזעלכע, ווי איר יצחק... כּדי צו פֿאַרטרייבן דאָס געשפּענסט, האָט זי גענומען ס'טיכעלע און אָנ־געהויבן רייבן די אויגן, קוקנדיק אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער אויפֿן זון.

און דער פֿאָטער, איגנאָרירט אין גאַנצן געשפּרעך, כאָטש ער האָט זיך געמאַכט אַוועקקוקן, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט, האָט פּלוצים גענומען פּויקן מיט די פֿינגער אין טיש...

בלויז ביי דער קליינער עדזשע האָבן אויפֿגעלויכטן די בלויע אויגן. אַ פֿריידיקע האָט זי געטון אַ טאַנץ אַראָפּ פֿון דער שטול און אַ כאַפּ אַרום דעם ברודער:

— אָט אַזוי האָב איך דיך ליב! יאָ, איגנאַצי, פֿאַרשרייב זיך! אוי, ווי דיר וועט קליידן אַ שווערד מיט שפּאָרן!...

די מוטער האָט זיך פֿון דער קליינערס פּלוצימדיקער פֿרייד אויפֿגעכאַפּט פֿון דער הינער־פּלעט און כאָטש דער האַלז איז איר געווען פֿאַרלייגט, אָט־אָט און זי צעוויינט זיך הויך אויפֿן קול, האָט זי פֿונדעסטוועגן דורכגעשטופּט אַ פֿאַרשטיקטן קלאַנג:

— עדזשע! — און אויף אַן אמת אויסגעווישט מיטן טיכעלע אַ טרער פון פייכטן אויג...

דער זון איז געווען שטאַרק גערירט. אַ פאַרשולדיקטער איז ער צוגעגאַנגען צו דער מוטער, זיך געשטעלט אונטערן ווענטל פון איר שטול, מיטביידע הענט־פלאַכן איר אַרומגענומען ס׳פּנים אַזוי, אַז זיינע פינגער־שפּיצן האָבן זיך באַרירט אונטער איר גאָמבע. ער האָט אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אויף רעכטן אַקסל און קוקנדיק פון דער זייט אין איר רעכטן אויג אַריין, ווו אין ווינקל, לעבן דער בלאַסער נאָז, איז געשטאַנען אַ פרישע טרער, אַ פולע, אַ רונדיקע, האָט ער כמעט בעטנדיק געזאָגט:

— נו, מאַמושו, וואָס איז דאָ דאָ צו וויינען? כ׳גיב זיך נישט אָן פאַר קיין פּריוווּיליקן. כאָטש — האָט ער מיט שטאָלץ מודה געווען, — כ׳וואָלט עס גערן און מיט פאַרגעניגן געטון. אָבער צום באַדויערן, — האָט ער טיף אָפּגעזיפצט, — האָט נאָך פּוילן נישט קיין אַרמיי... נו, די מאַמעשי פאַרשטייט דאָך...

— יאָ, כ׳פאַרשטיי... — האָט די מוטער, קוקנדיק אַוועק מיט שטאַרע אויגן, געזאָגט.

— נו, ווי קאָן די מאַמעשי פאַרלאַנגען, אין אַזאַ צייט, ווען פּוילן נויטיקט זיך אַזוי אין מיר, כ׳זאָל ליגן אין שטוב, מאַמעשי מיר פאַרגעבן פאַרן אויסדרוק, ווי אַ שטשור און זיך לעקן די אייגענע פעל... ס׳איז דאָך אַ שאַנדע פאַר אַ יונגן מענטשן, ווי איך, צו ליגן אין שטוב, ווען די גאַנצע וועלט „סמאַליעט" זיך, און זיך גראַבלען אין די געשעפטן פון די הייזער. דאָס קאָן דאָך דער פאָטער אַליין טון. און אַ „זשאָנצע" איז דאָ אויך דאָ. און סיי־ווי צאָלט קיינער נישט קיין דירה־געלט. ניין, ניין! כ׳קען דאָס נישט מער. כ׳מוז זיך איצט ווידמען אַ העכערער זאַך. ס׳איז מיין פליכט, מיין בירגערלעכע פליכט...

דער פאָטער, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן, ווי ער וואָלט זיך גאָרנישט צוגעהערט צו דעם גאַנצן געשפּרעך, כאָטש ער האָט שוין פאַרשטאַנען, וווהין דער זון צילט, האָט פּלוצים

און מיט אַן אויטאָריטעטן טאָן, ווי איינער, וואָס ווייס אויך, וואָס אויף דער וועלט גייט אָן, געטון אַ פרעג:

— זאָג מיר נאַר, זון מיינער, וואָסערע פליכטן מיינסטו דאָס?

דער יונגער שטיקגאָלד האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ פון דער מוטערס אַקסל, אַ ווייל געקוקט אויפן טאַטן, ווי ער וואָלט זיך ערשט געכאַפּט, אַז דער פֿאָטער איז אויך דאָ:

— טאַטושו ווייס, וואָס איך מיין! איר הערט דאָס קנאַלן אין דרויסן? די מאָסקאַלעס ציען איצט אָפּ און באַפעסטיקן זיך אויף יענער זייט ווייסל. היינט וועט מען אויפרייסן די בריקן, פאַרכאַפּט פון די געוואַלטיקע געשעענישן, וואָס דאַרפן זיך אָפּ-שפּילן פאַר זיינע אויגן, האָט ער דערווייל נישט באַמערקט, ווי ער האָט געהויבן דעם טאָן און די התפעלות, אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלן). מאָרגן וועלן זיכער זיין די דייטשן און אונזער שטאָט איז אָן יעדער מאַכט. און ס'איז אין פוילנס אינטערעסן, ס'זאָל געשאַפן ווערן אַ מאַכט, מיט וועלכער די אָקופּאַנטן זאָלן זיך מוזן רעכענען. זאָל דער טאַטעשי זאָגן, איז עס נישט מיין פליכט, מיין בירגערלעכע פליכט, צו פאַרשרייבן זיך און ווערן אַ מיליציאַנט? אָט אין דעם האַנדלט עס זיך...

ער איז שטיל געוואָרן, דער יונגער שטיקגאָלד, זיך צוריק אַוועקגעזעצט צום טיש און שטילערהייט זיך איינגעהערט אין דעם טעמפּן קנאַלן פון דער באַנייטער שיסעריי, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער פינסטערער נאַכט ערגעץ דאָ אַרום. מיט קורצע איבעררייסן האָבן זיך צווישן דריבנעם שיסעריי פון די מאַשין-ביקסן דערהערט שאָסן פון האַרמאַטן, וואָס האָבן דאָ, אין דער פאַרמאַכטער, אין דער ווייך-פאַרהאָנגענער שטוב אָפּגעקלאַפּט, ווי דונערן וואָלטן זיך געקאָלערט איבער דער ערד. פון יעדן אַזאַ דונער האָבן די גלעזער זיך אַ טרייסל געטון און אַזוי פורכטיק געקלונגען איבער די פאָרצעלייענע טעצעלעך.

ס'איז געווען שטיל. מאַדאַם שטיקגאָלד איז געזעסן מיט

אירע ווייכע, דעקאָלטירטע הענט אָנגעשפּאַרט אָן טיש. זי האָט געקוקט אויפן זון, די עטלעכע טרערן, וואָס האָבן זיך קעגן איר ווילן אַרויסגעריסן, זענען שוין געווען ערגעץ איינגעזאַפּט אין טיכל. אַ שטילע, קוקנדיק אויפן זון, האָט זי נאָכגעטראַכט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט דאָ געזאָגט. און כאָטש אַלץ איז געווען אַזוי קלאָר, האָט זי דאָך נישט געקענט באַנעמען, וואָס דאָ קומט פאָר. פאַרקערט, זי האָט גאָר געפילט, אַז דאָ קומט פאָר עפּעס אַ גרויסע אומרעכט. נאָך אַלעמען איז עס דאָך נישט צום פאַרשטיין! אָט האָט זי אויסגעכאָוועט אַזאַ זון! אַ מאַן אַ גאַנצן! און זי דאַרף דאָך אים איצט מער, ווי ווען ער איז געווען קליין. וועט ער איצט נעמען און אַוועק... ווער ווייסט, וווהין ער וועט אַוועק? ער האָט „פליכטן" צום לאַנד... נו, און צו דער מאַמען? ער איז שוין איצט גרויס. אַ מאַן! וואָס דאַרף ער זי? און ווי שיין ער רעדט דאָס וועגן פּוילן. פּוילן דאַרף אים צו האָבן... נו, און די מאַמע? דאַרף זי אים נישט מער, ווי ס'דאַרף אים פּוילן? און וואָס מיינט דאָס פּוילן? פּוילן אָן איר, אָן אַלע אַנדערע מאַמעס?...

דער אַלטער שטיקגאָלד, אויסהערנדיק דעם זונס באַגייסטערטע דרשה, האָט געפילט, אַז ס'איז איבעריק יעדעס וואָרט. ער קען זיין יצחקן. לאַנג טראָגט ער זיך אַרום מיט אַ פּלאַן. נעמט ער זיך, וועט ער אים שוין אַדורכפירן. דאָך האָט ער, קוקנדיק אויף זיינע ווייסע פינגער, וואָס פּויקן אַזוי נערוועז, דאַכט זיך, פון זיך אַליין, אין טיש אַריין, געפּרוווט:

— ווענן פעלן מיליציאַנטן אין וואַרשע! אויך די מוזט זיין אינמיטן? נו, און איך? און די מאַמעשי? האָבן שוין גאָר נישט וואָס צו זאָגן? עפּעס האָבן מיר דאָך אויך צושטייער געגעבן צו דעם געשעפט. אָט אַ שטייגער אַזוי פיל, ווי... נו, ווי פּוילן? און מיר פאַרלאַנגען דאָך, גאָט באַהיט, נישט קיין קרבן פון דיר. פאַרקערט, מיר ווילן נאָר דיין טובה. אָט וועט זיך איינשטילן, דער אוניווערזיטעט וועט זיך צוריק עפענען, וועסט צוריק

אריין און ענדיקן, קריגן אַ דיפּלאָם. דערנאָך וועסטו חתונה האָבן מיט אַ פיין מיידל און וועסט טאַקע קאָנען נוצן ברענגען דיין לאַנד אויך.

דער זון האָט אָנגעקוקט דעם פאָטער און געטראַכט: „ווי מאָדנע רויק און געמיטלעך אַלץ איז ביים טאַטן". די רויקייט האָט אים דענערווירט:

— אָבער פאָטער! פעלן דען דאָקטוירים אין וואַרשע? גאָר אַ דאָקטאָר שטיקגאָלד פעלט?

— ווען דען פעלן מיליציאַנטן? נאָר אַ מיליציאַנט שטיקגאָלד מוז זיין? - האָט דער פאָטער מיט טריומף אים צוריק געוואָרפן, און ווי צו ווייזן דעם זון, אַז ער מיינט אויך דעם נוץ פון פוילן, האָט ער צוגעגעבן, — און ווער זאָגט דאָס, אַז נוצן ברענגען אַ לאַנד קאָן מען נאָר מיט אַ שווערד? איז דען נישט היילן די ווונד פון אַ שווערד נויטיקער, ווי מאַכן די ווונד?

— אַלע, פראָשע וואַס, כ'בעט אייך, כ'האָב דאָך אַ רעכט אויף מיין לעבן! — האָט דער זון מיט נאָך מער נערוועזיטעט, צוליבן פאָטערס לאָגיק, אויסגעשריגן.

— אפשר יאָ און אפשר נישט! — האָט אים דער פאָטער שאַרף געענטפערט.

איגנאַצי שטיקגאָלד איז אויפגעשפרונגען פון טיש, ווי אַ פלוצים-געעפנט שפרינג-מעסער:

— איך קאָן נישט מער! ערן-וואָרט, ווי כ'קאָן נישט מער! כ'קאָן מער נישט רעדן מיט אייך! אַז אייך ליגט גאָר אין זינען דער דאָקטאָר. איר זעט דאָך נישט מיך! בלויז ס'גלאַנציקע שילדל „דאָקטאָר שטיקגאָלד" זעט איר דאָך. און איך קאָן נישט מער! איך קאָן זיך מער נישט פאַסקודזשען מיט אייערע „מעלדונקאָווע" ביכער און חלומען וועגן „דאָקטאָר דיפּלאָם". — ער האָט אָפּגעשטעלט זיין שפּאַנען, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום פאָטער און שוין כמעט מער געשריגן ווי גערעדט, — היינט קלייבט מען נישט קיין דירה-געלט! היינט ברענט דער דאָך איבערן

קאַפּ! — און צעלאָזנדיק זיך צוריק איבערן צימער, האָט ער נאָך אַלץ זיך נישט באַרויקט, — איר הערט ס'דונערן אין דרויסן? הערט איר כאָטש, ווי פּוילן קרעכצט און וויל געבוירן ווערן? און איר האָט אין זינען אייערע הייזער און אייער „דאָקטאָר שטיקגאָלד״!... „באָזשע מאָי״!...

מאַדאַם שטיקגאָלד איז פּאַוואָליע אויפגעשטאַנען פון טיש, ווי זי וואָלט געווען אַ שווער־קראַנקע, קוים צוגעשאַרט זיך צום זון, אים אָפּגעשטעלט פון זיין נערוועזן שפּאַנען, אַרויפגעלייגט אירע ווייכע הענט אויף זיינע אַקסלען און, קוים איינהאַלטנדיק זיך פון געוויין, אים געזאָגט:

— אָבער, זון מיינער, באַרויק זיך. נו שוין! דו מעגסט! דו מעגסט! אַוודאי מעגסטו... אַוודאי באַלאַנגסטו צו פּוילן! וואָס דען צו מיר? צו דער מאַמען? וואָסער רעכט האָב איך אויף דיר? גיי, גיי, מיין... מעג איך דיך כאָטש רופן „זון״? האָב איך כאָטש דאָס רעכט? (אירע הענט האָבן זיך, פון זיך אַליין, אַראָפּגעגליטשט פון זיינע אַקסלען) גיי, מיין זון, מ'רופט דיך! פּוילן רופט דיך...

דער אַלטער איז געבליבן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. ער האָט זיך נישט געגלויבט, אַז די מאמע וועט דאָס אַזוי אַרונטערשלינגען. ער האָט געמיינט, ס'וועט זיין „אַנדערש״.

פאַר דאָס איז פאַרן זון דער „אַזוי אַרונטערשלינגען״ געווען זייער פיינלעך. ער האָט נאָך זיין מוטער אַזאַ פאַרווייטאָגטע נישט געזען. איר „גיי, מיין זון, גיי״, איז פאַר אים געווען פיינלעכער, ווי זי וואָלט אים געפּאַטשט און געטופּעט—ניין! ער האָט זי אַרומגענומען, געקושט ס'פאַרוויינטע פּנים:

— אָבער מאַמושו טייערע, ס'איז דאָך קיין געפאַר דאָ נישטאָ. איך ווער דאָך נישט קיין זעלנער! איך גיי נישט אויפן פראָנט געהרגעט ווערן. ס'איז דאָך דאָ! אין שטאָט. נו, די מאַמעשי פאַרשטייט דאָך. ס'מוז דאָך געשאַפן ווערן אַ בירגערמיליץ. איך גיי דאָך בלויז טון מיין בירגער־פליכט. נו, זאָל די

מאַמעשי זאָגן, ווער דען זאָל אַריינטרעטן, אויב נישט מיר, סטו־דענטן? זאָל די מאַמעשי מיר דערלויבן! „פראָשע וואַס"!...

די מוטער האָט נאָך אַלץ אים אָנגעקוקט אַזוי פרעמד, ווי נישט פאַרשטייענדיק, ווי ער קאָן בלייבן אַזוי, זי אינגאַנצן נישט זען און זיך אַלץ רייסן אַהין... ווער ווייס וווהין? זי האָט גע־וואָלט עפּעס זאָגן, בעטן, באַפעלן, שרייען — אַרויסגעקומען איז גאָר: „אַזוי, אַזוי, מיין קינד, ביסט גערעכט... אַזוי..."

כאָטש ס'איז אים געווען אַזוי פיינלעך דער מאַמעס מאָדנע אַקצעפּטירן, וואָס האָט געמיינט: „ניין! גיי נישט, ווי גאָט איז דיר ליב, גיי נישט", פונדעסטוועגן איז דער באַשלוס אין אים דווקא שטאַרקער געוואָרן. ס'איז שוין ביי אים געוואָרן אַ פראַגע פון „האָנאָר", „איז ער אַ דערוואַקסענער מענטש, אָדער נישט"?

שטיל, ווי אַ מאַמע שיילט זיך אַרויס פון די הענטלעך פון אַ נאַר־וואָס איינגעשלאָפן קינד, אַזוי האָט ער זיך אַרויסגעשיילט פון אירע אָרעמס, גיך אַריין צו זיך אין צימער, אָנגעטון דאָס סטודענטן־רעקל, אַרויפגעצויגן דעם גראָבן פּאַלטן, ס'היטל מיטן גלאַנציקן דאַשעק, צוריק אַריינגעקומען אין סאַליע, אויף גיך, איילנדיק זיך, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, טאָמער האַלט מען אים ווידער אָפּ, איז ער צו, געגעבן אַ קוש דעם פאָטער: „דאָב־ראַנאָץ, טאַטושו", דערנאָך צו דער מוטער: „אַדיע, מאַמוניו", אויף ווידערזען!

די קליינע עדזשע, וואָס איז נעבעך פון פריער אָן געזעסן, ווי אָן אָפּגעשמיסענע, האָט פּלוצים ווידער אויפגעלעבט. אַ פריידי־קע, וואָס דער ברודער וועט האָבן אַ שווערד, איז זי געטון אַ לויף צו, אַ כאַפּ זיך אַרויף אויף אים, אים געקושט: „דאָבראַנאָץ!"

ערשט איצט, אַז דער זון איז שוין געווען פון יענער זייט טיר, האָט מאַדאַם שטיקגאָלד צוגעטראָגן ס'טיכל צו די אויגן... דערנאָך, דער מאַן זאָל נישט זען די טרערן, האָט זי אַוועקגע־לייגט דעם פיין־פאַרקעמטן קאָפּ אויפן טיש און שטיל אַריינגע־העשעט אין אירע ווייסע אָרעמס אַריין... אָבער דער אַלטער

שטיקגאָלד האָט סיי־ווי גאָרנישט געזען. ער איז גאָר געזעסן אָנ־געלענט אָן דער שטול, געגלאָצט מיט די אויגן צום סופיט און זיך צוגעהערט צו די טריט, וואָס טראָגן זיך אַזוי פריידיק פון אונטער איגנאַציס פיס, ווי אַ שטייגער ער וואָלט געלאָפן צו אַ טאַנץ... און ביי אים גאָר, פילט ער, האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן פון האַרץ און אָט קאָלערט עס זיך דאָרט אויף די שטיגן, אַזוי גיך־יך, נישט צו דערכאַפּן עס... און דאָ ווערט אַזוי פּוסט... אַזוי ליידיק און עס ווערגט אַזוי, אָט, אָט...

קאַפּיטל 2

אין פּאָליציי־באַצירק, דאָרטן אונטער די שטאַכעטן, וואָס צעטיילן די גרויסע שטוב אין צווייען, זענען די טישן געווען צערוקט, די טירן און שופלאָדן פון די שענק אויפגעפּראַלט, ווי נאָך אַ גרויסן, אָבער געאײלטן, פּאָגראָם און מאַסן פּאַפּירן האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער פּאָדלאָגע.

ליידיק... דער איינציק־געבליבענער שרייבער, דער הויכער, שווערער פּאָליאַק אויף דער הילצערנער קוליע, איז געשטאַנען צווישן די פּאַפּירן און געדרייט דעם שווערן קאָפּ, געסאַפּעט פון אונטער די גרויסע, שווארצע וואָנסעס אַפּער, וואָס האָבן אים פאַרשטעלט ס'מויל, ווי אַ שווערע פאָרהאַנג. ער האָט געקוקט אויף דעם חורבן, און נישט ווילנדיק איז זיין בליק געפאַלן אויפן גרויסן פּאָרטרעט פון צאַר ניקאָלאַי, וואָס איז געהאָנגען אויבנאָן אויף דער וואַנט. ער האָט געטראַכט אים אַראָפּצונעמען, ער האָט זיך אָבער דערשראָקן פאַרן געדאַנק, דערביי האָט ער זיך דערמאָנט די געזעגנונג פונם פּריסטאַוו: „באַלד, ווי אונזערע זעלנערלעך וועלן נאָר אָפּשלאָגן דעם פאַרשאָלטענעם גערמאַניעצקומען מיר צוריק". און ער האָט זיך גאָר גענומען מיטן איינציקן, שווערן פוס פאַרשאַרן די פּאַפּירן אונטערן טיש אַרונטער. דערנאָך האָט ער זיך דאָך צוגעהעצקעט צו דער וואַנט, אָנגעקוקט ניקאָלאַיען און גענומען רעדן צו אים, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אים אַ לעבעדיקער:

— אַזוי, אַזוי, פּאַניע מיקאָלאַיו, א סוף, אַ סוף... אָהאָ, שוין לאַנג, גאַנץ לאַנג דיך נישט ארומגעווישט...

רעדנדיק אַזוי, האָט ער דערווייל אונטערגעהויבן דעם שווערן פּאָרטרעט, אים אַרונטערגענומען, און אויף דער וואַנט האָט זיך באַוויזן אַ פיר־קאַנטיקער בלויז, די פאָרם פון אַ ראַם, אין ווענעמס מיטן, אין טיפן שפּינוועבס, ווי אַ זשאַבע אין דער בלאָטע ס׳איז געזעסן אַ פּעטע, שוואַרצע שפּין, וואָס האָט גלייך ביים אָפּדעקן זי גענומען זיך פּלאָנטערן און ציען מיט די דראָטענע לאַפּקעס אַרויף, אַרויף צום סופיט־צו...

— אָט וואָס האָסט אויסגעבריט, מיקאָלאַיו... לאנג דיר גע־נומען, אָבער געראָטן, געראָטן...

דערווייל האָט זיך דאָרט געעפנט די טיר און ס׳זענען אַריינגעקומען צוויי מענטשן אין בלויע היטלען מיט גלאַנציקע דאַשקעס און לענטעס פון ווייס און העל פּורפּור אַרום זייערע לינקע אָרעמס.

זיי זענען געבליבן שטיין פון דער זייט שטאַכעטן, דער־לאַנגט עפּעס אַ פּאַפּיר דעם לאָמען מענטשן, וועלכער האָט דער־ווייל אויף גיך באַהאַלטן דעם פּאָרטרעט צווישן שאַנק, אַריינגע־קוקט דערין פון אונטערן גרויסן שטערן און געדיכטע ברעמען. באַלד האָט זיך באַוויזן אַ ווייך שמייכעלע אויף זיין האַרטן פּנים און גלייך האָט ער פון אונטער די מעכטיקע וואָנסעס אַפּער געזאָגט :

— „פּראָשע באַרדזאָ", (ביטע זייער)...

די צוויי מענטשן זענען אַרונטער אין יענער זייט שטאַ־כעטן, אויסגעטון די היטלען און די מאַנטלען, זיך באַלד דער־פילט היימיש און גענומען צוריקרוקן די טישן, פאַרמאַכן די שופלאָדן, גלייכשטעלן די שענק. באַלד איז אַלץ צוריק געשטאַ־נען אויף אַן אָרט, גלייך ס׳וואָלט דאָ קיינמאָל גאָרנישט פּאָר־געקומען...

ביסלעכווייז איז דאָ אין די שטוב אָנגעשטאַנען אַ גרויסע

לעבעדיקייט. יונגע מענטשן, מיט לענטעס אויף די אָרעמס און אָן, האָבן געהאַלטן אין איין קומען. מ'האָט געררויכערט און לע־בעדיק, אפילו גאַנץ הויך, געשמועסט צווישן זיך. דער לאָמער איז שוין צוריק געזעסן, ווי אַלע מאָל, ביי זיין טיש און גע־שריבן. אויך יענע צוויי זענען געזעסן איבערגעבויגן איבער די טישן אונטער די נידעריק־אַראָפּגעצויגענע עלעקטרישע לעמפּלעך מיט די גרינע, פּאָרצעלייענע שיינדלעך און געשריבן און אַלע ווײַלע אונטערגעהויבן אַ גרין־באַשאָטנטן קאָפּ, אויסגערופן עט־לעכע נעמען, עפּעס באפוילן און די גערופענע אוועקגעשיקט ער־גען אויף אַ ווינקל פון די לערע, טונקעלע גאַסן...

איגנאַצי שטיקגאָלד איז דאָ אריינגעפאַלן אַביסל אַ צע־טומלטער. דער מוטערס לעצטע סצענע איז אים נאָך געשטאַנען פאַר די אויגן. כאָטש דאָ איז געווען גאַנץ ליכטיק, האָט ער אָבער באלד ביים אַריינקומען, כמעט גאָרנישט געזען. ערשט דערנאָך, אַז איינער פון זיינע סטודענטן־פריינט האָט אים אַרומ־געכאַפּט: „וואָס מאַכסטו, שטיקגאָלד?״, האָט ער זיך געכאַפּט און, ווי איינער, וואָס האָט שטאַרק פאַרשפּעטיקט, זיך געטון אַ לאָז צו די שטאַכעטן. ער איז אָבער שטיין געבליבן, ווייל אין דער מינוט האָט זיך געעפנט די טיר, וווּ ביז איצט איז געזעסן דער פּריסטאַוו, און ס'האָט זיך באַוויזן אַ נידעריק מענטשל, אַ דינס, אין גאָלדענע פענסנע אויף זיין שאַרפער נאָז. ער האָט געטראָגן אַ גרויען אַנצוג מיט אַ לענטע פון ווייס און העל־פורפּור ארום זיין לינקן ארבל. פּאַוואָליע, אָבער מיט אַ זיכערן טריט, האָט ער זיך דערנענטערט צום טיש לעבן די שטאַכעטן, געבליבן שטיין רויק און געקוקט שאַרף מיט די קליינע אויגן דורך די דיק־גע־שליפענע גלעזער, ווי ער וואָלט געוואָלט אַלעמען היפּנאָטיזירן.

ס'איז געוואָרן שטיל און אין דער שטילקייט האָט שטיק־גאָלד געהערט פון דער זייט דורך זיין לינקן אויער: „אונזער

קאָמענדאַנט". אים איז דורך אַ געדאַנק: „איך בין געלעגן אין צימער, און דאָ האָט זיך געדודערט"...

דאָס מענטשל האָט אַוועקגעלייגט זיינע ווייסע, דינע הענט אויפן טיש. באַלד האָט ער זיי אַרויפגעלייגט אויף זיין נאַס־פאַרקעמטן קאָפּ אַזוי, אַז ר'האָט שטאַרק אָפּגעצויגן די האָר איןביידע זייטן, פון וואָס דער ווייסינקער שרונט אינמיטן קאָפּ איז געוואָרן ברייטער און אויך ווייסער. (שטיקגאָלדן, ווי אַ סטו־דענט־מעדיצין, האָט זיך אפילו געדאַכט, אַז דאָס טוט ער פון קאָפּ־ווייטאָג). דערנאָך האָט ער די הענט צוריק אַראָפּגעלאָזט אויפן טיש, זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיי, דערביי האָט ער שטאַרק געביסן די אויבערשטע ליפּ מיטן דין־פאַרשווירענעם, בלאָנדן וואָנ־סעלע, וואָס איז איצט געשטאַנען האַרט, ווי די שטעכערס ביי אַ יעזש...

שטיקגאָלד איז געווען הינגעריסן, קוקנדיק אויף דעם קליינעם מענטשל, אין וועלכן ער האָט געפילט, ס'איז דאָ אַ שטאַרקער מאַכט־באַוווסטזיין און אַ סך פערזענלעכקייט. זיין פאַנטאַזיע האָט אים שוין געמאָלן אָט אַזעלכע אַ סך, ווי אמתע פירער פון אַ באַפרייט פוילן... און כאָטש אין דרויסן האָלען „פרעמדע" קוילן, וועט דאָך... יאָ, וואָס האָט ער געזאָגט? ר'האָט־דאַכט זיך, עפּעס פאַרהערט?

דאָס מענטשל האָט איצט גערעדט אַזוי גלאַט און אַזוי אָנגענעם... ווי וווּנדערלעך ס'איז פאַר אים, שטיקגאָלדן, געווען צו הערן:

— „פּוילישע יוגנט! פּוילן לעבט היינט איבער אַ היסטאָ־רישע שעה... די געשיכטע וויל, אַז מיר זאָלן שטיין אונטערן האָגל פון פרעמדע קוילן... (פרעמדע קוילן! אָט דאָס איז עס, וואָס שטיקגאָלד האָט נאָר־וואָס געטראַכט...) אומבאַשיצט, אונ־טערן פרעמדן פייער ווערט אונז איבערגעגעבן אָפּצוהיטן אונ־זער הייס־געליבטע שטאָט. מיר ווייסן נישט, וואָס די פייערן וועלן ברענגען פאַר פוילן. נאָר לאָמיר מיט גרויס בטחון דער־

פילן אונזער בירגערלעכע פליכט און זיך גרייטן פאַרן גרויסן מאָמענט!"...

ער האָט נאָך פיל און לאַנג גערעדט, דער בלאָנדער מענטש אין די פענסנע. נאָר געבליבן ביי איגנאַצי שטיקגאָלד אין קאָפּ זענען די ווערטער: „מיר ווייסן נאָך נישט, וואָס די פייערן וועלן ברענגען פאַר פוילן... לאָמיר זיך גרייטן פאַרן גרויסן מאָמענט!" און דערווייל דאַרף מען, הייסט עס, שטיין אונטערן פייער פון „פרעמדע קוילן".

איז אָט גייט ער עס איצטער, אינגאַצי שטיקגאָלד, אין דער שפּעטער שעה פון דער נאַכט. אַרום איז פּוסט, און אין דער פּוסטקייט קלאַפּן די טריט אַזוי דומפּ, אַזוי אומהיימלעך. און כאָטש ס'איז אויגוסט, וואַרעם, אַן אויסגעשטערנטער, בלויער הימל, כאַפּט אים דאָך אַ קעלט אָן פון דער טויטער פּוסטקייט. עפּעס שטומען מאָדנע די האַרמאַטן און איינגעשלאָפן זענען די מאַשין-ביקסן. איז שטיל, שטיל צום דערוואָרגן ווערן...

ווי אַן אמתער „הויפּטלינג" מיט די פיר „אונטערגע-אָרדנטע" צו צוויי אין אַ ריי נאָך אים, גייט ער פאָרויס, די ברוסט שטייף אַרויסגעשטעלט, נאָר עפּעס דער קאָפּ ציט זיך אַליין אין קאָלנער אַריין... אויף באַשטימטע ראָגעס צעשטעלט ער זיי און שיקט די פריעריקע רוען. אַליין, מיט נאָך איינעם, בלייבט ער שטיין ביים גרויסן טויער פון דער וואָיענער טורמע, וווּ, דאַכט זיך, אָט נאָר-וואָס האָט דאָ אַרומגעשפּאַנט מיט אַ ביקס אויפן אַקסל דער גרויסער, שווערער, רוסישער זעלנער.

פּונקט ווי אַלע מאָל, נאָך אַ טיפער שטילקייט אין דער נאַטור, קומט אַ גרויסער שטורעם, אַזוי אויך איצט.

פּלוצים און מיט איינמאָל האָט עס געטוען אַ ריס, גלייך די ערד וואָלט זיך געשפּאָלטן אונטער די פיס און איינגעשלונ-גען אַלץ, די גאַנצע וועלט און אים אויך. ביי שטיקגאָלדן האָבן אַזש די אויגן אָנגעהויבן צו בלינצלען, גלייך ער וואָלט גע-קריגן דעם זעץ אין די אויגן אַריין, און די פינגער פון די

הענט האָבן אים געגומען ציטערן, ווי אין אַ קדחת. און נאָך איידער ער האָט באַנומען דעם זעץ, איז געקומען נאָך איינער און באַלד אַ דריטער.

אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך געפונען פאַר־שטעקט אין ווינקל פון טויער. ער האָט זיך געוווּנדערט: ווי קומט ער דאָ אַהער? ר׳איז דאָך, דאַכט זיך, געווען אין יענעם עק? „ווייזט אויס“, האָט ער געטראַכט, „דער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג קאָן אַליין רעגירן, ווען דער מוח ווערט פאַר אַ סעקונדע צעטרייסלט“.

איצט איז ווידער געווען שטיל, אַ נאָך־שטורעמדיקע שטיל־קייט... זיין מיטשפּאַנער, דער „אונטערגעאָרדנטער“, איז אויך געווען ערגעץ פאַרשטעקט און איז אים איצט אַקעגנגעגאַנגען.

— אויפגעריסן די בריקן?

— ווייזט אויס.

— קאָן מען זיך ריכטן אויף די דייטשן יעדע מינוט?

— ווייזט אויס...

שטיקגעלד האָט, דאַכט זיך, גאָרנישט באַנומען יענעמס פראַגן. ער האָט געענטפערט דעם „ווייזט אויס“ פולשטענדיק מעכאַניש. ער איז גאָר געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיטן אַקסל אָן דער וואַנט און געקוקט אין טיף־בלויען הימל, וואָס שאַריעט שוין דאָרטן אין מזרח, בעת דאָ, איבער זיין קאָפּ, שווימט אַן איינ־זאַם שטערנדל, פונקט ווי אַ גלי־ווערמל, וואָס אָט־אָט וועט עס זיך באַלד אויסלעשן און פאַרשווינדן, אָט אַ שטייגער, ווי ער האָט געטון אַ פאַרשווינד פון דער מאַמעס הענט אַרויס. ערשט איצט באַנעמט ער די אכזריות, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן דער מוטער... ער זוכט אפילו צו באַרעכטיקן: „אַזאַ צייט... פליכט... שוין זעלבסטשטענדיק...“ נאָר מאָדנע בלאָס זענען איצט די אַלע ענטפערס, וואָס, דאַכט זיך, פריער האָבן זיי געפלאַמט... וואָס טוט זי איצט, די מאַמעשי? שלאָפט זי? יאָ, אין אַזאַ נאַכט!

זי מוז איצט ליגן און זען אים אַ צעריסענעם נאָך אָט די דריי אויפטרייסלונגען".

אַ מאָדנער באַגער האָט אים אַרומגעכאַפּט! לאָזן די הויכע טורמע-מויער און לויפן גיך-גיך אַהיים און זאָגן: „מאַמעשי, שרעק זיך נישט! אָט בין איך! גאָרנישט מיר געשען! גאָר-נישט!...

ער האָט זיך אַליין פאַרשעמט. „ס'אַ נאַר איך בין! אַן אמת יינגל"... און מיט געוואַלט האָט ער דעם באַגער דערטרונ-קען ערגעץ אין אַ ווינקל פון מוח. נאָר פונדעסטוועגן האָט ער אַרויסגעשלעפּט ס'זייגערל און אַ קוק געטון. אַז כאָטש ס'קליינע ווייזערל רוקט זיך קוים, איז דאָך שוין אַוועק באַלד אַ שעה און באַלד-באַלד וועט ער זיין אינדערהיים און ווייזן דער מאַמען, אַז ער איז נאָך דאָ...

די נאַכט איז געוואָרן אַלט און גרוי. פון דער גרויקייט האָבן זיך אויסגעשיילט פיגורן. אַן אַלטער ייד מיט אַ געשוואָלענעם טלית-זאַק אונטערן אָרעם איז דורכגעגאַנגען, גלייך אויף דער וועלט וואָלט קיינמאָל גאָר נישט געווען... ביסלעכווייז איז גע-וואָרן ליכטיק. מענטשן האָבן זיך באַוויזן, און צו שטיקגאָלדס שטוינען האָט זיך, ווי פון הימל אַראָפּ, באַוויזן אַ דייטש אין אַ גרוי-איבערגעצויגענער קאַסקע מיטן שאַרפן שפּיץ אין דער הויך. אויף זיין רימען אַרום דער טאַליע, אויף דער לינקער זייט, האָט אים געבאָמבלט אַ שווערער נאַגאַן, און רעכטס, אַראָפּגעהאָנגען אויף אַ דין פּאַסיקל פון זיין אַקסל אַ ברוין. האַלב-רונד, לעדערן קעסטעלע פון אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצע בינאָקלען, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין איין האַנט, און אין דער צווייטער—אַ האַלב-אויפגעעפנט פּאַפּיר.

דער דייטש האָט זיך פּאַוואָליע און מיט גרויס פּאָרזיכט דערנענטערט צו די צוויי מיליציאַנטן און קוקנדיק אין פּאַפּיר געזאָגט: „מיליטערישע טורמע, ניכט וואַר? אונד זי ווער זינט?"

— בירגער-מיליץ, מיין הער! — האָט שטיקגאָלד געענט-

פערט און געבליבן שטיין גלייך, מיליטעריש אויסגעצויגן.

דער דייטש האָט גענומען עפּעס צייכענען אין פּאַפּיר און פרעגנדיק „גיבט עס היר רוסן?", איז ער אַוועק און נאָך איי־דער די צוויי מיליציאַנטן האָבן זיך אַרומגעקוקט, זענען שוין געווען לעבן זיי דריי אַנדערע דייטשן פול און שווער באַוואָפנט. דערנאָך האָט מען פאַר זיי געעפנט ס'טויער און שיקנ־דיק שטיקגאָלדן פאָרויס, ווי אַ שויך־וואַנט פאַר אַן אומגעריכטער קויל, זענען זיי אַריין אינעווייניק און אַרומגעקוקט און געשמעקט און פאַרצייכנט אין אַ פּאַפּיר.

שטיקגאָלד איז דערנאָך, נאָכן אָפּגעבן דעם אָפיציעלן באַ־ריכט אין באַצירק, געגאַנגען אַהיים אַ טיף פאַרטראַכטער איבער דעם אַלעם. „אָט דאָס הייסט אָרדנונג"! האָט ער צו זיך אַליין גערעדט. „קומען גלייך מיט דער מאַפּע אין האַנט און געפינען באַלד און באַזעצן אַזוי גיך יעדן פונקט"... „דאָס הייסט מלוכה־פירונג! אָט ביי וועמען מיר וועלן זיך דאַרפן לערנען"...

אין דער מאַוימדיקער, שלאָפלאָזער נאַכט איז מאַדאַם שטיקגאָלד געלעגן אין בעט אַ וואַכע און געשטאָכן געוואָרן פון געדאַנקען, ווי פון שפּילקעס. דעם זונס אַרויסשיילן זיך פון אירע הענט, זיין רעדן וועגן פליכטן צו פוילן און נישט זען זי, די מאַמען, אָט די אַלע געדאַנקען האָבן זיך איר אָנגעהויפּט אין קאָפּ עפּעס צו אַ ריזיקן באַרג, וועלכן זי האָט גאָר מורא געהאַט צו נעמען אַריבערקלעטערן...

„וואָס אייגנטלעך איז דאָ"? — האָט זי געטראַכט, — „וואָס מיינט דאָס: פוילן רופט מיך? אַזוי, דאַכט זיך, האָט ער געזאָגט, ווער־זשע איז דאָס פוילן? דאַכט זיך בלויז אַ לאַנד... אַ הימל, ערד, ביימער, וואַסערן... נו, רופן זיי דאָס אים? מיין זון? צו וואָס דאַרפן זיי דאָס? און אפילו יאָ, האָבן זיי איבער אים מער

רעכט, ווי די מאַמע? און אַלע זין אַזוי? און אַלע מאַמעס אַזוי? אָט אַזוי אָ״ ?...

ס׳האָט איר אַזש אָנגעהויבן שווינדלען אין די אויגן. א מאָדנע חלשות האָט איר געשלאָגן פון האַלז, איר געטרוקנט די ליפּן און פון זיי געמאַכט צוויי שטיקלעך טרוקענע, צעפּאַלענע קאָרע. זי האָט געפילט, אַז זי דאַרף רעדן, הויך רעדן, וועט איר אפשר לייכטער ווערן. זי האָט זיך איינגעהערט אין צווייטן בעט, ווו דער מאַן שלאָפט, דערנאָך האָט זי שטיל, קוים-קוים געפּרוווט:

— יאַקוב? יאַקוב?

אָבער הער שטיקגאָלד איז אויך נישט געשלאָפן. מיט זיי-נע אויגן אָנגעשטעלט אויף די שויבן, דורך וועלכע ס׳האָט אַריינ-געקוקט אַ טיפע, שוואַרץ-בלויע נאַכט, איז ער געלעגן אַ שטי-לער, קוים וואָס ר׳האָט געאָטעמט, און אין מוח האָבן זיך אויך געפּלאָנטערט געדאַנקעלעך, אַ גאַנצער קנויל אַזאַ, אָבער דעם אָנפאַנג אָדער דעם סוף האָט ער נישט געקאָנט דערכאַפּן...

אים האָט גאָר געעגבערט אין מוח עפּעס אַנדערש: ווי נעמט דאָס אַ מענטש, נאָך אַ קלוגער מענטש, אַ סטודענט-מע-דיצין, כמעט אַ דאָקטאָר, און לאָזט איבער אַ זיכערע שטוב, אַ וואַרעם בעט, און לאָזט זיך אַוועק, אין אַזאַ פחדימדיקער נאַכט, אונטער אַ האָגל פון קוילן, דער טייוול ווייס וווהין... און פאַר וועמען? פאַר דער „אויטשיזנע״? מ׳שטיינס געזאָגט, וואָסער אויטשיזנע מיר יידן האָבן דאָס... מ׳זאָגט כאָטש, מ׳האָט אים גענומען, געצווונגען, מיליטער! מילא! אָבער אַזוי-אָ? פרייווי-ליק? נע, אַרויסגעוואָרפן ס׳גאַנצע שטודירן! אַזויפיל בלוט אָפּ-געקאָסט! געווען, דאַכט זיך, שוין, שוין, און דאָ, דאָ גאָר פּלוצים, נאַדיר!...

— דו רופסט מיך, סאַליע?

— דו שלאָפסט אויך נישט, יאַקוב? הערסט די שטילקייט? אַ שרעק!

— ס׳וועט נאָך היינט ג...

ער האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן ס׳וואָרט „געשען״, ווי ס׳האָט געגעבן אַ ריס: טראַך! אַזש די שויבן אין די פענסטער האָבן גענומען ציטערן. און באַלד נאָך אַמאָל און אַ דריט מאָל!...

אַז די הערשאַפט שטיקגאָלד איז געקומען צו זיך, זענען קליינע שטיקלעך גלאָז געווען צעשפריצט איבער דער גאַנצער שטוב אַזש ביז די בעטן, און אַ שטראָם קילע פאַרטאָג-לופט האָט זיך אַריינגעריסן פון דרויסן.

אַ מינוט זענען זיי ביידע געלעגן כמעט באַוווסטלאָז. דער־נאָך האָט מאַדאַם שטיקגאָלד ספּאַזמאַטיש זיך צעוויינט. כאָטש זי האָט געוואָלט זיך איינהאַלטן, האָט עס דאָך אַרויסגעוויינט פון איר:

— איזאַק... איזאַק, ווו ביסטו איצט? פאַרוואָס האָב איך נישט קיין רעכט אויף דיר? פאַרוואָס?

דער אַלטער האָט גאָרנישט גערעדט. ווי צו אַנטלויפן פון איר געוויין, האָט ער געכאַפּט אויף זיך דעם שלאָפראָק מיט די ווייכע שטעק־שיך און אַריין געשווינד אין שלאָף־צימער צו דער קליינער עדזשע. דאָרטן, די פענסטער צום הויף, האָט גאָר נישט פּאַסירט. די קליינע איז געלעגן איינגענורעט אונטער דער קאָל־דרע. בלויז אַ שטיקל נעזל, פון וועלכן זי האָט הייזעריק אָבער ריטמיש געפייפט, האָט זיך אַרויסגעזען, און זי איז געשמאַק געשלאָפן. אויך אין דער עס־שטוב און אין קיך ביי דער דינסט האָט גאָר נישט געשאַדט. ער איז צוריק אַריינגעקומען, זיך אַוועקגעזעצט אויפן ווייבס בעט, געגלעט אירע ווייכע, בלאָנדע האָר, צווישן וועלכע ער האָט איצט פּלוצים געפונען גאַנצע בינ־טעלעך אָפגעבליאַקעוועטע, כמעט ווי גרויע, האָר... ס׳האָט אים פאַרכאַפּט ביים האַרץ און ער האָט געטראַכט:

— יאָ, מ׳ווערט אַלט... און דאָ אַ זון... מ׳נע!

ס׳איז געוואָרן טאָג. אַ וואָגן האָט זיך דורכגעקלאָפּערט איבערן שטיינערנעם ברוק. ס׳דינסטמיידל האָט אַריינגעבראַכט טיי... באַלד נאָך איר האָט זיך אַריינגעשטעלט איגנאַץ. ער איז געווען

בלאָס און מיד און ערנסט און געפילט זיך שטאַרק שולדיק, נישט אויף זיין טאַט, פאַרקערט, דאָס האָט אים געגעבן אַ גע־וויסע צופרידנקייט און „אַ זין אין לעבן“, אים האָט בלויז גע־ערגערט, וואָס ער איז דער „אָביעקט“, וואָס פאַרשאפט דער מוטער די אַלע לייד... כדי צו באַרויקן די מוטער, איר ווייזן, אַז ס'איז גאָרנישט אַזאַ וויכטיקע מעשה, וואָס ער האָט דאָ אָפּ־געטון, האָט ער מיט כּוח אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ שמייכעלע ביים :

— „דזיען דאָברי“ !

דער פאָטער האָט בלויז צו אים אַ קוק געטון פון אַ ווינקל אויג און אים נישט געענטפערט. די מוטער האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, אים אָנגעקוקט. זיין אויסזען האָט זי דערשראָקן ! דאַכט זיך, ערשט אַ פּאָר שעה, אַז ר'איז אַוועק, און ווי פאַרענ־דערט ! אַוועק אַ ייִנגל און אָט שטייט פאַר אירע אויגן אַ דער־וואַקסענער מאַן, אַ נישט־ראַזירטער, אַזוי בלאַס ! אוי, גאָט ! קנייטשן אַרום די אויגן ! איר קאָפּ איז צוריק אַראָפּגעפאַלן אויפן קישן און די אויגן האָבן זיך פון זיך אַליין פאַרמאַכט...

דער זון האָט זיך עפּעס דערפילט מאָדנע, ווי איבעריק. אָן אַ וואָרט איז ער אַרויס, אַריין צו זיך אין צימער, זיך אויס־געטון און אַ מידער זיך אַריינגעלייגט אין בעט און באַלד איינ־געשלאָפן.

שפּעטער איז דאָ אַריינגעקומען די מאַמע, געשטאַנען אי־בער אים אַ שטילע, אַ שווייגנדיקע, ווי איבער אַ שווער־קראַנקן. אָבער אינעווייניק אין האַרץ האָט זיך ביי איר עפּעס געריסן... כאָטש ס'איז איר נישט קלאָר געווען וואָס, האָט זי דאָך געפילט, אַז עפּעס רייסט זיך, נישט מיטאַמאָל, נאָר אַזוי כּסדר, כּסדר, אָט אַ שטייגער, ווי אַן עפּל פון צווייגל, ביז ס'וועט טון אַ פאַל אַראָפּ און זיך פאַרקאָלערן ערגעץ־ווו... ווער ווייס ווו ?...

ס'האָבן איר גענומען ברעכן די קני, זי האָט שטייפער צו־זאַמענגענומען דעם געבלימטן שלאָפראָק אַרום דער טאַליע, זיך

אַוועקגעזעצט און געקוקט אויפן זון, וואָס ליגט, דעם קאָפּ אויפן קישן, אַזוי אין דער קרום און איז אַזוי בלייך, און די טונקל־בלאָנדע האָר אַזוי צעפלאָשעט, און ס׳ווייסע שרינטל, ווי אַ פּאַרוואַקסן סטעזשקעלע, זעט זיך קוים־קוים אָפּער. אַ בלאַסער, מידער מאַן. אָבער ער געראָט נאָך אַלץ אַריין אין איר. נישט פאַרגאַנגען נאָך איין שטריך פון אַמאָל, ווען ר׳איז קליין געווען. אירע האָר, אירע בלויע אויגן, די רונדקייט פון איר פּנים, אפילו די נאָז, איר געטאָקטע פּרויען־נאָז, בלויז די גאָמבע, אַ קורצע, כמעט אַ סקווערע, האָט ער גענומען ביים פאָטער, און דעם טאַטנס געטאָקט מויל...

זי האָט געפילט זיך אָנצובויגן און טון אים אַ קוש. זי האָט עס אָבער נישט געטון. זי האָט אים בלויז געגלעט זיין ווייסע האַנט, וואָס איז אַזוי נאַכלעסיק געלעגן פון אויבן אויף דער קאָלדרע. אַ דינער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים. די מויל־ווינקלען האָבן זיך אים אַזוי חנעוודיק אַראָפּגעלאָזט, אָט־אָט און ער וועט אָנהויבן באַוועגן די ליפּן, ווי אַמאָל, ווען ער האָט געזייגט. זי איז געווען זיכער, אַז ס׳חלומט זיך אים איצט עפּעס אַ זיסער חלום... ער האָט אָבער באַלד געעפנט די אויגן, איינגעקוקט זיך אַזוי דורכדרינגענד, ווי ער וואָלט וועלן זיך איבערצייגן, אויב דאָס איז די ווירקלעכקייט... דערנאָך האָט ער געטון אַזוי דרך־ארצדיק אַ זעץ זיך אויף:

— מאַמושו?

די מוטער האָט שוין געהאַט אַוועקגענומען די האַנט און זיך צורעכטגעמאַכט די האָר, וואָס האָבן זיך אַזוי פּרימאָרגנדיק קוים־קוים געהאַלטן אונטער דעם איינציקן קעמעלע.

— פאַרגיב מיר, — האָט זי געזאָגט, — כ׳האָב דיך אויפגעוועקט? — זי האָט זיך אויפגעשטעלט און געוואָלט אַוועק.

— ניין, מאַמעשי קאָן זיצן! — ער האָט זיך אָנגעבויגן אַ קוק טון אויפן זייגערל, וואָס איז געלעגן לעבן אים אויפן טישל — כ׳דאַרף טאַקע אויפשטיין און גיין אין צירקל. מאַמ...

ער האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, ווייזט אויס, איר דערציילן פון דער לעצטער נאַכט, נאָר זי האָט אים געטון אַ שלאָג איבער דרייסט און מיט כּוח:

— מער גייסטו נישט! איך האָב אויך עפּעס איבער דיר צו זאָגן!...

דער מוטערס אַנטשלאָסענער טאָן האָט אים פּשוט אַנט־וואָפנט. ס'איז פאַר אים געוועז אומגעריכט, דערפאַר אַזוי ווירקנד!

מאָדנע, ער האָט ווידער דערפילט, אַז ס'לאָזן זיך אים אַראָפּ די אַקסלען און די הענט ווערן אים איבעריק. נאָר באַלד איז פון דער פאַרלוירנקייט געוואָרן אַ טראָציקייט, און די מאַ־מעס באַפעלן האָבן געווירקט פאַרקערט. חוץ דעם איז אים ווי־דער געגעבן אַ שווים דורך אונטערן שטערן: „וואָס בין איך — אַ יינגל אונטערן פאַרטוך”? פון נערוועזיטעט האָט ער אונטער דער קאָלדרע איינגעצויגן די פיס, זיי אויפגעשטעלט, ווי קראָק־וועס, אַרומגענומען זיי מיט ביידע הענט און שטאַרק פאַרקלאַ־מערט די צען פינגער און קוקנדיק דער מוטער אין פּנים, האָט ער מיט אַרויסגעצווונגענער ווייכקייט אָבער גאַנץ דרייסט גע־זאָגט:

— אַלע האָט איר רעכט אויף מיין לעבן! אָבער איך אַליין האָב גאָר קיין רעכט נישט? מיר גייט מיין לעבן גאָרנישט אָן?

— דו ביסט אָבער יונג! די יוגנט האָט נישט קיין שכל... איר זענט, ווי די פליגעלעך! איר לויפט אַליין אין פייער...

מאָדנע, ווי כּוח רופט אַרויס קעגן־כּוח. פּונקט ווי דער מו־טערס נעכטיקע ווייכקייט און מכלומרשט מסכּים זיין האָט אים אַנטוואָפנט און שיער־שיער נישט געווירקט אויף אים, אַזוי האָט איר היינטיק באַפעלן און שרייען אויף אים—אים גאָר געשטאַרקט און באַפעסטיקט זיין טאַט און נאָר אַ דאַנק איר שרייען האָט ער געהאַט מוט צו זאָגן און אַזוי אָפיציעל:

— גאָרנישט וועט אייך העלפן! איך בין איצט רעוויראָווע

אין דער מיליציע פון דער שטאָט וואַרשע! און ביז מיין לאַנד וועט מיך נישט רופן צו אַנדערע פליכטן, בלייב איך דאָ!

די מוטער האָט אים די גאַנצע צייט אָנגעקוקט. זיין אַנט־שלאָסנקייט האָט זי אי געפרייט: „אַ מאַן! מיט כּוח און ווילן״, אין דער זעלבער צייט האָט עס זי געשראָקן: „אָט רייסט זיך דער עפל אָפּ און פאַלט אַוועק, ווער ווייס וווהין?...״ זי האָט אַ טיפן זיפץ געטון: „גאָט ווייסט, וואָס עס וועט זיין״... און איז אַרויס.

אַ גאַנצן טאָג האָט דייטש מיליטער געצויגן דורך וואַרשע. שפּעטער האָבן פיל רעגימענטן זיך צעקרישלט און צעוואָרפן איבער די וואַרשעווער גאַסן. איינצלנע און גרופּן נייגיריקע זעל־נער האָבן געגאַפיעט אויף דער גרויסער שטאָט, פאַר וועלכער זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג און אַזוי אכזריותדיק געשלאָגן און גע־לאָזן הינטער זיך אַזויפיל טויטע חברים און פריינט.

דערנאָך זענען אָנגעקומען מיליטערישע פירלעך און אוי־טאָמאָבילן, אָנגעלאָדן מיט ברויט און פריש־געשאָכטן פלייש, און לעבעדיקע קי און קעלבער און חזירים האָבן געקוויטשעט פון די פורלעך אַראָפּ...

און איגנאַצי שטיקגאָלד איז געשטאַנען אויף זיין פּאָסטן און צו דעם אַלעם זיך צוגעקוקט און געטראַכט: „אויך די קומען זיך דאָ באַזעצן אויף לאַנג, אויף לאַנג״...

און פון דאָרטן, פון יענער זייט ווייסל, פליען נאָך איינצל־נע, בלינדע קוילן מיט אַ סווישטש און בלייבן שטעקן ערגעץ אין אַ וואַנט. און ס׳טרעפט אויך, אַז איינע, אין איר בלינדן פלי, פאַרטשעפּעט זיך און רייסט מיט אַן אַדורכגייערס פלייצע...

נאָר ביסלעכווייז זענען געקומען נאָרמאַלע טעג אונטער דער פאַרפלייצונג, וואָרום פונקט ווי אַ וואַסער פאַרפלייצט און

דעקט צו יעדעס שטיקל טרוקענעם באָדן, אַזוי האָט די דייטשע כוואַליע פֿאַרפֿלייצט און פֿאַרדעקט אַלץ און אַלעמען. און צו זיין ווייטאָג האָט איגנאַצי שטיקגאָלד באַדאַרפֿט צו זען, ווי מיט יעדן טאָג נעמען די נייע באַלעבאַטים אַוועק פֿון דער מיליץ יעדער וויכטיקע פֿונקציע. אומעטום זענען זיי דאָ! אמת, ער לייקנט נישט, ער טראָגט שוין איצט אַן אוניפֿאָרם, אָנשטאָט די לענגטע אַרום אַרבל, און אַ שווערדל האָט ער אויך... נאָר דאָס קאָן דאָך זיין בלויז אַ פֿרייד פֿאַר דער קליינער עדזשע. פֿאַר אים איז עס אַ קליינע פֿרייד... פֿאַרקערט, נישט דאָס האָט ער געמיינט...

צו דעם זענען נאָך אָנגעשטאַנען הונגעריקע טעג. און די דייטשע פּינקטלעכקייט האָט גענומען נאָרמירן די שפּייז פֿון יעדנס מויל. זענען איבער נאַכט פּלוצים אָנגעוואַקסן ריזיקע אַטשערעדס, ווי לאַנגע בלאָטיקע שלאַנגען, וואָס וויקלען זיך אַרום הייזער, פֿאַר גאַנצע קוואַרטאַלן, און דורך טעג אַזוי און דורך נעכט אַזוי... און כמעט די איינציקע עובֿדא זיינע איז, צו שטעלן זיינע מיליציאַנטן און היטן די דאָזיקע אַטשערעדס. צוליב וועמען?... פֿאַר וועמען?... איז אים אומעטיק, איגנאַצי שטיקגאָלדן, און ער האָט נישט מיט זיך, וואָס צו טון. שטייט ער דאָ ביי דער אָטשערעד לעבן זייערע הייזער, ווו כמעט אַלע קאָנען אים. און ס'געשריי פֿאַרטויבט און אַלע שטופּן זיך, און „זיינע" מיליציאַנטן פֿאַרלירן ס'געדולד און שלאָגן די שמאַטיקע מענטשן איבער די קעפּ. און אָט, אין גאַנצן טומל געפֿינט אים אַן אַלט יידנקעלע, אַ פֿאַרטרוקנטס, ס'שמאַטיקע טיכל פֿאַלט איר שוין באַלד פֿון קאָפּ אַראָפּ, כמעט מיט אַ ליידיק, אָנצייניק מויל בעט זי זיך:

— יצחקל, גילדענער! קענסט דעך מעך! כ'געדענק דעך, ווען ביסט אין וויגל געלעגן. זע, זע, ווי די רוצחים שטופּן מעך אַראָפּ פֿין די אָטשערעו! לאָז זיי נישט! אַז גאָט האָט מע שוין יאָ געהאָלפֿן מיט אַן אייגענעם רעוויראָווע!

אַ שמייכל צעלייגט זיך איבער זיין רונדיקן געזיכט. אַוודאי קען ער זי! זי וווינט שוין ביי זיי אין בוידעם־שטיבל, נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן. ווען נישט ער, וואָס האָט די געשעפטן פון די הייזער געהאַלטן אין זיינע הענט, וואָלט דער פּאַטער שוין לאַנג געוועזן זי אַרויסגעוואָרפן. נעמט ער זי אָן ביים אויסגעשטרעקטן ביינעריקן הענטל און שטעלט זי אַריין אין פּראָנט, די ערשטע ביי דער טיר פון קראָם.

קוקן אַלע אויף איר מיט קנאה און באַלד רינגלען אים אַרום נאָך אייגענע:

— יצחקל טייערער, און מיך קענסטו נישט? און מיך?

און שוין רינגלען אים אַרום קליינע חברה פון הויף און לאַשטשען זיך צו אים, ווי קליינע הינטלעך, און טאַפּן אים שוין היימיש די שווערד. און אַז אַנדערע, נישט פון הויף, ווילן צוגיין, ווערט אַ געשלעג: „אַוועק! אונזער פּאַן רעוויראָווע! פון אונזער הויף!" נאָר ער ווייסט דאָך בעסער: „אפילו דאָ איז ער דאָך נישט באַלעבאָס"... אָט זענען שוין דאָ דריי דייטשע זעלנער, וואָס הויבן די שווערע ביקסן איבער די צום טויט דערשראָקענע פּנימער...

קאפיטל ב

אין די ווארשעווער שפּיטאָלן איז געוואָרן ענג, און מיט יעדן טאָג אַלץ ענגער און ענגער. ווו אַן אָרט האָט מען אַוועקגע־שטעלט בעטן און פריש־געבראַכטע קראַנקע אַוועקגעלייגט... דער־נאָך, אַז ס'האָט אויסגעפעלט בעטן, האָט מען אויף דער ערד, אויף שיטערע שעניקלעך, אויף גיך, די קראַנקע אַוועקגעוואָרפן־ און אַלע מינוט האָט מען געבראַכט נאָך און נאָך. נישט געווען שוין, ווו זיך אַהינצוטון...

און געווען זענען דאָס אַלץ פון הונגער אַוועקגעפאַלענע, מיט בויך־טיפוס און אַזוי טיפוס און דעזינטעריע, חוץ די „נאָר־מאַלע" קראַנקהייטן.

די דאָקטוירים און שוועסטער האָבן געאַרבעט איבערמענטש־לעך. מ'האָט געשטאָכן נאָדלען און געריבן און געמינטערט און טיילמאָל באַלד אויפגעגעבן און גלייך גענומען זיך צו אַנדערע. און פונקט, ווי מ'האָט געטראָגן אַריין האַלב־לעבעדיקע, וואַרעמע, מיט אַ הויך פון אַן אָטעם, אַזוי האָט מען דורך דער זעלבער טיר געטראָגן אַרויס קאַלטע, פאַרשטייפטע, מיט צוגעמאַכטע אויגן־לעדנדלעך, פאַרשפּיצטע נעזער און בלויע ליפּן... און דער־נאָך, אין פינסטערע אָוונטן, דורך אַ זייטיק טירל, זיי גערוקט אין שוואַרצע אָרונס און אויף גיך געשלאָפּן צום בית־עולם.

נאָך שווערער האָבן געאַרבעט די וועכטער און וועכטער־קעס. אַ גאַנצן טאָג האָט מען געשלעפּט און געוואַשן און גע־

לופטערט און דעזינפעקצירט. און אַז מ׳האָט שוין אַ חולה צו־געגרייט, אַריינגעלייגט אים אין אַ ריין בעט, אים איינגעריבן און צוגעדעקט, האָט מען אים באַלד באַדאַרפט „אָכּהייבן" און ווידער אָנהייבן דעזינפעקצירן און לייגן אַן אַנדערן, און אַזוי גאַנצע טעג, טאָג נאָך טאָג... אין נישט געווען קיין גאַזע און נישט געווען קיין וואַטע, פּאַפּיר!...

און מיט וואָס די קראַנקע צו שפּייזן איז אויך נישט גע־ווען. אַ טרוקענע קאַרטאָפל איז געווען אַ „דאַלוּבּינג" און קיין ברויט האָט מען נישט געזען. האָט מען געדאַרפט אַרבעטן היגי־געריקערהייט. און ס׳האָט נישט געהאָלפן, וואָס אַלע ווילע איז אַן אַנדער וועכטער אָדער וועכטערקע געלאָפן אויף דער קיך. מער ווי ס׳נאָרמירטע ביסל פאַרפוילטע קאַרטאָפל איז נישט געווען, איז מען צוריקגעגאַנגען הונגעריקע און ווידער געשלעפט און געאַר־בעט ביז, ביז מ׳האָט שוין מער נישט געקאָנט...

צום ערשט האָט עס זיך אָנגעהויבן פון אַ בורטשעניש. מ׳האָט געאַרבעט און געבורטשעט... דערביי נישט ווילנדיק אויס־געלאָזט דעם גאַנצן כּעס, די גאַנצע גאַל, ווי אַלע מאָל, צום שוואַכסטן, צום הילפלאָזן קראַנקן, ווען מ׳דאַרף אַוועקגעבן ס׳לעצטע ביסל כּוחות, וואָס טליעט נאָך ערגעץ, ווי אַ קליין פונ־קעלע, אין די גלידער...

דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן זיך וואַרפן, נישט פאָלגן אָפּטמאָל צוריקשייגעצן אַ דאָקטאָר, אָדער אַריינזאָגן אַ שוועסטער, אויף וואָס יענע האָבן צוריק געבירטשעט:

— נישט אויסצוהאַלטן! ערן־וואָרט! נישט אויסצוהאַלטן!...

אָט דאַמאָלס האָט עס זיך אין דער שטיל צעטראָגן צו יעדנס אויער: „היינט ביינאַכט! אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע שפּי־טאָל־אַרבעטער. דאָ און דאָ... אומבאַדינגט קומען! סיידן אויף דיזשור"...

דאָס איז געווען בלויז אַ סוד. נאָר מאָדנע, ווי דער סוד האָט גלייך געווירקט און שטילער געמאַכט און איינגעהאַלטענער

און געדולד געגעבן, אַט אַ שטייגער, ווי צווישן טרינקנדע מ׳דער־זעט אַ שטריק, וואָס מ׳וואַרפט דאָרטן פון ברעג. מ׳טרינקט זיך נאָך, אָבער ס׳ווערט שטאַרקער די האָפנונג זיך צו ראַטעווען...

ביינאַכט איז די שטוב געווען געפּאַקט. געפעלט האָבן בלויז די אויף דיזשור ביי די קראַנקע.

ביים טישל, אויף וועלכן ס׳איז געשטאַנען אַ קאַרביד־לעמפּל, מיט אַ שאַרף פייערל, ווי אַן אָנגעגליט, דין, שטאָלערן צינגל, איז געזעסן אַ פרעמדער יונגערמאַן מיט אַ גרויס מויל און פאַרשאַרצטע ליפּן, הויכע באַקן־ביינער און קליינע גרויע אויגן. זיינע האָר זענען אים געווען נידעריק אָפּגעשוירן און אויפגעשטעלט, ווי די האָר פון אַ בערשטל. ער האָט געהאַלטן ביידע הענט ביז די עלנבויגנס באַקוועם אויפן טיש און געקוקט גלייך אין די שטוב־מענטשן אַריין, כאָטש מ׳האָט געזען, אַז ער זעט קיינעם נישט...

לעבן אים, רעכטס, איז געזעסן נאָך איינער. אים האָבן שוין אַלע געקענט. דאָס איז געווען שלום, שלום דיאַמאַנט, אַן אַלטער שפּיטאָל־וועכטער, מיט אַ פּאָר שווערע, מאַסיווע הענט, ווי די קלעצער. זיין פּנים איז געווען האַרט און רויט און די גאָמבע, אַ סקווערע, מיט אַ הויכער אויבערשטער ליפּ, אויף וועלכער־ווי צוגעקלעפּט ס׳איז געווען אַ פּאָר ברוינע, ברייט־צעקעמטע וואָנסעס, ביז אויף די באַקן אַריף, ווי ביי אַ הדרת־פּנימדיקן קאַטער.

אַז מ׳האָט געקוקט אויף די וואָנסעס, האָט אָנגעכאַפּט אַ שרעק. פּאַר דאָס האָבן זיינע אָפּענע, ווייך־ברוינע אויגן געגלעט און באַרויקט, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן: „וואָס אַרן דיך די וואָנסעס? מיך אַרן זיי דען?"

פון דער אַנדערער זייט, לינקס, איז געזעסן אַ פרוי, שוין

אויך לאַנג אין דער שפּיטאָל-אַרבעט, כאָטש נאָך אַ גאַנץ יונגע, מיט טיפע שטערן-ווינקלען און אַ שאַרפער נאָז, לאָלאַ פּאַלעק. זי האָט געהאַלטן דעם רעכטן עלנבויגן אויפן ברעג טישל און מיט דער קנאָכיקער פויסט אונטערגעהאַלטן ס'קליינע באַטעמטע גאָמבעלע, פון וואָס ס'מויל איז ביי איר געוואָרן אָפּגעצויגן און אויסגעקרומט אַביסעלע אין דער זייט...

אין שטוב איז געשטאַנען אַ טומל, אַ גערעדעריי. אַנדערע האָבן זיך געקריגט, זיך גערופן נעמען. נאָר אַזוי גיך, ווי דער שלום האָט געטון אַ קלאַפּ אין טיש אַריין, אָט אַ שטייגער, ווי דער שמש אין שולכל צו שמונה-עשרה, האָט אָנגעהויבן ווערן שטיל, און בעתן שטיל-ווערן האָט ער דערווייל זיך געגעבן מיט ביידע הענט אַ צעקעם די צוויי וואָנסעס, דערנאָך האָט ער זיך געטון אַ רייב דעם שטערן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען ס'איינגעחזרטע, און באַלד אָנגעהויבן און דווקא גאַנץ דרייסט:

— חברים און חברטעס (אַזוי מאָדנע געווען, פאַר פיל דאָס וואָרט חברים און חברטעס) מיר אָמער זעך דאָ צינויף געקימען צי באַטראַכטן אינזער טראַריקע לאַגע! מ'אַרבעט מע, ווי די פערד, קאַן עסן געט מ' אינז נישט, קאַ געלד אָך נישט. אין פאַרן געלט קריגט מ' אָך קאַן עסן נישט! וואָס זאָל מע טיען? די קראַנקע זענען אָרים אין זיי שטאַרבן נעבעך אָס, איידער זיי גייען אַהיים. קריגט מע אָך גאָרנישט! אַכלל, חברים און חברטעס, וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען? ס'נישט גוט"!— ער האָט זיך געטון אַ זעץ אַנידער אַ קים-איבערגעקומענער. נאָר באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ר'האָט עפּעס נישט דער־זאָגט, האָט ער זיך צוריק אויפגעשטעלט און, גלייך ער וואָלט קיינמאָל נישט געהאַט אויפגעהערט, האָט ער ווייטער געמאָלט! — אַכלל, דער „בונד" האָט זיך איבער אינז דערבאַרמט און אינז ציגעשיקט אַ חבר, ווער ער אינז שוין אַלץ זאָגן".

אויף דעם עולם האָט די רעדע מאָדנע געווירקט. טייל האָבן זיך געפילט, ווי זיי וואָלטן זיך אָנגעזופּט מיט „פּאַליוקע",

עפּעס האָבן זיי יאָ „אַריינגעקריגן", דאַכט זיך, אַ פולן בויך מיט „רעדעכטס", נאָר ס'איז עפּעס נישט דאָס. איין וועכטערקע, אַ פּשוטע יידענע מיט אַ הויכן בויך און אַ פּאָר ברוסטן, וואָס הענגען איר, ווי האַלב־אָנגעפּילטע זעק, איבערן בויך, האָט אפילו געזאָגט: „ווער מיר גיטס גינט, ווי ר'געדעכט, שלום"! אָבער דער חברטע לאַלאַ ביים טיש איז, ווייזט אויס, די רעדע נישט געפעלן. נאָך אינמיטן רעדן, האָט זי לאַנגזאַם איבערגע- רוקט די האַנט פון דער גאָמבע צום שטערן, אַראָפּגעלאָזט די אויגן אויפן טיש און אַזוי אַרום זיך פאַרשטעלט די אויגן...

שלום האָט נאָך אַמאָל געטון אַ קלאַפּ אין טישל: „זאָל זיין דאָרטן שטיל! ס'וואָרט האָט דער חבר... (דאָ האָט ער זיך אָנגעבויגן צום חבר, ווי ס'טוט יענער שמש אינמיטן אויפרופן צו אַן עליה, בעת ר'האָט פאַרגעסן דעם נאָמען פון אויפגערופּע- נעם)—דער חבר יאַנקל פון „בונד"...

דער מענטש האָט זיך אויפגעשטעלט, מיט איין בליק אָפּ- געמאָסטן דעם עולם, ווי ער וואָלט זיי אַ מאָס גענומען, וואָסער רעדע פאַר זיי וועט פּאַסן.. דערנאָך האָט ער ביידע הענט פאַר- מאַכט אין פויסטן, זיי אָנגעהאָנגען, ווי צוויי שטיינער, אָן די קעשענעס פונם גרוי־און שוואַרץ־געפלעקטן רעקל, פון וואָס ס'רעקל האָט זיך גענומען אַראָפּציען, אַזש ס'קעלנערל האָט זיך אויפגעש- שטעלט.

צום ערשט האָט ער אָנגעהויבן שטיל. וואָס ווייטער אָבער אַלץ פייערדיקער:

— חברים! ווייטער אַזוי קאָן נישט גיין! ווי לאַנג נאָך וועלן מיר שווייגן? מענטשן פאַלן אין די גאַסן פון הונגער, ווי די פליגן. איר מוזט אַרבעטן צען מאָל אַזוי שווער, און מ'גיט נישט קיין עסן אויך! איר וועט באַלד אַליין קריגן בויך־טיפוס! אונזערע פאַרזאָרגער, דעם מאַגיסטראַט און דער גמינע, אַרט עס נישט. ס'שטאַרבן דאָך בלויז אָרעמע! אונזערע אָרעמע ברידער, און אָרעמע, זאָגן זיי, איז דאָ גענוג! זיי נעמען זיך דעם כבוד

און אויף אײך לײגט מען אַרויף די לאַסט. איר זאָלט שלעפּן. חברים, מ׳דאַרף זיך אָרגאַניזירן! מ׳דאַרף סטרײקן, פאָדערן!

ער האָט לאַנג גערעדט, דער דאָזיקער מענטש פון „בונד״, נאָר עפּעס אַזוי הײזעריק! װי ער װאָלט געכריפּעט מיט אַ טעמ־פּער זעג...

די חברטע לאָלא האָט אין געדאַנק אַפילו באַשלאָסן, אַז ער איז אַ קאַנדידאַט אינגיכן אין איר לונגען־„אָדזשאַל״...

אַז ער האָט געענדיקט, האָט זיך דער עולם צעװיגט, װי דינע בוימלעך אונטער אַ שװערן װינט:

— ער איז גערעכט! מאַאַן קאָפּ זאָל אַזוי!

— יאַך זאָל אַזוי לעבן, װי ער רעדט, װי אַ מענטש!

אַ יונגער חברה־מאַן אין שטיװל מיט גלאַנציקע געפּאַסטע כאָליעװעס און שװאַרצע, גנבהשע װאָנסעלעך, האָט פאַררוקט דעם קאַשקעט אַרונטער צום קאַרק־צו:

— אָט דאָס הײסט געדאַבערט! װאָ דען שלום האָט גע־רעדט? געמאַרגאָטשעט האָט ער, װי כ׳בין אַ ייד!

די יידענע האָט זיך דערװײל צוגערוקט צום טיש, פאַר־לײגט די הענט אױפן הױכן בױך, װי אױף אַ פּױק, און מיט אַ תחנונימדיק פּנים געפרעגט:

— צ׳זאָלט מע געזינט זאַן״?... — נאָר װער האָט איר גע־הערט? לאָלא איז שוין איצט געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט איר װײסן הענטל אױפן ברעג טיש, די אַנדערע האַנט אויף דער טאַליע און מיט איר װײכן, אָנגענעמען קול געטענהט, װי אַן אײ־גענע, װאָס װײס גוט, װוּ ס׳טוט װײ:

— ביז איצט האָט מע גערעדט אין אַלגעמײן! דער חבר איז באַשטימט געװאָרן אונז צו העלפן זיך אָרגאַניזירן. מיר מוזן זיך אָרגאַניזירן! אַנישט — װעט מען דאָ אַװעקפאַלן און פּגרן, װי די הינט, צוזאַמען מיט די קראַנקע! לאָמיר אַװעקלײגן די אַרבעט! אַז מ׳עט סטרײקן, װעט מע אונז מוזן הערן! אין די אינטערעסן

פון די קראַנקע, אַז מיר וועלן האָבן עסן. ווען מ׳האָבן כּוח צו ראַטעווען״...

די יידענע מיטן הויכן בויך האָט זיך שוין געהאַט צוריק פאַררוקט אין ווינקל, ווי יעדער שטומענדער פאָלקס-מענטש, וואָס ווייס, אַז סיי-ווי וועט ער נישט געהערט ווערן. נאָר דער יאַנקל, אַזוי גיך, ווי לאָלא חאַט געענדיקט, האָט ער זי צוגערופן:

— חברטע! וואָס האָט איר געוואָלט פרעגן?

די יידענע האָט זיך שטאַרק פאַרשעמט פונם גרויסן כּבוד: „חברטע!״, איז זי רויט געוואָרן און געשטאַמלט: — ניין, גאָר-נישט...

— שעמט זיך נישט, פרעגט. מיר זענען דאָ אייגענע. אַז מ׳וועט זיך דאָ פאַרשטיין, וועט מע דאָרטן געווינען...

— אַז זי הייסן, מילא. כ׳האָ געוואָלט וויסן, צ׳זאָלט מע געזינט זאַן, האָבן זי ניש קאַ פאַריבל, זי זענען דעך עפּעס פין דיע... פין חברים, וואָס זענען נעבעך שילדיק די קראַנקע? אַז אינז עמע סטרייקן, עלן דעך זיי נעבעך לאַאַדן״...

איידער די יידענע איז פאַרטיק געווען מיט איר גערעכטן פּזמון, האָט שוין שלום געהאַט אויפגעהויבן אַ לאַפּע, צו געבן אַ זעץ אין טיש און איר „פאַרמאַכן דעם פּיסקאַטש״. נאָר דער חבר יאַנקל האָט איינגעהאַלטן די האַנט: „לאָזט אַ חברטע פרעגן אַ פראַגע! מיר דאַרפן אַלע זיין קלאָר, איידער מיר נעמען אונטער עפּעס צו טון״... און צו דער יידענע האָט ער געזאָגט: „יאָ, חברטע, וואָס-זשע קאָן מען טון? אַלע זאָלן אַוועקפאַלן? און פאַר די קראַנקע איז עפּעס גוט, אַז איר זענט אַ הונגעריקע, אַ דענערווירטע?

די יידענע האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, זיך פאַרענטפערן, נאָר איידער זי האָט געעפנט ס׳מויל, איז געטון אַ פלי אונטער אַן אַנדער פרוי, מיט אַ רויט, אָפּגעפרוירן פּנים, ווי ביי אַ מאַרק-זיצערקע:

— וואָס באַלעמוטשעט מע מיט איר! — זי קען זאַן אַ גבירטע! איר מאַן האַנדלט און פאַרדינט!

ס'איז געוואָרן אַ טומל. שלום האָט געקלאַפּט אין טיש. דער חבר יאַנקל האָט זיך לאַנג געריסן דעם גאָרגל, ביז ס'איז אים געלונגען איינצושטילן דעם עולם און דערפירן דעם מיטינג צו אַ סוף...

ווי אַ העלגיש פייער האָט דער שטרייק אַרומגעכאַפּט די שפּיטאָלן. אַלץ האָט געשטרייקט. בלויז איינצלנע, צו דערפילן די נויטיקסטע באַדערפענישן אַרום די קראַנקע, זענען געבליבן.

צווישן די דאָקטוירים און די שוועסטער איז געוואָרן אַ מהומה. זיי האָבן זיך געבייזערט און געוואָרפן:

— מ'טאָר נישט סטרייקן אין שפּיטעלער!... ס'נישט קיין פאַבריק!. פאַרוואָס סטרייקן מיר נישט? אונזערע לעבנס זענען אויך טייער... אויך מיר הונגערן.

שלום האָט אַפילו אויף זייערע טענות געזאָגט:

— פּאַלאַזשים... דערווייל אַלץ, וואָס די דאָקטוירים טון, איז שטעכן נאָדלען! אָבער ווער „דזשוויגעט" און שלעפט און רייבט און וואַשט ס'טינוף אפער? און ווער רייניקט די לייז פון די קראַנקע? ער, צי דער דאָקטאָר? און זיי הונגערן? זאָלן זיי נאָר אים דאָס זאָגן! ווער האָט נאָך אַ ווייס ברייטל אין שטוב? זיי, צי ער? ער, אַז די שפּיטאָל-קיך קאָכט בריקווע, זופּט ער די „פּאָליוועקע" און מיט פּאָליוועקע קאָן מען נישט אַזוי פיל אַרבעטן... אַזוי זאָגט שלום דער וועכטער, סטרייקט ער דערפאַר...

באַלד איז דער שטרייק דערגאַנגען צום מאַגיסטראַט. דאָרט האָט מען אַריסטאָקראַטיש דערקלערט, אַז עס איז אַ פאַרברעכן קעגן קראַנקע צו שטרייקן (גלייך שלום און לאַלאַ שטרייקן קעגן קראַנקע) און מ'האָט אַוועקגעשיקט אַ צירקולייאַר אין די קאָמי-

סאַריאַטן, אַז עס איז „אַ הייליקער חוב״, יעדער מיליציאַנט זאָל זיך אַריינוואַרפן אין דער „הומאַניטאַרער״ אַרבעט און העלפן די „קראַנקע״...

איגנאַצי שטיקגאָלדן האָט דער צירקוליאַר געטראָפן אין אַ מאָדנער דערשלאָגענער שטימונג. דאָס כסדרדיקע „מאַזשען״ זיך מיט די אָטשערעדס האָט אויף אים דערדריקנדיק געווירקט. ער איז געווען אַנטוישט פון דער גאַנצער טעטיקייט אין דער מיליץ. נישט דאָס האָט ער געמיינט... דערפאַר איצט, איבערלייענענדיק דאָס פּאַפּירל, איז ער געבליבן זיצן עפּעס צעמישט. אָט אַ שטייגער, ווי מ׳וואָלט אים פון פאַר די אויגן אַפּערגעכאַפּט עפּעס אַ בילד, אַן אַקט, אין וועלכן ר׳איז נאָר וואָס אַריינגעטון, אַן אַקט פון אָטשערעדס... און אָט האָט מען אים גאָר אונטערגערוקט אַ צווייטן אַקט, אַן אַקט פון האַלב-טויטע, חרובע מענטשן, מיט צעכראַסטעטע העלזער, וואָס כאָרכלען און בלויע, שפּיציקע נעזער, וואָס פייפן און רופן אים, טאַקע אים... איגנאַצי שטיקגאָלדן!

און צוזאַמען מיט דעם אַקט איז אים אַרויסגעשווומען פאַר די אויגן דער סקעלעט, וואָס אויף זיין טיש און די אַנאַטאָמישע בילדער פון די ווענט... אים האָט זיך אַפילו געדאַכט, ער זעט, ווי אַזאַ געשטאַלט הייבט אויף די רויטע, פון הויט אָפּגעשיילטע האַנט און ווינקט צו אים און רופט אים... און, מאָדנע, אין די אויערן האָט ער ווידער באַשיינפּערלעך געהערט דעם טאַטנס טענה: „מוז מען נאָר אַלס מיליציאַנט העלפן דעם לאַנד״? „און היילן די וווּנד״?...

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, מיט דער האַנט זיך צוגעגלעט די האָר, אויסגעגלייכט דעם געפּאַסטן מונדיר, צוגעגאַנגען צו דער טיר, ווו ס׳זיצט דער קאָמיסאַר, אָנגעקלאַפּט און אַריין.

אין אַ קורצע ווײַלע אַרום האָט זיך די טיר צוריקגעעפנט,

ס'האָט זיך צוריק באַוויזן שטיקגאָלד און גלייך נאָך אים דער קאָמענדאַנט, אָט דאָס נידעריקע, בלאָנדע מענטשל מיט די גאָלדענע פענסנע, וואָס האָט אים זייער פריינטלעך געקלאַפּט אויפן אַקסל:

— „פּראָשע באַרדזאָ“! מיט פאַרגעניגן. מיט פאַרגעניגן, פּאַניע דאָקטאָרזשע!...

און טאַקע מיט פאַרגעניגן האָט ער, איגנאַצי שטיקגאָלד, זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. מיטן גאַנצן יוגנטלעכן ברען זיינעם האָט ער געהאַוועט, געלאָפן, אָרגאַניזירט גאַנצע גרופּעס, וואָס האָבן אונטער זיין פירונג געטון די אַרבעט פון די שטרייקער...

אויך איצט האָט נישט געהאָלפן דער מוטערס בעטן זיך און וואָרענען, כאָטש דאָס מאָל האָט זי עס שוין נישט געטון טראָציק און נישט באַפעלעריש. פּשוט געבעטן האָט זי זיך:

— יצחקל, האָסטו גאָר קיין רחמנות נישט אויף דער מאַמען? אַרט דיך גאָרנישט, וואָס איך וויין מיר די אויגן אויס? ווי אַ געפאַר שטעלסטו דיין קאָפּ אונטער!...

— נו, וואָס זאָל איך טון, אַז ביי אייך איז אַלץ געפערלעך?...

פאַר דאָס דער אַלטער האָט זיך שוין מער נישט געמישט. „סיי ווי אַרויסגעוואָרפן יעדעס וואָרט. איינגעשפּאַרט, ווי די מאַמע“... חוץ דעם האָט ער נעבעך געהאַט מיט זיך צו טון. די שכנים צאָלן נישט אַ גראָשן דירה-געלט. דערצו האָט ער נאָך אַ נייע הוצאה, דער זשאָנדצע, וועמען ר'האָט צוגענומען אויפן זונס אָרט, כאָטש ער לויפט אַרום איבער די פינסטערע שטובן, ווי אַ טכויר, העלפט עס אַלץ איינס נישט, מ'צאָלט נישט! כאָטש טו זיך אַ מעשה אָן... נו, זאָל ער נאָך אין זין האָבן דעם זונדלס „משוגעתן“?

און דער זון איז טאַקע געווען באַהערשט פון דער אַרבעט, עפּעס ווי פון אַ מאַניע. ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט ווייזן

די מיליציאַנטן ווי אַזוי, נאָר אַליין געוואַשן און געשלעפט גלייך מיט יעדן.

דאָס האָט די שטרייקער אַריינגעוואָרפן אין אַ מהומה. צום ערשט האָט מען נישט געוווסט, ווער איז דאָס דער אָרגאַניזאַטאָר. באַלד אָבער האָט שלום דערשמעקט, אַז דאָס איז „זיין יצחקל", דער רעוויראָווע איגנאַצי שטיקגאָלד פון זיין הויף. יצחקל, אָט דאָס גוטע, האַרציקע בחורל, וואָס האָט אַלעמאָל אויפגעשטעלט די פלייצע פאַר אַן אָרעמען לאָקאַטאָר קעגן פאָטער. עפּעס איז אים געווען אַביסל פּריקרע די ידיעה. ער האָט עפּעס נישט געקענט צונויפּפּאָרן „יצחקלען" מיט אַ שטרייקברעכער, אַזאַ איינער זאָל גיין קעגן „אָרעמע אַרבעטער, וואָס ווילן ברויט פאַר די קינדער". ניין, ער מוז אים אַליין פרעגן. „נו, איז ער רעוויראָווע"!

אויף אייגענער אחריות איז ער אַרויפגעגאַנגען, אָט אַ שטייגער, ווי ער פלעגט אַמאָל גיין צו אים וועגן דירה-געלט. נאָר מאָדנע, אַזוי ווי ער איז אַריינגעקומען, האָט ער באַלד חרטה געהאַט, וואָס ער איז געקומען. אפילו דער אייגענער יצחקל מיטן ברייטן שמייכל אויפן קיילעכדיקן פנים, און דאָך עפּעס אַן אַנדערער... עפּעס דער מונדיר, מיטן שטייפן פאַרהעקלטן קאָלנער ביזן האַלז... אפשר גאָר די שווערד, וואָס שטייט איצט אין ווינקל לעבן אים, ווי אַ בייזער שומר...

— וואָס ווינשט זיך פאַן שלום?

דעם שלומען האָט עפּעס אויסגעוויזן, אַז ער חוזקט פון אים... „פאַן שלום", אַמאָל פלעגט ער אים, דאַכט זיך, רופן „פאַניע דיאַמאַנט"?... אַ פאַרלוירענער האָט ער געדרייט דעם קאַשקעט אין האַנט און אַרויסגעשטאַמלט:

— כ'האָב געוואָלט... יאָ, כ'האָב געוואָלט זיך פרעגן, ווי נעמט אַזאַ געלערנטער מענטש און טוט אַזאַ „ברודנע" אַרבעט?

שטיקגאָלד האָט אים אָנגעקוקט און געשמייכלט. ער איז געווען גערירט פון דעם יידס פאַרלוירנקייט צוליב דער שווערד.

נאָר אַזוי גיך, ווי יענער האָט געגומען רעדן דרייסט און אים אויפוואַרפן, אַז ער ברעכט אַ שטרייק, האָט ער פאַרלוירן דעם שמייכל, די אויגן זענען אים געוואָרן גרין און געפינקלט, ווי אַן אויפגערייצטע קאַץ.

— ווער איז אייער פאָרשטייער? — האָט ער אים געפרעגט אין אַ שטילן, אָבער גערייצטן טאָן.

שלום האָט זיך דערשראָקן. נישט ווילנדיק איז זיין בליק ווידער געפאַלן אויף דער שווערד...

דאָס האָט שטיקגאָלד באַמערקט. ער האָט ווידער אַ שמייכל געטון:

— האָט נישט מורא, כ'וועל אים נישט אַרעסטירן. כ'וויל בלויז מיט אים רעדן. נישט אין קאָמיסאַריאַט. ס'קאָן זיין דאָ.

אויף וויפל שלום געדענקט, איז דאָס געווען ס'ערשטע מאָל, אַז דער יונגער שטיקגאָלד זאָל געוועז רעדן צו אים יידיש...

צומאָרגנס איז דאָ געזעסן יאַנקל אויף אַ שטול נישט ווייט פון דער טיר, די טעקע אויפן שויס, דעם קאַפעלוש אויף דער גאַלקע פון דער ביכער-עטאַזשערקע און נערוועז געמאָנדרעוועט ביים שלאָס, אָט אים צוגעמאַכט און ווידער אויפגעמאַכט, אַליין נישט וויסנדיק, אַז ער טוט עס...

שטיקגאָלד איז געזעסן אויבן-אָן מיט דער פלייצע צום טיש. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט און נישט געוווסט, פון וואָס אָנצוהויבן. יאַנקל האָט געזען פאַר זיך אַ העכערן פּאָליציאַנט אַן אָרגאַניזאַטאָר פון שטרייק-ברעכער, וועלכער האָט אים גערופן.. נו, זיצט ער און וואַרט און וויל הערן צו וואָס.

און שטיקגאָלד האָט פשוט נישט געוווסט, וואָס צו זאָגן ס'זאָט אים שוין פאַרדראָסן, וואָס ר'האָט דעם מענטש געהייסן קומען. נו, טאַקע אין דעראמתן, וואָס קאָן ער דאָ זאָגן? מענטשן

ווילן עסן, צו קאָנען טון זייער שווערע אַרבעט! נו, וואָס? נאַ־טירלעך, ווען ס׳ליגט אין זיינע הענט! שטייט אָבער דער אָקו־פּאַנט און פירט אַרויס פון לאַנד דעם ביסן ברויט... איז אָט שלאָגן זיי זיך, די אָרעמע... ווייסן אפילו נישט רעכט, ווער דער אמתער שונא איז... די געדאַנקען זענען אים געפלויגן פאַר די אויגן, ביסלעכווייז איז פון די געדאַנקען געוואָרן בילדער. אָט איז שלום און ס׳ווייב און די קינדער. ער קען זיי דאָך אַלע... און נאָך קינדער און אַלע הונגעריקע, שמאַטעדיקע, אין די אָטשערעדס און בעטן זיך: מיר... מיר... און אָט דאָרטן גאָר, די האַלב-טויטע, די חרובע, מיט די געשוואָלענע בייכער... און אויך זיי שטרעקן אויס די הענט: מיר... מיר... „באָזשע מאָי״!

יאַנקל האָט זיך דערפילט נישט גוט אין דער שטיל-שוויי־געניש. אַנטשלאָסן האָט ער אַ פרעג געטון:

— פּאַניע שטיקגאָלד, איר האָט מיך גערופן?

— יאָ!

— כ׳בין גרייט צו הערן.

— אָט וועגן דעם קלער איך טאַקע...

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו קלערן? צי ווייסט איר הער מיליציאַנט...

— ביטע מיך רופן, הער שטיקגאָלד!

— הער שטיקגאָלד, צי ווייסט איר, אַז איר ברעכט אַ גע־רעכטן שטרייק?

— כ׳ווייס.

— פאַרוואָס-זשע טוט איר עס?

— אָט דאָס קלער איך טאַקע...

יאַנקלען איז דאָס פאָרגעקומען מאָדנע... ביי אים איז אַלץ שטענדיק געווען קלאָר, אָט ווי צוויי מאָל צוויי. און דאָ זיצט אַ מענטש, אַן אינטעליגענטער, ברעכט אַ שטרייק און קלערט נאָך און רעדט נישט אפילו אַ וואָרט...

דערווייל האָט זיך שטיקגאָלד אויפגעשטעלט, געמאַכט אַ

פּאָר טריט צו יאַנקלען, געבליבן שטיין מיט זיין גלייכער אין מונדיר נאָך מער אימפּאָזאַנטער פיגור, געקוקט שאַרף מיט די בלויע אויגן אויף יאַנקלען און אים געפרעגט:

— כ׳בעט אייך זייער, האָט איר אַמאָל שטודירט מעדיצין?

— ניין.

— זענט איר באַקאַנט מיט אַנאַטאָמיע? האָט איר עפּעס געלייענט וועגן דעם?

— ניין.

— ניין? ווייסט איר דעם כּוח פון מיקראָבן, אויב מ׳לאָקאַליזירט נישט זייער צעשטערונג-אַרבעט? ווייסט איר, ווי גיך זיי קריגן די אויבער-האַנט אין אַן אָפּגעשוואַכטן קערפּער?...

ער האָט שוין איצט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער, נאָר כּסדר געהאָגלט מיט פראַגן אויף דעם צעטומלטן יאַנקל, וואָס איז שוין איצט אויך געשטאַנען אויפגעשטעלט און דערביי האָט ער, שטיקגאָלד, גאָר נישט באַמערקט, ווי די שטים איז ביי אים כּסדר געשטיגן, אַז ער פלאַמט איצט אינגאַנצן, ווי אַ פלאַם פייער און דונערט:

— טאָ מיט וואָסער רעכט רופט איר אַ שטרייק איבער קראַנקע, הילפלאָזע מענטשן?

— מיר שטרייקן נישט קעגן די קראַנקע, נאָר קעגן די, וואָס צווינגען קראַנק צו ווערן ביי דער אַרבעט! — האָט שוין יאַנקל דרייסט צוריק געענטפערט.

— מיט דעם זענט איר גערעכט, גערעכט! איך זאָג גאָרנישט קעגן דעם. איר פאַרגעסט אָבער, אַז אַ שפּיטאָל איז נישט קיין פאַבריק! קראַנקע מענטשן זענען נישט קיין הויזן אָדער פעל אין אַ גאַרבאַרניע, וואָס מ׳קאָן לאָזן ליגן און וואַרטן...

— מיר האָבן נישט געלאָזט די קראַנקע אָן הילף. אויף יעדן זאַל איז דאָ אַ וועכטער אָדער וועכטערקע צו טון ס׳נויטיקסטע, ס׳זאָל נישט קומען צו קרבנות. און וואָלט איר, פּאַניע

שטיקגאָלד געוואָלט, אַז די אָנגעשטעלטע זאָלן פאַלן אונטער דער שווערער אַרבעט?

— כ׳זאָג דאָס נישט!

— וויאַזוי־זשע וועלן מיר צווינגען די פאַנעס פון מאַגי־סטראַט צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אָנגעשטעלטע?

— דאָס ווייס איך נישט! אַזוי אָבער טאָר מען נישט!

יאַנקל האָט שוין איצט גאָר פאַרלוירן ס׳געדולד. ווי אַ האָן איז ער אַקעגנגעשפרונגען:

— אַז מ׳ווייסט נישט, ברעכט מען נישט אַ געדרעכטן שטרייק!

— קיין שטרייק ברעך איך נישט... — און שוין מיטן גע־בראָכענעם טאָן צוגעגעבן: — כ׳העלף בלויז צעבראָכענע מענטשן... און דאָס איז מיין פליכט, מיין מעדיצינישע פליכט! פאַרגעסט נישט, אַז איך בין אַ מעדיקער און שוין אַזוי גוט, ווי כ׳וואָלט געשוווירן די הייליקע שבועה צו ראַטעווען מענשלעכע לעבנס אונטער אַלע באַדינגונגען... — און אויסשטרעקנדיק די האַנט צו יאַנקלען האָט ער צוגעגעבן: — איבריקנס, צו וואָס קריגן מיר זיך? כ׳וואָלט זייער געוואָלט אייך העלפן. צום באַדויערן לאָזן מיך נישט די קראַנקע זיך שטעלן אויף דער זייט פון די גע־זונטע...

יאַנקל האָט די אויסגעשטרעקטע האַנט נישט גענומען. אָנ־שטאָט דעם האָט ער גאָר אָנגעטון דעם קאַפעלוש און אַוועק אָן אַ וואָרט...

נאָך דעם געשפרעך האָט זיך שטיקגאָלד געפילט דער־שלאָגן. כאָטש דער מוח האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אין

אָרדנונג, האָט ער דאָך געפּילט, אַז עס צופּט אים עפּעס. ער האָט כּסדר געזען דעם שלומען, אָט דעם גברן מיט די ברייטע זואָנסעס, וואָס קוקט צו אים מיט אַזעלכע ליבע, ווייכע אויגן... אויך ס׳ווייב, מיט די אָפּגעריסענע קינדערלעך, וואָס ער קאָן יעדערס פון געבורט אָן... ער זעט זיי, כאָטש זיי מיידן אים אויס. און זייער אויסמיידן האָט אים נאָך מער וויי געטון. ער האָט געפילט, אַז זיי קוקן אויף אים, ווי אויף אַ שונא זייערס... פון דער אַנדערער זייט די קראַנקע דאָרטן... כּדי צו פאַרטויבן אין זיך אָט די שטומע געשרייען, האָט ער זיך נאָך מער אַריינגע-וואָרפן אין דער אַרבעט. גאַנצע טעג איז ער אַרומגעלאָפן איבער די שפּיטאָלן, געהאָלפן די דאָקטוירים, אַליין געטון שוואַרצע אַר-בעט, געוואַשן, געשלעפּט, און דערוויל, גאַנץ אָזױ, פאַרגעסן אָן די נויטיקע פאַרזיכט-מיטלען, פּשוט געשטעלט זיך אין לעבנס-געפאַר... אָבער, ווייזט אויס, אַ שטומער געשריי איז טיפער און שרייט העכער פון אַ הויכן. ער האָט זיך פון דעם שטומען גע-שריי נישט געקאָנט באַפרייען. יעדעס מאָל, אַדורכגייענדיק די שטרייקער ביים שפּיטאָל, האָט ער דערפילט אַ פרישן שטאָך אין האַרץ, אַ שטאָך, וואָס האָט אים אָפּגעקלונגען אין די אויערן, ווי אַ גלאָק: שטרייק-ברעכער! און ווי מאָדנע, שטענ-דיק האָט דעם קלאַנג, ווי אַן עכאָ, באַגלייט די זעלבע גדאַנ-קען: „ווי ס׳לעבן פאַרפלאָנטער־ט דאָס אַ מענטשן... האָט ער דען דאָס געמיינט“? מיטן גאַנצן האַרץ וואָלט ער געוואָלט צוריק! איז אָבער איצט נישטאָ קיין צוריק. חוץ דעם, ווי יונגלעריש וואָלט דאָס געווען! פּלוצים און מיט איינמאָל נע-מען און לאָזן אַלץ און אַוועק? און וואָס וועלן זאָגן דער קאָמענדאַנט און די אַלע, ביי וועמען אין די אויגן ער איז איצט אַ העלד?... יאָ, ביי זיי אַ העלד און ביי שלומען אַ פּשוטער שטרייק-ברעכער... און אפשר איז שלום גערעכט?...

אָט די גדאַנקען האָבן אים געפּייניקט אָן אויפהער. דאָס איז די שווערע אַרבעט האָבן אים אויסגעצערט. ס׳רונדע פּנים

איז איצט געוואָרן ווי אַ קמץ – ברייטע באַקן-ביינער מיט אַ שפּיציקער גאָמבע... ווייטער איז אַלץ געווען איינגעפאַלן, חרוב...

די מוטער, ער זאָל נישט הערן, האָט זיך די אויגן אויס-געקלאָגט, און וואָס נאָך ערגער, זי האָט אפילו מורא געהאַט אים איבערצופרעגן, אַזוי בייז און נערוועז איז ער לעצטנס געווען.

נאָר איינמאָל, ווען ער איז געקומען צוריק פון שפּיטאָל אַ פאַרמאַטערטער און געלעגן ביי זיך אויפן בעטל אין לייכטן דרימל, איז זי אַריינגעקומען, זיך אַוועקגעזעצט, ווי יענעם אינדערפרי, לעבן אים, און אים מיט איר זיידן טיכעלע לייכט אַרומגעווישט דעם בלאַסן שטערן. אויך איצט האָט אַ דינער שמייכל געשפּילט אויף זיין אייגנעפאַלענעם פּנים... זי האָט געוואָלט באַלד אַוועקגיין, נאָר ער האָט געעפנט די אויגן, וואָס זענען איצט, צוליבן דאַרן פּנים, געווען אַזעלכע פולע, כמעט אַרויסגעזעצטע און דערזען אין דער מוטערס אויג אַ פול-אָנגעגאָסענע טרער, ווי אַ לויטערע פולע וויינטרויב...

ער איז געבליבן שטום און בלויז פאַרשוואַלדיקט געקוקט, ווי ער וואָלט וועלן מיט זיין שטומען בליק אַראָפּגנבענען און אויס-טריקענען די און אַלע טרערן, וואָס די מוטער האָט שוין צוליב אים פאַרגאָסן. ער האָט אויסגעקוקט, די מוטער זאָל צו אים רעדן, אים פרעגן, אָבער אויך זי האָט שטום געקוקט... בלויז אַרום איר שיינעם מויל האָט זיך באַוויזן אַ קרומע גרימאַסע, אַזאַ צוק, גלייך אַ דין אָדערל, אָט דאָס רויטלעך-בלויע שלענגעלע אונטער דער הויט, וואָלט זיך פּלוצים אַ וואָרף געטון... שטומערהייט האָט ער אַוועקגענומען זיין בליק און אים געווענדט אויף די שויבן, דורך וועלכע ס'האָט אַריינגעקוקט אַ פינסטערע, אַ גאָרנישט-זאָגנדיקע נאַכט...

קאַפּיטל 4

ס׳איז געווען אַ הייסער זומער-טאָג. איבערן וועג, אַנטקעגן פֿאַן שטיקגאָלדס אָפֿענע פֿענסטער, האָבן די שטיינער געגליט פֿון דער פֿייערדיקער זון, אונטער וועלכע ס האָט זיך געוויקלט די שטענדיקע, די קיינמאָל נישט אויפֿהערנדיקע, ברודנע אָטשערעד-שלאַנג, וואָס האָט זיך געוואָרפֿן און געצויגן און געלאַרמט גלייך אין די אָפֿענע פֿענסטער אַריין פֿון מאַדאַם שטיקגאָלדס גרויסער סאַליע. דאָ איז געווען קיל און שאָטנדיק. און מאַדאַם שטיקגאָלד אין געבלימטן, זיידענעם שלאָפֿראָק מיט די ברייטע אַרבל און ווייסן, טיף-אויסדעקאָלטירטן האַלז, האָט זיך אַרומגעפֿאָרעט אין אירע ווייכינקע שטעק-שיכלעך אַרום גרויסן, שווערן, דעמבענעם טיש. עפּעס האָט איר נישט געפֿאַלן, ווי די דינסט האָט געגרייט צום מיטאָג. „אַלע מאָל אַזוי! ס׳ליגט איר עפּעס אין קאָפּ, דער מויד? אַ פֿויערטע!‟ דערבײַ טוט איר, מאַדאַם שטיקגאָלד, שטאַרק הנאה, וואָס זי איז אַ גוטע... וואָס זי שרייט קיינמאָל נישט, ווי די אַנדערע מאַדאַמען, נאָר גלייכט אַליין אויס און שאַ, שטיל! כאָטש אינעווייניק קרענקט עס איר און ס׳וואָלט בעסער געווען, זי זאָל „אויסלאָזן צו דער פֿויערטעס קאָפּ‟, איידער זיך קרענקען ס׳געזונט... וואָס זאָל זי אָבער טון, אַז זי האָט אַ האַרץ? שטייט זי דאָס איצטער און גלייכט אויס דאָס געל- און גרין-קראַטעווע טישטוך, שפּרייט נאָך אַמאָל איבער

דעם ווייסן סערוועט, שטעלט צוריק דעם גרויסן, פינקלדיק-גע־שליפענעם קלאַש, פונקט אין מיט טיש אונטערן שווערן זשי־ראַנדאָל, און פאַרקרימענדיק ס׳ווייסע, געטאָקטע פּנים צוליב די לאַרמען, וואָס טראָגן זיך פון דער אַנטקעגנדיקער אָטשערעד דורך די אָפענע פענסטער, שרייט זי אַזוי נערוועז:

— עדזשאַ! עדזשוניו! — זי וויל דעם בינט שליסעלעך, מאַדאַם שטיקגאָלד, וואָס אויפן נאַכט-טישעלע אין איר שלאָף-צי־מער און זי איז נעבעך פויל אַהין צו שלייכן זיך.—עדזשונקאַ!

נאָר אָנשטאָט דער קלײנער איז גאָר אַריינגעקומען דער אַלטער שטיקגאָלד אַ שיינענדיקער, מיט אַ שמייכל איבערן גאַנצן, שיין-פאַרשווירענעם לאָפּעטע-בערדל, עפּעס גלייך אַ גליק וואָלט אים געטראָפן, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט מיט איינמאָל איינ־קאַסירט ס׳גאַנצע פאַרלעגענע דירה-געלט... ס׳ווייב, דערזעענדיק זיין אויפגעלייגטקייט, איז נאָך מער אויפגערייצט געוואָרן. „שוין שטענדיק אַזוי! ווען זי איז דענערווירט, פאַלט ער אַריין אַ פאַרקערטער... וואָס פרייט ער זיך אַזוי? אַז זי זאָגט, „גליק־לעכע מענטשן די מאַנסלייט“... ס׳לעצטע האָט זי געזאָגט הויך אויפן קול.

דער אַלטער האָט פּלוצים פאַרלוירן דעם שמייכל, איר אָנ־געקוקט און לחלוטין נישט געקאָנט פאַרשטיין, איבער וואָס זי האָט זיך דאָ צו דענערווירן. „איז דער גאָפּל אויף דער רעכטער זייט, מילא, אַ דאגה דיר“...

— הערסט מיין ווייב, (אַלע מאָל, ווען הער שטיקגאָלד איז אויפגעלייגט, רופט ער זי נישט ביים נאָמען, נאָר מיין ווייב), ווען איך זאָל דיר דערציילן פון דיין זון, וואָלסטו זיך אויך גע־פרייט און פאַרגעסן אָן דיין טישטוך מיט דער דינסט“.

שפּעטער שוין, ביים כליעפּטשען די זופּ, צווישן איין לעפל און צווייטן, באַקלאָגנדיק זיך, וואָס ס׳איז נישט מעגלעך עס אין מויל צו נעמען, „קריגט מען טאָקע נישט קיין פּאָמידאָרן

אויף אַ רעכט ביסל זופּ! און קאַלאַפּיאָר אויך נישט״? — האָט ער דערווייל דערציילט:

— הע, הע, געווען דאָרטן מיט די מעלדונקעס. פּרעג שוין גאָרנישט! וואָסער פלייש איז דאָס עפּעס. סאַליע! פגירה׳ ווי כ׳בין אַ ייד! פּע, אַ גאַנצער העלד דער זון דיינער! פּע, וועלן אים נאָך מאַכן פאַר אַ קאָמענדאַנט... עסט זען מיינע רייד! פּע...

פאַר די לעצטע טעג, זינט שטיקגאָלד איז צוריק אַריין אין זיין רוטינער אַרבעט אין קאָמיסאַריאַט, וואַרפט זיך אים אין די אויגן עפּעס אַ זאַך, איבער וועלכער ער האָט גאָר פריער קיינמאָל נישט געטראַכט. דאַכט זיך אים, עפּעס שיטערער געוואָרן אין קאָמיסאַריאַט? מאָדנע, דווקא די יידישע מיליציאַנטן זענען אים עפּעס אַנטרונען... ווו איז גאָלדשטיין? און פערלמוטער? יאָ, און רעזניק ווו איז? רעזניק, אַ בראַווער יונג געווען דער רעזניק מיט די לאַנגע באַקן-בערד און שאַרפער נאָז. ווו איז ער? דער שכן זיינער, אויך אַ רעווירָאָווע, אויך אַ סטודענט, נאָר אַ קריסט און פון פּאָליטעכניקום, איינער פון יענע צוויי ערשטע יונגעלייט, וואָס האָבן דאַן ביים לאָמען איבערגענומען דעם קאָמיסאַריאַט, זאָגט אים, אַז:

— אַלע האָבן זיי רעזיגנירט, די יידן... — דערבײַ גיט ער אים צו מיט אַ גאַנץ גראָבן שטאָך: — ע, טאַם! נישט קיין געשעפט פאַר די יידעלעך קיין שווערד! אַ לענטע אַרום אַרבל, נאָך ווי עס איז, אָבער אַ שאַבליע? ע, טאַם!

שטיקגאָלד הערט זיך צו זיצנדיק אַנטקעגן ביי זיין שרייב-טישל, דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט מיט דער לינקער האַנט אין דער רעכטער האַלט ער די סטאַלקע און דריקט מיט איר איבער זיינע פאַרטריקנטע ליפּן. ער ענטפערט נישט אַ וואָרט, שטיקגאָלד, ער קוקט בלויז אין יענעמס גרינלעך-גלאַנציקע אויגן

און ס'שווימען אים פאַרביי קליינע סצענקעלעך, איבערגעלעבטע דאָ, אין קאָמיסאַריאַט, און אויך בעתן דינסט. איינע אַזאַ סצענע שטייט אים איצט בולט פאַר די אויגן. ס'איז געווען אַן איבערפרי מיט חדשים צוריק. גאָלדשטיין איז געקומען פון „סטויקע" אַ געפרוירענער, האָט אָפּגעגעבן דעם דינסט-באַריכט און געאיילט אַהיים אויף רו. דערווייל האָט ער אויסגעטון דעם שינעל און פאַר אַ ווייל אַריין דאָרט, ווו יעדער מענטש מוז גיין... איז דאָ דערווייל דער פּאַס נעלם געוואָרן, דער פּאַס מיט דער שווערד אויף אים... פון אונטערן שינעל אַפער האָט מען דאָס צוגענומען. דערנאָך, ווען ר'איז אַרויסגעקומען, האָט מען אויס אים געחוזקט:

— גאָלדשטיין, ווו האָסטו די שווערד? פאַרקויפט יידעלע? שעם זיך נישט! האָסט פאַרקויפט די שווערד? אַזאַ האַנדלאַרזש!

מאָדנע, דאַן האָט ער עס גאָרנישט „אַזוי" געזען... ר'האָט, דאַכט זיך, אַליין אויך געלאַכט... נאָר וואָס איז דאָ געווען צו לאַכן? ס'איז דאָך געווען אַ שווינערייַ אָט דאָס חוזקן! און גלייך ס'וואָלט איצט געווען, אַזוי קלאָר געדענקט ער, אַז אפילו דער געהילף-קאָמענדאַנט האָט נישט רעאַגירט דערויף, כאָטשס'איז דאָך געווען אַ באַליידיקונג, נישט נאָר פאַר גאָלדשטיינען, נאָר אויך פאַר דער שווערד... און דאָך האָט דער געהילף-קאָמענדאַנט אויך געחוזקט. ערשט שפּעטער האָט ער, דער געהילף-קאָמענדאַנט, שטיקנדיק זיך פאַר געלעכטער, געזאָגט: „כלאָפּצי, לאָזט אים גיין אַהיים שלאָפן"...

ס'טוט אים ווי, שטיקגאָלדן, אָט דאָס אַלץ, וואָס ער דערמאָנט זיך. ספּעציעל טוט אים ווי זיין מיטלאַכן... ער באַמיט זיך צו פאַרגעסן און נעמט זיך צוריק צו זיין אַרבעט. נאָר ווי אויף להכעיס רוקט זיך אים אונטער פּערלמוטער, אָט אַ שטייגער, ווי די פאַרשוינען אין דער אָטשערעד, איינער נאָכן אַנדערן, פּערלמוטער מיט יענעם אויפּדערנאַכט, ווען אַ יונגער

מיליציאַנט האָט אים, אַזוי פאַר אַ עלעכטער, אַ שטיפּ געטון. גו, וואָס דאַן האָט זיך אָפּגעטון! באַלד האָבן זיך פאָרמירט צווײ רײען אױסגעשטרעקטע הענט, וואָס האָבן דעם אָרעמען פּערלמוטער געוואָרפן פון אײן פּאָר הענט אין די צווײטע, גלײך ער וואָלט געווען אַ פּילקע... דערנאָך ערשט, ווען ער איז שוין געווען אױסגעטאָרליעט אױף דער פּאָדלאָגע, ווי אַ חזיר אין רינשטאָק, האָט מען מיט חוזקדיק געלעכטער אים פאַר-שטופּט אין אַ ווינקל אַרײן...

ער הײבט ווידער אױף דעם קאָפּ פון פּאַפּיר, שטיקגאָלד, קוקט אַריבער צו זײן שכן, וועלכער איז שוין צוריק פאַרטון אין זײן אַרבעט, אָבער אים געלינגט נאָך צו כאַפּן אַ בליאַסק פון יענעמס גרינע, כיטרע אױגן און ער הױבט אָן באַנעמען אַזוי קלאָר, ווי נאָך קײנמאָל נישט, זײער „רעזיגנאַציע"... דערבײ פאַרטשעפּעט זיך זײן געדאַנק אָן רעזניקן. „אַ שאָד רעזניק, אַ שאָד"... באַלד פאַלט אים אײן אַזאַ געדאַנק: „וויפל-זשע זענען מיר דאָ געבליבן? הײסט עס, בלויז ער און יוליאַן? מער נישטאָ אין גאַנצן קאָמיסאַריאַט קײן יידן, ווי ער, איגנאַצי שטיקגאָלד, און יוליאַן דזשאַלאָווסקי?...

יאָ, ער פילט אָפּ, איגנאַצי שטיקגאָלד, די ענגקײט, וואָס איז דאָ לעצטנס אָנגעשטאַנען פאַר אַ יידישן מיליציאַנט. כאָטש אים אַלײן, צוליב זײנע פאַרדינסטן בײם ברעכן דעם שפּיטאָל-שטרײק, מאַכט מען פילן גוט און מ'ווײזט אים אפילו אַרויס אַ סך אָנערקענונג. אָבער מאָדנע, ווי דערווידער עס איז אים איצט דאָס צאַצקען זיך זײערס מיט אים. כאָטש פריער, איז ער זיכער, וואָלט עס אים הנאה געטון... איצט אָבער פילט ער בײ יעדן קאָמפּלימענט זײערן, ווי מ'וואָלט אים גערײַעט אין אַן אָפענער וווּנד. ס'איז אים נישט קלאָר, פאַרוואָס דאָס איז

אזוי. צי ווייל ר׳האָט פּלוצים דערפילט, אַז ער געהער זיך עפּעס אָן מיט גאָלדשטיינען, אויס ווען מ׳האָט אַזוי געחוזקט, מיט פּערלמוטערן, ווען מ׳האָט דאָ געטאָרליעט אין מיסט, אָדער ווייל ער וויל בכלל פאַרגעסן אָט דאָס פּאַסקודנע שטיקל שפּי־טאָל־אַרבעט, פאַר וועלכן דער שלום האַלט אים פאַר אַ שטרייק־ברעכער...

אָבער אַמערגסטן האָט ער זיך געפּילט נאָר־וואָס. זיצנדיק איבערגעבויגן ביי זיין שרייב־טישל, מער טראַכטנדיק, ווי געאַרבעט, האָט ווער פּלוצים, הינטערווילעכטס, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין רעכטן אַקסל. ער האָט זיך גיך אַ דריי געטון, אָט אַ שטייגער, ווי אַ קאַץ, וואָס מ׳האָט אָנגעכאַפּט ביים עק. הינטער אים איז געשטאַנען דער קאָמענדאַנט אין די גאָלדענע פּענסנע, אָט דער זעלבער, וואָס האָט אים דאַן, ווען דער צירקוליאַר איז אָנגעקומען, אויך אַזוי אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל און אים געזאָגט: „פּראָשע באַרדזאָ, פּאַניע דאָקטאָרזשע! מיט פאַרגעניגן, מיט פאַרגע־ניגן, פּאַניע שטיקגאָלד״... אויך איצט האָט ער אים געקלעפּלט איבערן אַקסל אַזוי לייכט, געקוקט אים אין די אויגן אַריין, נאָר שוין געזאָגט: „אַ גרויסע זאַך אויפגעטון, פּאַניע דאָקטאָרזשע, אַ זייער גרויסע זאַך״... און גלייך נאָכן קאָמענדאַנטס פאַרשווינדן הינטער דער טיר, נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט איבערצוו־טראַכטן, פאַרוואָס ער האָט נישט דעם קאָמענדאַנט אַ שליידער גע־טון אַלץ, וואָס ער פילט איצט וועגן דער גאַנצער חזירײַ, האָט שוין זיין שכן פון אַנטקעגן, דער רעוויראָווע מיט די גרינע אויגן, אַריבערגערעדט:

— אַ שאָד, שטיקגאָלד, וואָס ביסט אַ ייד! אַ שאָד, וואָלסט איצט זיכער, אַ דאַנק דיין אויסצייכענען זיך אין דער שפּיטאָל־אַרבעט, דערהויבן געוואָרן...

ער האָט זיך פיינט, שטיקגאָלד, פאַר זיין נישט־דעצידירט־קייט, פאַר דעם, וואָס אַלע מאָל נעמט אים אַזוי לאַנג, ביז ער באַשליסט אויף עפּעס. אָט אַ שטייגער וואָלט ער געדאַרפט עפּעס

ענטפּערן דער „גרינער זשמיע” אַנטקעגן. נאָר אָנשטאָט יענעם עפּעס אָפּענטפערן, זיצט ער גאָר צוריק ביים טישל, ביידע הענט־פלאַכן ביים שטערן, קוקט אַראָפּ אויפן ליניירטן בויגן פּאַפּיר און בייסט זיך די אונטערשטע ליפּ ביז בלוט...

איין טרייסט האָט ער כאָטש, וואָס מ׳דערהויבט אים נישט... דערביי פרעגט ער זיך: „וואָס אַ שטייגער וואָלט געווען, ווען מ׳וויל אים אַזוי יאָ דערהויבן? וואָלט ער עס אָנגענומען? „ניין”! ענטפערט ער זיך שאַרף אָפּ. „דאָס וואָלט שוין גאָר געווען אַ שווייַנעריי”! עפּעס דאַכט זיך אים, אַז אַזאַ דערהויבונג וואָלט געווען נאָך אַ גרעסערע געמיינקייט. ווי דאָס ברעכן דעם שטרייק. דאָס וואָלט שוין גאָר געהייסן פּערזענלעכע נוצן פון אַ גרויס אומגליק... דערצו נאָך איצט, ווען אפילו רעזניק האָט געמוזט אַוועק (די גרינע זשמיע רופט דאָס „רעזיגנירן”.) ניין! גוט, וואָס ער וועט נישט דערהויבן ווערן! אָבער געמיין איז עס פאָרט! הייסט עס בלויז, ווייל ער איז אַ ייד ווערט ער נישט דערהויבן?... אפילו נאָכן ברעכן אַ שטרייק? און זיי איז דאָך געגאַנגען בלויז אין ברעכן דעם שטרייק, ווייטער גאָר נישט... איז ווידער, הייסט עס, דער ייד? און ביי זיי אויך? נאָך איידער וואָס, ווען? אַ שאַנדע! אַ גרויסע שאַנדע!

— וואָס אַ שאַנדע? — האָט פּלוצים דער רעוויראָווע אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

שטיקגאָלד האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט דאָ שיער אַרויסגעגעבן אַלע זיינע טראַכטענישן. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַריבערגעקוקט צו יענעם טישל, פונוואַנען די פראַגע איז נאָר וואָס געפאַלן. באַלד איז זיין בליק איבערגעשווומען צום פאַרגעלטן ציפערבלאַט פון רונדיקן זייגער. „שפּעט! זיך גוט פאַרטראַכט”... ער איז אויפגעשטאַנען, אויסגעגלייכט דעם מונדיר, איינגעצויגן דעם האַרטן פּאַס אַרום בויך, אָנגעשפּאַרט די האַנט אויפן הענטל פון שווערד און שוין גייענדיק מיט געמאַכטער זיכערקייט צו דער טיר, האָט ער געריידט, מער צו זיך,

ווי אַריבער צו יענעם, „ע, גאָר נישט. זיך פאַרטראַכט איבער עפּעס"...

אויף דער גאַס האָט אים פּלוצים, ווי אַ בליץ, אַ בליאַסק געטון אין מוח אַ וואָרט, וואָס דער טאַטע האָט יענעם אָוונט געזאָגט: „אויטשיזנע... מ'שטיינס געזאָגט, וואָסער אויטשיזנע מיר, יידן, האָבן"... אַזוי, דאַכט זיך, האָט ער דאָך געזאָגט? אין אפשר איז ער גערעכט, דער אַלטער?...

דער רעוויראָווע שטיקגאָלד איז געגאַנגען אַהיים פאַרטראַכט און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט גאָרנישט באַנומען וואָס אַרום. ערשט ביי זיין טויער האָט זיך דורכן גאַנצן טומל, וואָס אין זיין מוח דורכגעריסן דער ליאַרם פון דער אַנטקעגנדיקער אָטשערעד. „און צו דעם נעמט אויך נישט קיין סוף"...

ער איז אַרויף אויף די שטיגן און אַריין אין סאַלע שוין באַלד ביים סוף מיטאָג. דער אַלטער איז געזעסן אויבן-אָן מיט אַ צעקנעפּלטן וועסט, וואָס ער האָט גלייך גענומען צוקנעפּלען אַזוי גיך, ווי דער רעוויראָווע האָט נאָר אַריבערגעשטעלט אַ פוס איבערן שוועל. דעם יונגן שטיקגאָלד האָט אפילו אויסגעוויזן, אַז מיט זיין אַריינקומען האָט ער דעם פאָטער איבערגעשלאָגן אינמיטן פון אַ וואָרט. ער האָט, דאַכט זיך, גענוי געהערט עפּעס: „פּע"... די קליינע עדזשע, וועמען ער זעט לעצטנס אַזוי זעלטן, איז ווידער געזעסן פאַרטיפט איבער אַ בוך. זי האָט אפילו נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו זיין אַריינקומען. זי האָט גאָר גאַנץ פאַרטיפט געצופּט אַ ווייך שטיקל ברויט און עס געוויקלט אי-בערן ווייסן סערוועט אַזוי אימפּעטיק, אַז אָט-אָט קערט זי אי-בער דעם האַלבן טעלער זופּ, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט. בלויז די מוטער האָט זייטיק אַ קוק געטון צו אים, דערלאַנגט אים עסן און גאַנץ שטיל, ווי זי וואָלט גאָרנישט דערוואַרט קיין ענטפער געפרעגט: „וואָס אַזוי שפּעט"? און ער, איגנאַצי, ווי נישט אים מיינט מען, איז געזעסן איבערגעבויגן איבערן טעלער און זיך געמיט אַרונטערצושלינגען די לעפל זופּ אַזוי שטיל,

ווי נאָר מעגלעך, אויסמיידנדיק דעם מינדסטן זופ, כדי נישט צו שטערן די דריקנדיקע שטילקייט, וואָס איז דאָ אָנגעשטאַנען מיט זיין אַריינקומען.

דער אַלטער, ווייזט אויס, טאַקע איבערצייגט אין די שטיל־קייט, האָט פּלוצים געטון אַ פרעג: „נו, וואָס לייענסטו עפּעס, אסתּרל? שאַדט נישט, דער טאַטע מעג אויך וויסן, וואָס דו לייענסט“...

דעם זון האָט זיך געדאַכט, אַז דער טאַטע פרעגט די קליינע, פּונקט ווי אים דאַן: „אדרבה, לאָמיך אויך וויסן, וואָס ס'טראַכט אַ דאָקטאָר“! ער וואָלט נאָך באַדאַרפט צוגעבן, דער אַלטער: „עפּעס האָב איך דאָך אויך שטעקן אין דיין לייענען“, וואָלט עס שוין געווען אַקוראַט, ווי דאַן... יאָ—האָט ער גע־טראַכט — דאָ האָט זיך גאָרנישט געענדערט. אפילו די מאַמעשי זעט אים מער נישט! אַבי, הייסט עס, ער איז נאָר אַרויס פון די געפאַרן, פון די טיפוסן און אַנדערע שפּיטאָל־כאָלערעס, זעט זי אים שוין מער נישט, די מאַמעשי. איז ער דאָך גערעכט גע־ווען, יענעם אויפדערנאַכט, אַז נישט ער, אַז נישט זיין לעבן גייט זיי אָן, נאָר בלויז דער דאָקטאָר, וואָס ער איז מחויב צוצושטעלן. נו, איצט האָט ער זיי צוגעשטעלט אַ רעוויראָווע און נאָך מיט אַ שווערד... נו, זענען זיי צופרידן און שוין... ווייסן זיי, וואָס ביי אים אין האַרץ טוט זיך? און דווקא איצט וואָלט ער דאָך באַדאַרפט זי, די מאַמעשי, זאָל, ווי דאַן, טון אַ זאָג: „ביין, איגנאַצי! איך פּאָזוואָליע נישט מער“! אָ, ווען זי זאָגט דאָס. ער וואָלט אויסגעטון די שווערד, ווי רעזניק האָט מסתּמא געטון, און אַ סוף“!...

אָן אַ וואָרט האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון טיש און אַריין צו זיך אין צימער. ווידער האָט ער זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל, די הענט אונטערן קאָפּ און געקוקט אויפן סופיט, וואָס איז איצט געווען ליידיק, אָנם מינדסטן פּיצל שאָטן, בלויז אַ פּעטע פליג האָט אַרומגעזשומעט פון איין ווינקל אין אַנדערן,

אים האָט באַהערשט אַ מאָדנע געפיל, ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן, אַז ער האָט אַזאַ געפיל. אים דאַכט, אַ ריזיקע געביידע פאַלט איין און פאַרשיט אים ביז איבערן קאָפּ. אָט ליגט ער דאָס אונטער דער חורבה, ווערט ממש דערשטיקט פונם זיך שיטנדיקן „גרוז" און כאָטש ער פילט אַלץ און זעט אַלץ, קאָן ער אָבער נישט אַ ריר טון מיט אַ פינגער זיך אַפּערצוקריגן פון אונטער דער חורבה...

ער האָט זיך אַ דריי געטון. די שווערד, וואָס איז געלעגן לעבן אים אויפן ראַנד בעט, האָט זיך געגומען גליטשן אַראָפּ, אַראָפּ, ביז זי איז געטון אַ פאַל מיט אַ זעץ אויף דער רויט־געפּאַרבטער פּאָדלאָגע און אים, שטיקגאָלדן, געטון אַ צי ביים זייטיקן לעדערל אַרום פּאַסעק. ער האָט אויפגעשנאַלט דעם פּאַס און געלאָזט די שווערד פאַלן אויף מיטן קאָפּ אַראָפּ... דערביי האָט ער געטראַכט: „אפשר אויך רעזיגנירן? פּונקט, ווי רעזניק? אָבער וויאַזוי גיט מע דאָס פּלוצים און מיט איינמאָל אַ פּאָר אַרויס: „פּאַניע קאָמענדאנטשע, איך רעזיגניר"! פאַרוואָס? געוויס, ווען ער קאָן דערביי אויסרעכענען אָט דאָס אַלץ, וואָס מ'האָט דאָ אָפּגעטון גאָלדשטיינען און פּערלמוטערן און רעזניקן און דאָס אַלץ טון אַ שליידער דעם קאָמענדאַנט גלייך אין די גאָלדענע פּענסנע אַריין, וואָלט ס'רעזיגנירן געהאַט אַ זין! ווער ער דאָס קענען?

אָבער באַלד האָט זיך ביי אים אַלץ איבערגעקערט. „אפשר איז ער נישט גערעכט? אפשר זענען דאָס געווען בלויז יינגלשע געלעכטערן, געלעכטערן? וואָס אַ פּאָר בלויז מיט דער „גרינער זשמיע" האָבן זיך געמאַכט?... אפשר אַזוי?... און געביטן האָט זיך דאָך דערווייל גאָרנישט. נאָך אַלץ דער שטיוול אויפן גאָרגל... פריער דער מאָסקאַלישער און איצט דער פּרייסישער... און די „גרינע זשמיע" וועט זאָגן: אַ ייד און אַ שווערד?...

טראַכטנדיק אָט דאָס אַלץ, פאַלט אים דערווייל איין אַ געדאַנק, אַז דאַן, באַלד ביים אָנהויב, איז ער אויך אַזוי געלעגן דאָ, אויפן בעט, און זיך געמאַטערט וועגן זיין אַריינטרעטן, אָט

פונקט אַזוי ווי איצט: „ווי גיט מען דאָס פּלוצים און מיט איינ־מאָל אַ פּאָר אַרויס: מאַמעשי, איך טרעט אַריין! אויב ער געדענקט ריכטיק, איז דאַן געווען אַזאַ מאוימדיקע נאַכט... און איצט? ס'ווערט שוין אויך טונקל. אומגעזעענע שאָטנס גליטשן זיך איבער די ווענט... און די פּעטע פליג האָט זיך געשטעלט שלאָפן אויף דער רויער, אָפּגעשיילטער נאָז פונם מזן, וואָס אויפן אַנאַטאָמישן בילד... ער האָט צוגעמאַכט די אויגן. ס'דינע פּעדעמל אונטערן שטערן האָט זיך אַזוי לייכט, גענומען איבעררייסן, און ער, דאַכט זיך אים, גייט אַראָפּ די טרעפּ, איינציקווייז, פּאַמעלעך, און דאָס גיין און די טרעפּ הערן גאָרנישט אויף...

◼ ◼

קאַפּיטל 5

דערווייל גייען טעג אַזעלכע לאַנגע, נודנע. טוענדיק זיין אַרבעט, האָט ער, שטיקגאָלד, כסדר ס׳געפּיל. ווי ער וויל שלאָפֿן און אויב ער שלאָפֿט נישט איין ביים שרייב-טישל אָדער אפילו גייענדיק איבער די „סטאָיקעס" איז עס בלויז, ווייל ער „פרישט" זיך אָפּ מיט אַ גענעץ און פאַרטרייבט דעם שלאָף. און שלאָפנדיק רוקט זיך דערווייל דער זומער אַלץ ווייטער און ווייטער אין הערבסט אַריין. פאַרגעלטע בלעטער פאַלן פון די ביימער און טראָגן זיך אין ווינט. אַ ברוינער קאַשטאַן, ווי אַ גרויסע נוס, האָט זיך אויסגעטון פון לעצטן שטיקל גרינעם שאָלעכץ און קייקלט זיך פאַרביי שטיקגאָלדס פיס גלייך אין רינשטאָק אַריין... און ער, דער רעוויראָווע שטיקגאָלד, גייט איבער זיין באַצירק אַ מידער, פון איין „סטאָיקע" צו דער אַנדערער, קוקט אויפן זון-באַגאָסענעם טראָטואַר און טראַכט וועגן דעם טונקעלן פלעק, דעם שאָטן זיינעם, וואָס ציט אים אַזוי נאָך, ווּהין נאָר ער גייט...

נאָך אַ ריי אָט אַזעלכע לאַנגע, נודנע טעג, איז געשען עפּעס, איבער וועלכן שטיקגאָלד האָט לאַנג נאָך דעם טיף נאָכגעטראַכט.

צום ערשט איז געקומען אַ קורצע ידיעה. בלויז עטלעכע ווערטער! „אַן אויפשטאַנד אין עסטרייך"... און „אין לובלין גרינדעט זיך די ערשטע פּוילישע רעגירונג"...

דערנאָך איז געקומען, האָט מען דערציילט, איינער אַ שליח מסתמא מיט דעם גרויסן וווּנדער, אַז ייִנגלעך, באַוואָפנט בלויז מיט די דריי ליטערעס P.O.W. [1] אויף אַ בענדל אַרום אַרבל, שטעלן אָפּ און אַנטוואָפענען יעדן ריזיקן אָפיציר אָדער זעלנער...

אין דמיון האָט זיך שטיקגאָלד געפּרוּווט פאָרשטעלן אָט אַזאַ סצענע און דערבײַ געטראַכט וועגן דעם כּוח, וואָס ליגט אין דעם אויפשטענדיקן... „הייסט עס, אַז נישט דער גאַנצער כּוח ליגט אין רעוואָלווער? די האַנט, וואָס שטרעקט זיך פון אַ שטורמדיק האַרץ, האָט דאָ אויך, וואָס צו זאָגן?“... און מערק־ווירדיק, וואָס פון בלויזן געדאַנק וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך דאָרטן איבער דער גרענעץ, אין ווייטן לובלין, פילט ער, ווי ס׳וועפּט אויס אין צעגייט, ווי רויך, די שלעפעריקייט און אַפּאַטיע אין אים און אַ שטאַרקער שטראָם, ווי הייוון אין ווײַן, גייט אין אים אויף און שטאָלט אים אָן יעדן גליד זיינעם אַזוי, אַז ער איז גרייט, פונקט ווי באַלד אין אָנהויב, אַרײַנצוּוואַרפן זיך און אָפטון עפּעס גרויסע, גאָר־גאָר גרויסע זאַכן! „ס׳וואָלט אפשר אַ פּלאַן געווען, טראַכט ער, דאָ צו לייגן די שווערד און פאָרן אַהין? דאָרטן דאַרף מען אים איצט זיכער מער, ווי דאָ“...

אַ פאַרגעלטער בלאַט פון אַ קאַשטאַן־בוים איז אָנגעפלויגן, געטון אים אַ וויש ס׳רעכטע אויג און אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד. שטיקגאָלד האָט איצט נאָכגעקוקט אַ דייטשן אָפיציר, וואָס האָט אים פאַרבייגעשוועבט מיטן רעוואָלווער אין דער זייט, מיט דער גאַנצער חוצפּה, גלייך דאָרטן, אין לובלין, וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען, און געטראַכט: „צי ס׳וואָלט נישט מעגלעך געווען דאָס זעלבע דאָ? אָט אַ שטייגער, ווען ער אַליין, שוין אַן אָפּי־ציעלער מענטש, אַ פּאָליציאַנט מיט אַ שווערד, זאָל צוגיין אַזוי

---

1) פוילישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע.

פראָסט, ווי יענע ייִנגלעך דאָרט און אַ זאָג טון: ביטע ס׳געַ־ווער! וואָס וואָלט אים יענער געענטפערט? אויב ער וואָלט אים נישט דערשאָסן גלייך אויפן אָרט, וואָלט ער אים זיכער אַרעסטירט״... „הייסט עס, אַז ס׳איז נישט אַזוי פראָסט? די האַנט ביי דעם דאָ״... „צו אַלדע טייוול!״ ער האָט אַ געשריי געטון צו אַלדע טייוול, ווייל ר׳האָט זיך אויסגעגליטשט און שיער געפאַלן איבער אַ צעטרעטענעם קאַשטאַן. „צום טייוול־מ׳קערט גאַרנישט אָפּ די גאַס!״ ער איז צו צום טויער, עט־לעכע ביימע צי געטון דעם גלאָק, באַלד איז לעבן אים אין טויער געשטאַנען דער סטרוזש מיטן היטל אין האַנט, מיט אַ פּאָר אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעס, וואָס האָבן ציטערדיק געענטפערט: „שוין, שוין, כ׳נעם שוין דעם בעזים. אַז זיי פאַלן אָן אויפהער, די קאַשטאַנעס״...

יאָ, ער איז גערעכט געווען דער סטרוזש. „זיי פאַלן אָן אויפהער, די קאַשטאַנעס״... באַלד איז טאַקע געפאַלן דער גרוי־סער קאַשטאַן...

דאָס איז געווען אין אַ שבת אָוונט. ווען שטיקגאָלד איז אַוועק פון קאָמיסאַריאַט, האָט מען נאָך דאָרטן גאָרנישט גע־ווּסט. ערשט שפּעטער, זייענדיק אויף איינער פון זיינע „סטאָי־קעס״, האָט ער עפּעס באַמערקט, דאַכט זיך, ווי דריי באַוואָפנ־טע דייטשן, אונטער־אָפיצירן, שלייכן זיך כמעט אויף די ווענט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט וואָס גיכער אַנטרינען פון דער גאַס. ער איז זיי נאָכגעגאַנגען, אָבער אין איינער פון די געדרייטע געס־לעך אין האַלב־טונקעלן ליכט זענען זיי אים פאַרלוירן געוואָרן פון אויג. אַ ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען און נאָכגעטראַכט, וואָס דאָס קאָן מיינען. באַלד איז אים איינגעפאַלן: „אפשר?״ אין גאַס אָבער זעט מען גאָרנישט. מענטשן גייען, ווי אַלע מאָל, וווּ זיי דאַרפן. „אפשר, האָט ער געטראַכט, אַריינגיין אין ראָט־

הויז „צימער 7״, אָט דאָרטן, ווו ס׳זיצט דער אָנגעפּרעסענער דייטש, דער הויפּט-פּאַליציאַנט איבער זיין באַצירק, אָט דער, וואָס האָט זיך אַזוי אויסגעפּאַשעט פון פוילישער שינקע און וויסן ברויט און פרישער פוטער און אייער״...

אויפן וועג אַהין שטעלט ער זיך ווידער פאַר ס׳באַקאַנטע בילד פון דעם אָנגעפּרעסענעם דייטש, וואָס זיצט איבער אַ פּאַפּיר ביים טיש, די שעלקעס אויף די אַקסלען, ס׳דינע זעפיר-העמד ביים פעטן האַלז צעקנעפּלט. דער געלאָדענער רעוואָלווער לעבן אים, די דיקע, שטרויענע וואָנסעס פאַרדרייט, ס׳גזשיבקעלע בערשטלדיק פאַרשוירן אַלאַ הינדנבורג, ווי ער הייבט אויף אָט דעם שווערן קאָפּ גלייך ביי זיין אַריינקום: „נו, יאַ, שטיקגאָלד״!

דאָס מאָל, גלייך ווי ר׳איז אַריינגעקומען, שטיקגאָלד, האָט ער דערזען גאָר אַן אַנדער בילד. אַרום טיש, ווי די בערן, זענען זיי געשטאַנען אַלע זעקס פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן פאַרנומען „צימער 7״ (קיינמאָל פריער האָט ער זיי נישט געטראָפן צוזאַמען), אַלע זענען זיי געווען אָנגעטון אין די דיקע, לעדערנע רימענס, מיט די שווערע רעוואָלווערן אין דער זייט. עפּעס ווי זיי וואָלטן זיך נאָר וואָס געסודעט און איבערגעריסן גלייך ביי זיין אַריינקומען. אַלע זענען זיי געשטאַנען מיט די אויגן צו אים. די שאַרפקייט אין זייער אַלעמענס בליק האָט אָנגעוואָרפן אויף אים אַ מורא. עפּעס איז געווען אין זייער בליק די שאַרפקייט פון הינט, וואָס מ׳האָט פאַרטריבן אין אַ ווינקל, נאָר זענען גרייט מיט ציין און נעגל זיך מאַכן אַ וועג אַרויס... צוויי האָבן אפילו געהאַלטן די הענט אין דער זייט, כּלומרשט אויפן פּאַס, אָבער ער האָט גוט געזען, שטיקגאָלד, אַז פּאַקטיש האָבן זיי געהאַלטן די הענט ביי די רעוואָלווערן.

שטיקגאָלדן איז פון דעם בילד קלאָר געוואָרן, אַז „עפּעס איז שוין״... אין דער זעלבער צייט איז אים אָבער אויך קלאָר געוואָרן (צו וואָס לייקענען?) אַז ביי זיי, ווען אפילו ער זאָל פון

פריער זיין גרייט, וועט ער שוין קיין געווער נישט נעמען. די אַ האַלטן נאָך דערווייל גוט די פויסטן צו... פאַרקערט, ער וואָלט גאָר מיטן גאַנצן האַרץ געוואָלט געפינען אַ וועג אַרויס פונ־דאַנען.

דערווייל איז ער געשטאַנען מיט דער טיר־קלאַמקע אין האַנט נישט ער האַט זי צוגעמאַכט און וישט ער האָט געוואַגט צוריק עפענען די טיר. אַ מינוט איז ער זיכער אַזוי געשטאַנען אין פאַרלוירנקייט. ערשט, אַז דער אָנגעפרעסענער פּאָליציאַנט, דער הויפּט זיינער, האָט גלייך ווי גאָרנישט, אַ זאָג געטון: נו, יאַ, שטיקגאָלד!" האָט ער געפונען לשון און געמאַכט זיך אויך, ווי גאָרנישט... אָט אַזוי, ער איז געקומען אין דינסט־אָנגע־לעגנהייטן...

דערנאָך, אַז ער איז שוין געווען צוריק אויף דער גאַס, האָט זיך אַלץ געהאַט געביטן, גלייך ער וואָלט דאָרטן געווען, געווען נישט קורצע מינוטן, נאָר יאָרן גאַנצע. מיט איין מאָל זענען די גאַסן געוואָרן איבערפולט. מענטשן האָבן געשטראָמט, ווי אויסגעשיטער מאָן פון זעק אַרויס. אויף אַ נידעריקן דאַך, אין אַ ווינקל פון אַ רונדיקן פלאַץ, איז שוין אפילו געשטאַנען עפעס אַ יונגערמאַן אין דער האַלב־טונקלקייט, ווי אַ לאַנגער סילועט און געוואָרפן שטיקער פייער אין דער צעברויזטער מאַסע אַריין:

— חברים! אַ רעוואָלוציע אין בערלין — אַ רעוואָלוציע אין וואַרשע!

און אונטן, צווישן די מאַסן האָט שוין עמעץ אַ רויטע פאָן אַרויסגעצויגן און געלאָזט זי פלאַטערן הויך איבער אַלעמענס קעפּ אין לייכטן ווינטל, ווי אַ פייערדיקן שטורקאַץ אין אַ פינ־סטערער, צעברויזטער נאַכט. און אַרום אין אַרום שטראָמט עס און שטראָמט אָן אויפהער.

אויף שטיקגאָלדן האָט דאָס אַלץ געווירקט, ווי מ׳וואָלט אים פלוצים געכאַפּט און טאַקע גענומען אויף אים שיטן מאָן

ס'איז, דאַכט זיך, אַן אומאָנגענעמע זאַך, אָבער מאָדנע, ער פילט נישט, דער מאָן זאָל אים פאַרשיטן, פאַרקערט, ער שטייגט גאָר צוזאַמען מיט דעם מאָן-באַרג און אָט שטייט ער גאָר אין דער מיט, אויפן שפּיץ, און די דינינקע מאָן-שטויבעלעך צערטלען אים זיין געזיכט...

אַביסל האָט ער זיך געפילט צעטומלט, שטיקגאָלד, פון דעם דאָזיקן גאַנצן בילד. ער האָט זיך גאָר געהאַט פאַרגעסן, אַז ער איז דאָך שוין כמעט אַ פּאָליציאַנט. כאָטש וואָס דאָ צו טון, האָט ער נישט געוווסט. געפילט האָט ער אָבער יאָ, אַז ווען ער טראָגט איצט נישט רי שווערד מיטן מונדיר, מיטן פּאַס, מיט דעם אַלעם, וואָס ער האָט אויף זיך, וואָלט ער מיטן גאַנצן האַרץ זיך אַריינגעוואָרפן, ווי נאָך אַ מאָנדל, אין דעם גאַנצן שטראָם אַריין און מיטגעהילכט: „אַ רעוואָלוציע אין בערלין איז אַ ר ע וו אָ ל ו צ י ע אין פּ ו י ל ן !"... ער וואָלט אפילו ווייטער אַוועק ווי דער אָ, אויפן דאַך! ער וואָלט געשריגן: „חברים! לאָמיר אַנטוואָפענען דעם גאַרניזאָן!"

איצט אָבער שטייט ער פשוט צעטומלט, די האַנט אויף דער שווערד און ווייסט טאַקע לחלוטין נישט, וואָס צו טון. אַלס פּאָליציאַנט איז עס זיין חוב צו צעטרייבן אָט דאָס אַלץ... נאָר איז ער, איגנאַצי שטיקגאָלד, דען אַ פּאָליציאַנט?... און וואָס שרייט מען דען דאָ? „זאָל לעבן אַן אַרבעטער- און פּויערים-רעגירונג!"... און ווער זענען זיי דען, אָט די וואָס שרייען? קינדער פון פּוילן, ווילן אַ פּוילישע אַרבעטער- און פּויערים-רעגירונג! וואָס-זשע? און אויף וואָס האָט ער געוואַרט?...

פּונקט ווי אַ קינד, וואָס האָט דערזען עפּעס אויסערגעווייגלעכס און איילט גיך אַהיים דערציילן דער מאַמען די חידושים, אַזוי האָט זיך שטיקגאָלד פּלוצים גענומען שפּאַנען איבער די וואַרשעווער גאַסן, גלייך אין קאָמיסאַריאַט אַריין. אָבער פּונקט, ווי זיינע פיס האָבן גיך געשפּאַנט, אַזוי האָט זיין מוח גאַנצפּאַוואָליע נאָכגעטראַכט איבער דעם „עפּעס", וואָס איז דאָ מיט

איין מאָל פאַרגעקומען. „נו טאַקע, אָט נאָר וואָס איז געגאַנג געווען איין באַוואָפנטער דייטש, ער זאָל אַלעמען צעטרייבן, ווי „פליעוע״ אין ווינט... און אָט איז „עפּעס״ פאַרגעקומען, עפּעס וואָס האָט איבערגעדרייט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ... קיינער האָט מער נישט קיין מורא. די מאַסע, ווי זי וואָלט געלעגן ערגעץ אין באַהעלטעניש און געוואַרט אויף דעם „עפּעס״, און איצט שטראָמט זי און שטראָמט אָט גלייך אויף אים אַרויף. עס פאַלט זיי גאָרנישט איין, אַז עס גייט ער, איגנאַצי שטיקגאָלד, אַ רעוויראָווע מיט אַ שווערד... און זיי, די אָפּגעפּרעסטע פּרייסן ליגן, ווי הינט אין די נאָרעס, און וואַכן איבער דער אייגענער סקורע...

אויך דאָ, אין קאָמיסאַריאַט, איז מיט איין מאָל אַלץ געווען איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ. שוין נישט מער יענע געבוינדענע פּאָליציי, וואָס מעג האָבן נאָר אַ שווערד אָבער מיט אַ דייטשן הויפּט, וועלכער טראָגט אַ שווערן, געלאָדענעם רעוואָלווער ביי דער זייט...

אַוועק די פאַרשלאָפנקייט! ס׳האָט דאָ איצט געראָיעט, ווי אין אַ מוראַשניק. אונטער דער טיר, ביים קאָמענדאַנט אין קאַבינעט, האָט כסדר געקלונגען דער טעלעפאָן. און דאָ, פוןביידע זייטן שטאַכעטן, זענען געשטאַנען און געהאווערט יונגען, פּאָליציאַנטן, מיט צעפלאַמטע פּנימער, צעשויבערטע האָר און גליענדיקע אויגן. און ס׳טירעלע פון די שטאַכעטן האָט זיך אַלע ווײַלע פאַרהאַקט אונטער עמעצן מיט אַ זעץ. און אַז ס׳צינגעלע האָט זיך נישט באַוויזן צו פאַרהעקלען, האָט זיך ס׳טירעלע געוויגט אין ביידע זייטן, הין און צוריק, ווי אַ געהאָנגענער אין ווינט..

ווען שטיקגאָלד איז דאָ אַריינגעפאַלן, האָט מען פונקט פאָרמירט „אַ צענדליק״ מיט אַ רעוויראָווע אין שפּיץ, צו ענטוואָפענען „צימער 7״. שטיקגאָלדס נאָר-וואָסיקע דערנאַרונג טאַקע מיט

„צימער 7" האָט מען אויסגעהערט, אָבער גאָרנישט געענדערט. בלויז דער פירער פון צענדליק, רעווירעוואָ יאגאָש, ווי מ׳האָט אים גערופן, אָדער טאַדעאוש יאַגאָשינסקי, ווי ר׳האָט פאַקטיש געהייסן, אַ קליינער, געשטופּלטער סטודענט פון אַ העכערער האַנדלס־שול, אַ ספּריטנער און פלינקער, ווי אַ האָז, האָט בעתן הערן שטיקגאָלדס דערפאַרונג, אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן דיקן רימען, אָט דאָרט, וווּ ס׳וואָלט באַדאַרפט צו הענגען אַ שווערער נאגאן און מער מיט האָפנונג, ווי מיט זיכערקייט, געזאָגט: „נו, איצט וועלן זיי זיך נישט וואַגן קעגנצושטעלן"... און דער געהילף־קאָמענדאַנט, איבערגעבנדיק ס׳נאָר־וואָס אונטערגעשריבענע פּאַפּיר יאַגאָשן, האָט צוגעלייגט: „און איר, שטיקגאָלד, גייט מיט און אינפאָרמירט אונז גלייך און פּינקטליך".

דאָס מאָל איז די אויפנאַמע אין „צימער 7" געווען לחלוטין אַן אַנדערע. באַלד ווי שטיקגאָלד און יאַגאָש האָבן זיך אַריבער־געשטעלט איבער דער שוועל, נאָך איידער איינער פון די צען האָט אפילו באַוויזן אַריינצושטעלן אַ נאָז, האָט דער שווערער דייטש מיט די פאַרדרייטע וואָנסעס אַלאַ הינדענבורג געטון אַ מאַרשיר צו צו דער טיר און אַרויסבאַפוילן: „אַאוסען שטעהן"; אין דער זעלבער רגע האָבן די איבריקע פינף פון די ווינקלען אַרויס, ווי אויפגערייצטע הינט, זיך אויפגעכאַפּט און אַוועקגעלייגט די הענט אויף די שווערע „באָקעס", אָט טאַקע דאָרטן, וווּ די שווערע רעוואָלווערן זענען געהאָנגען...

שטיקגאָלד און דער צווייטער רעווירעוואָ, יאַגאָש, האָבן זיך פלוצים דערפילט, ווי אָפּגעשניטן פון זייער גאַנצן כוח. אפשר בלויז אַזוי לאַנג, ווי ס׳געדויערט אַ בליץ, האָבן זיך די צוויי פּאָר אויגן אָנגעקוקט מיט יענע זעקס פּאָר אַרומשטייענדיקע אויגן, וואָס בליצן מיט פייער און האַלטן די הענט גרייט!

שטיקגאָלד, צוליב זיין פריערדיק זיין דאָ, האָט באַלד צוריק־געוווּנען ס׳גלייכגעוויכט. ער האָט אַרויסגענומען ס׳פּאַפּיר פון יאַגאָשס האַנט און עס אָן אַ וואָרט איבערגעגעבן דעם באַוואָפנטן

דייטש, וואָס האָט נאָך נישט באַוויזן אַראָפּצונעמען די שווערע האַנט פון דער טיר-קלאַמקע. יענער האָט עס איבערגעלייענט, נישט געפונען פאַר נויטיק אפילו עס צו ווייזן די איבריקע, (ווייזט אויס, זיי האָבן דאָס דערוואַרט.) האָט ער פון אונטער די שווערע, שטרויענע וואָנסעס אַפּער, שאַרף געענטפערט: „קיין געוועהר! וויר האַבען קיין בעפעהל״!

— דאַן מוזן מיר וואַך האַלטן!

— ביטע שעהן! אַבער דאָס געוועהר ביז איין בעפעהל קאָממט!

די צוויי רעוויראָוועס מיט די שווערדן האָבן זיך איבער־געקוקט, ווי זיי וואָלטן איינער דעם צווייטן געפרעגט: „נו, וואָס איצטער?...

שוין אונטער דער טיר, ביים צעשטעלן די וואַך, האָבן זיי נאָך גאַנץ קלאָר געהערט, ווי יענע דאָרטן רעדן צווישן זיך: וויר זינד קיין עסטרייכער — פרייוויליג קיין געוועהר״...

אויף זיין וועג צוריק אין קאָמיסאַריאַט אַריין מיטן באַריכט פון „צימער 7״, האָט נאָך אַלץ וואַרשע געזאָטן. כאָטש ס'איז שוין געווען שפעט, איז דאָך גאָר קיינעם נישט איינגעפאַלן זיך צו לאָזן פאַרוויגן פון דער נאַכט. פאַרקערט, די נאַכט איז אַלע מאָל אין אַן אַנדער ווינקל אויפגעריסן געוואָרן פון אַ מאַרשירנדיקער מאַסע אנטבלויזטע קעפּ, מיט פלאַטערנדיקע פענער און הילכיקן געזאַנג: „דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער״...

אין שטיקגאָלדן איז צוליב דעם אַלעם כסדר געשטיגן דער אינערלעכער ברען. יאָ, עד האָט טאַקע איצטער געפילט, אַז „דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער״. ער האָט האַסטיקער גענומען שפּאַנען. פּלוצים, ביים אַריינדרייען זיך אין אַ ראָג, פונקט אונטערן מאַטן שיין פון אַ גאַז-לאַמטער, האַרט ביים וואַנט, האָט זיך פון דער צווייטער גאַס געטון אַ דריי אַריין אַ דייטש גלייך אויף שטיקגאָלדן אַרויף. דער זעלנער האָט געטון אַ צאַפּל, פונקט ווי אַ חית, וואָס איז פון גרויס פאַרזיכטיקייט אַריינגעפאַלן גלייך

אין נעץ אַריין. שטיקגאָלד איז געבליבן שטיין אַזוי נאָענט, אַז ער האָט יענעם כמעט אָנגערירט. ס'איז געווען אַ פשוטער זעלנער, נאָך כמעט אַ יינגל, אָנם שטאָלענעם העלם, אין אַ ווייך מיצל, אָט ווי ער וואָלט זיך געהאַט אַרויסגעגנבעט פון די קאַזאַרמעס, בלויז מיטן ברייטלעכן, לאַנגן שטילעט, וואָס האָט אים געהאָנגען אין דער זייט פון שווערן רימען.

שטיקגאָלד, פריער נישט טראַכטנדיק אַפילו, האָט כמעט מיט רוגזה געטון אַ געשריי: „ס'געווער"! דער זעלנער האָט געבלינצלט מיט די אויגן, פונקט ווי אַ הינטל, ווען דער באַ־לעבאָס גייט שלאָגן. און פונקט, ווי ס'געהאָרכזאַמע הינטל שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיסלעך און הייבט אויף די פעדערשטע לאַפקעס, אַזוי האָט דער צום טויט דערשראָקענער יינגלשער זעלנער אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך.

ס'איז געווען אַזוי ווייניק זעלנערשעס אין דעם יינגלס פנים, אַז שטיקגאָלדן האָט זיך געדאַכט, אַז דער דאָ, אין קורצן, גרויען מונדיר, איז אַ כהן און ער גייט גאָר דוכנען... ס'האָט אים אָרומגענומען אַ מאָדנע רחמנות צו דעם יינגל מיט דער בלינצלדיקער פאַרלוירנקייט אין זיינע אויגן. ר'איז געווען זיכער, אַז צונעמענדיק ביי אים דעם שאַרפן שטילעט, באַפרייט ער אים פון אַ גרויזאַמער פיין, וואָס הענגט אים פאַר די אויגן און מאַכט זיי אַזוי בלינצלען... ער האָט אים אויפגעשנאַלט דעם רימען מיטן שטילעט, זיך אים אַריבערגעוואָרפן איבערן אַקסל, דערנאָך האָט ער אים באַטאַפּט די אויבערשטע קעשענעס, דערנאָך די אונטערשטע, פונוואַנען ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ קליינעם, שטאָלענעם רעוואָלווער מיט אַ ברוין הענטל, וואָס איז געווען אַזוי דינינק און אַזוי קונציק געשטופּלט. שטיקגאָלד האָט אים אַזוי פאַרזיכטיק באַקוקט. דאָ, אין דעם קאַרגן, מאַטאָוון ליכט, האָט אים דער קורצער, דיקער רעוואָלווער אויסגעזען, ווי אַ קליינער, בלויער פויגל מיט ברוינע, געשפּרענקלטע פליגעלעך, וואָס איצט, זייענדיק פריי אין זיין האַנט, וועט ער טון אַזאַ פלי אַוועק..

שפעט ביינאַכט. אַן אויסגעשטערנטער הימל. די לבנה, אַ געלבלעך־פאַררויכערטע, אָן פאָרם, נישט רונדיק, נישט סערפּ־אַרטיק, אָט אַזוי אַ פלעצל, איילט דאָרטן, אין דער הויך, צו פאַרענדיקן איר קרייז, איידער ס'ווערט צו שפּעט...

און דאָ אונטן, פונאַנדערגעטשעפעטע, אָפּגערוקטע איינער פון אַנדערן, שטייען וואַגאָנעס, ווי צעטומלטע קי אונטער אַ שלאַקס־רעגן. און דאָרטן, ווי אַ לאַנגע, גלאַנציקע לייטער, ציען שינעס אַוועק ווייט, ווייט. און דער וואָקזאַל, אַן איינגעקאָרטשעטער, אַן אויסגעלאָשענער שטייט און טראַכט אוודאי: „מ'וועט זיך דאָ ווי־דער שיסן... איבער מיין קאָפּ אַריבער וועט מען זיך דאָ שיסן"...

און לענג־אויס די שינעס, איןביידע עקן וואָקזאַל, אויף עטלעכע הונדערט פוס, צווישן זיינע צעשטעלטע, שוין מיט הייס געווער באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן, שפּאַנט הין און צוריק שטיקגאָלד. אויך אין זיין רעכטער זייט, ביים לעדערנעם רימען, הענגט שוין אַ שווער־געלאָדענער נאַגאַן. ער שטייט דאָ, שטיקגאָלד, מיט אַ בפירושן באַפעל: „דערשיסן יעדן איינעם, וואָס וועט וואַגן לאָזן אין באַוועגונג אַ לאָקאָמאָטיוו!" ער שפּאַנט שטיל און ערנסט און שטאָלץ, שטיקגאָלד. ער היט איצט די באַנען פאַרן נייעם פּוילן. „די פּרייסישע הינט" האָבן בדעה מיטצונעמען די באַנען ביים אָפּ־ציען אַ היים. ס'קלינגט אים דערדורך גוט אין די אויערן דער באַפעל: „דערשיסן יעדן איינעם, וואָס וועט לאָזן אין באַוועגונג אַ לאָקאָמאָטיוו". אויף זיין וועג, לענג־אויס דער ליניע, ווערט ער יעדער מינוט פאַרשלונגען פון אַ שאָטן, וואָס פאַלט אין דער קרום פון אַן אָפּגעטשעפּעטן וואַגאָן. ס'איז שטיל אַרום. די פּאָליציאַנטן שטייען צעשטעלט, אַלע פינף און צוואָנציק טריט, ווי אַ סלופּ, אַ פּאָ־ליציאַנט מיט אַ ביקס. און ער, שטיקגאָלד, גייט לענג־אויס זיי און טראַכט, וואָס אין דעם קורצן משך צייט פון דער היינטיקער נאַכט האָט זיך שוין אָפּגעטון. ערשט איצט, מיטן געלאָדענעם רעוואָלווער ביי דער זייט, פילט ער, אַז ער איז עפּעס. אין זכרון שווימט אים אַרויס יענע נאַכט, ווען ער איז געשטאַנען און געהיטן די גרויע

מויער פון דער הויכער טורמע, „באוואפנט" מיט א צוויי־קאליריק בענדל ארום ארעם. אינסטינקטיוו טוט ער א טאפ דעם שווערן נאגאן. אין געדאנק האט ער זיך אליין א זאג געטון: „ניין, היינט וועט מען שוין נישט אויפרייסן קיין בריקן! היינט היט ער שוין נישט די שטאט, כדי זי איבערצוגעבן די אריינקומענדיקע דייטשן". ער דערמאנט זיך יענע רעדע פון קאמענדאנט: „מיר וויסן נישט, וואס די פייערן וועלן ברענגען, אבער לאמיר זיך גרייטן צום גרויסן מאמענט"... נו, אט איז ער, דער גרויסער מאמענט! און אויב עס וועלן דא זיין פייערן?... „העי, ווער איז דארט?" ער האט אויס־געגלאצט א פאר אויגן אהין, אויף דער דריטער ליניע. „דאכט זיך, א וואגאן האט זיך א ריר געטון"? שטיל. ווייזט אויס, זיך בלויז געדאכט. און דארטן? יענער פאליציאנט. נאר ער רויכערט! ער באהאלט אפילו דעם פאפיראס אין דער צוגעלענטער האנט־פלאך. אבער ער זעט גוט, שטיקגאלד. אט גליט עס דארטן, ווי א קליין גלי־ווערמל. ער איילט אהין: „ביטע נישט רויכערן"! ער איז שטרענג שטיקגאלד. ער פילט דעם גרויסן מאמענט! איצט, פאר זיינע אויגן, ווערט געבוירן ס'פרייע פוילן.

א מאדנע געפיל האט ער איצט, שטיקגאלד, א געפיל, וואס ער קען זיך נישט דערקלערן מיט קיין שום פון די „רעאלע" וויסנ־שאפטן. און דאך איז ער זיכער, אז דאס געפיל איז רעאל. אז ער פילט זיך פארט, ער איז אין דער היינטיקער נאכט אויסגעוואקסן אויף צוויי קעפ. ער איז, דאכט זיך, קיינמאל אזוי הויך נישט גע־ווען. און די ענערגיע, פילט ער, שפארט אים אין יעדן גליד. אזוי שטייף, אזוי אנגעשטאלט זענען נאך זיינע ארעמס און פיס קיינמאל נישט געווען. אפילו זיין מוח! א, אלץ זעט ער איצט אין אן אנדער ליכט. די „קליינינקע אינצידענטן" מיט פערלמוטערן און די אנדערע זעען אים איצט אויס נישט מער, ווי „יינגלשע שפי־לערייען". גוט האט ער געטון, וואס ר'האט דאן נישט רעזיגנירט. איצט ס'ערשטע מאל אין זיין לעבן, איז ער צופרידן פון זיין שווערקייט זיך צו דעצידירן אויף עפעס. „וואס וואלט געווען,

טראַכט ער, ווען ער וואָלט אַזוי דאַן, פּונקט ווי רעזניק, געכאַפּט און רעזיגנירט?" ערשט איצט וועט ער דאָך קענען דינען פּוילן!

ער איז געבליבן שטיין מיטן רעכטן זויל אויף דער גלאַנציקער שינע. אַן אויפפּאַלנדע שטילקייט אַרום. מ׳הערט בלויז די שטילע, פּוילע טריט פון נאָענטסטן פּאָליציאַנט. אויסגעלאָשענע פענסטער, ווי בלינדע אויגן, קוקן פון די וואַגאָנען אַרויס. אויף די האַלבּרונדע דעכער ליגט אַ דינע, טונקל-זילבערנע „ראָסע" און שפּיגלט זיך אין דער גיך-שווימענדיקער לבנה. און דאָרטן, פון יענער זייט שינעס, הויערן גראָז-באַדעקטע בערג, ווי ריזיקע קעמלען, אונטער וועלכע ס׳געפינען זיך הייזער און פעסטונגען גאַנצע און די „פּרוסן" ליגן דאָרט. וואָס טוען זיי איצט, די פּרייסן? פּאַקן זיך אוודאי. „פּאַקט זיך, פּאַקט זיך! קיין איין שנירל וועט איר איצט פון לאַנד נישט אַרויספירן?.. נישט היינט!" ער האָט אַריבערגעשפּאַנט די נעץ ליניעס. זיג-זאַגיש האָט ער זיך געדרייט צווישן די וואַגאָנעס, אַלע ווײַלע האָט ער זיך ווידער, ווי אַ שאָטן, באַוויזן און ווידער ערגעץ איינגעשלונגען געוואָרן. אינם שאָטן פון אַזאַ באַרג איז ער געבליבן שטיין, געקוקט אויף דער רויט-ציגלנער וואַנט, וואָס זעט זיך פון צווישן די צוויי בערג. שאַ, שטיל! קיין פייערל זעט מען דאָרט נישט. „ליגן ווי די הינט, די פּרוסן"... ער איז צוריקגעגאַנגען און פּלוצים זיך ווידער דערמאָנט אָנם שפּיטאָל-שטרייק. „פוי! אַ העסלעך שטיקל אַרבעט געווען"! ווידער שווימט אַרויס פאַר די אויגן שלום. „און דער, ווי האָט ער געהייסן? יאַנקל, דאַכט זיך! אַזוי האָט ער זיך דאַכט זיך פאַרגעשטעלט? עפּעס קאָמיש אַזאַ נאָמען פאַר אַ פּירער. אַלץ איינס, אַ פיינער מענטש דער יאַנקל, זיכער אַ קראַנקער".

ס׳וווערט אים מאָדנע גוט אויפן האַרץ. ווען ער האָט דאָ איצט דעם שלומען מיט דעם יאַנקלען, וואָלט ער זיי געזאָגט: „פּאַנאָוויע, מער וועט זיך אַזעלכעס ביי אונז אין פּוילן נישט איבערחזרן. די-אָ"! ווי ער וואָלט טאַקע גערעדט צו זיי און ער וויל זיי אָנווייזן אויף די אמתע שולדיקע, האָט ער אָנגעדרייט דעם קאָפּ

איבערן רעכטן אַקסל· אַריבערגעקוקט צו די גרין־באַוואַקסענע בערג: „די־אָ! מ'וועט זיי פאַרטרייבן, ווי די הינט. וועט קיינער נישט אַרויספירן ס'ברויט פון לאַנד, וועט זיין פאַר יעדן. אויס „אָגאָנקעס", אויס הונגער! אויס ברעכן שטרייקן! פוילן פאַר פוילן!"

ר'האָט זיך געכאַפּט, אַז ר'האָט שיער דעם „פוילן פאַר פוילן" אויסגעשריגן אויפן קול. „זיך היבש פאַרטראַכט"! און אין דער הויך ציט זיך דער מילך־וועג טאַקע ווי אַ דריבנע, ליכטיק־שטיינדלדיקע סטעזשקע. און דאָרטן, אין צפון־מזרחדיקן ווינקל, נעמט עס שוין שאַריען, פון שוואַרץ אויף שוואַרץ־גרוי, דערנאָך העל־גרוי און אַלץ העלער און העלער פלייצט עס אַזוי דאָרטן מיט ליכטיקייט. פונקט ווי אַ טייך פלייצט און דעקט צו טונקל־גרינע פעלדער, אַזוי ציט זיך פון דאָרטן ס'ליכט אַלץ ווייטער און ווייטער און פאַרפלייצט אַלץ מער און מער דעם נאַכטיקן הימל...

שיין צו זען, ווי ס'ווערט טאָג!

איינצלנע, דומפע, ביקסן־שאָסן האָבן זיך דורכגעריסן דורך דער פאַרטאָגיקער שטילקייט. פון ערגעץ דאָ אַרום האָט מען גע־שאָסן און אויפגעריסן עטיקגאָלדן פון זיין פאַרחלומטקייט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, גאָרנישט צו זען! ווידער עטלעכע שאָסן. ער איז צו און זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ הינטערשט לייטערל פון אַ פראַכט־וואַגאָן, געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, פונקט ווי אַ פייער־לעשער, וואָס איז אַלאַרמירט געוואָרן און ווייסט נישט, ווו עס ברענט. אויך דאָ זעט מען גאָרנישט. בלויז די עכאָס, פון די ערגעצדיקע ביקסן־שאָסן הערן זיך דאָ דייטלעכער. ער איז צוריק אַראָפּ. אַן אומרויקער האָט ער געשפּאַנט לענג־אויס די צעשטעלטע פּאָליציאַנטן, דערביי האָט ער געהאַט דאָס אומרויקע געפיל, אַז שטייענדיק דאָ, פאַרשפּעטיקט ער דערווייל עפּעס זייער וויכטיקס ערגעץ־ווו. ער האָט אַרויסגענומען ס'זייגערל: נאָך אַ האַלבע שעה! נאָך אַ האַלבע שעה, מוז ער דאָ אין דער שטילקייט שטיין...

קאַפּיטל 6

א קערנדל אין באָדן, ווען אַפילו זייטיק אַרויסגעפאַלן פון זייערס פאַרטוך, קאָן נישט פאַרלוירן גיין. אין דער געהעריקער צייט שפּראָצט עס אַרויס און צעבליט זיך אַמאָל אין אַ רייפער זאַנג... אויך ביי שטיקגאָלדן אין קאָפּ איז אַ קערנדל פון אַ געדאַנק גע־פאַלן. וויפל פון דער רעדע האָט ער דען אויפגעכאַפּט יענעם אָוונט פון דעכל אַראָפּ? דאַכט זיך, אַ ברעקל נאָר, בלויז עטלעכע קורצע אָפּגעהאַקטע פראַזן: „חברים, מיר מוזן די רעוואָלוציע פאַר־וואַנדלען אין אַ סאָציאַלע״! דאַכט זיך, דאָס אַלץ, וואָס ר׳האָט דאַן, איילנדיק אויפגעכאַ־ט. אָבער מערקווירדיק, ווי דאָס וואָרט איז אים געבליבן ליגן אין מוח. אָט ממש, ווי דאָס קערנדל אין באָדן. און פאַר דער גאַנצער צייט פון טומל, בעתן אַנטוואָפענען, פאַרכאַפּן און איינשטעלן, איז עס זיך דאָרטן געלעגן און זיך געוואַרעמט און געוואַרט פאַרן ערשטן זוניקן טאָג, ס׳זאָל טון אַ שפּראָץ אַרויס...

און דער זוניקער טאָג איז אינגיכן געקומען!

עס איז געווען אַזוי: דער וואַרשעווער אַרבעטער־דעלעגאַטן־ראַט, וואָס האָט, באַלד מיט דער באַפרייונג פון פוילן, אָנגעהויבן צו עקזיסטירן, האָט גערופן אַ פלענום אין אַ זאַל, וואָס אין שטיק־גאָלדס באַצירק.

אין יענעם טאָג איז שטיקגאָלד געזעסן ביי זיין טישל פאַר־טיפט אין דער אַרבעט. ס׳איז געווען שטיל. צוזאַמען מיטן סקריפּען

פון שרייב-פענעס, האָט זיך דערטראָגן ס'קנאַקן פון פייער אין פריש-איינגעהייצטן אויוון. „ווינטער!", האָט שטיקגאָלד אַ טראַכט געטון. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען דורכן פענסטער אַ שניי פאַלן. ס'איז געווען יענער מין שניי, וואָס פאַלט אין גאַנצע פלאַכטעס, נאָר צעכליאַפּעט זיך, נאָך איידער ער באַרירט דעם באָדן. שטיקגאָלדן איז געוואָרן עפּעס קאַלאַמוטנע. ער האָט גע-טראַכט: „דער ערשטער שניי. יאָ, דער ערשטער שניי אין באַפרייטן פוילן איז אַ מיאוסער... זייער אַ מיאוסער, דער ערשטער שניי...

— „פּאַניע שטיקגאָלד!" — ער האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ. דער לאָמער שרייבער מיט די שווערע וואָנסעס. וואָס וויל ער? פויל האָט ער זיך אויפגעהויבן און צו אַהין. „פּאַן קאָמענדאַנט רופט".

ער איז אַריין אין קאַבינעט. דאָס קליינע מענטשל אין די גאָלדענע פענסנע, וואָס איז שטענדיק געווען געקליידט אין אַ גרויען אַנצוג, איז איצט נעזעסן אין אַן ענג-אויסגעפּאַסטן מונדיר מיט גאָלדענע טאַשמעס אַרום האַרטן, שטייענדיקן קאָלנער. די הענט אין די גאָלד-באַפּוצטע מאַנקעטן, האָט ער בעקוועם געהאַלטן פאַר זיך אויף דער ביוראָ. ס'פּנים איז ביי אים געווען פריש, אַזש ביז בלויקייט ראַזירט. ער האָט אַלע ווײַלע געטון אַ דריי דעם קאָפּ, פונקט ווי אַ פערד אין אַן ענגן כאָמעט. קענטיק, דער האַרטער, שטייענדיקער קאָלנער האָט אים געדריקט אונטערן דאַרן גאָמבעלע.

שטיקגאָלד האָט מיליטעריש געטון אַ קלאַפּ צוזאַמעןביידע אָפּצאַסן, געבליבן שטיין שטייף מיט איין אַרויסגערעדטער פראַזע: „סלוכאַם, פּאַניע קאָמענדאַנטשע!" (כ'הער, הער קאָמענדאַנט!).

די גאָלדענע פענסנע האָבן זיך נישט געאיילט. אַ ווײַלע האָבן זיי דורכדרינגלעך געקוקט אויפן שטייף-שטייענדיקן שטיק-גאָלד, ווי זיי וואָלטן געלאָזט דעם מוח נאָך אַמאָל איבערטראַכטן, אויב דער-דאָ איז טאַקע זוכה צו דער גרויסער שליחות. דערנאָך האָבן זיי אַ ווונק געטון, אַנווייזנדיק אויף דער שטול גלייך לעבן אים.

שטיקגאָלד האָט זיך אָוועקגעזעצט און פּלוצים דערפילט, אַז ד'האָט נישט ווו די הענט אַהינצוטון. ער האָט זיי אַוועקגעלייגט אויף די קני. באַלד אָבער האָט זיך אים געדאַכט, אַז די פּענסנע קוקן דווקא אויף זיינע הענט. האָט ער זיי פאַוואָליע אַראָפּגענומען, צום ערשט איינע, דערנאָך די אַנדערע, און פאַרשטעקט די רעכטע אין פאַס, ווי ער וואָלט זיך צוגעהאַלטן די זייט, און די לינקע, נישט פילנדיק אפילו, האָט ער באַהאַלטן אונטער זיך. (אַז ר'האָט זיך דערנאָך געכאַפּט, ווי נישט מיליטעריש דאָס איז געווען, האָט אים ס'פּנים געפלאַמט פון שאַנד) אַזוי גלייך, ס'פּנים געווענדט צו די פּענסנע האָט ער זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, וואָס די געלע, האַרט געשוירענע וואָנסעלעך באַפעלן:

— אַלזאָ, געדענקט, שטיקגאָלד! כ'פאַרלאָז זיך פולשטענדיק אויף אייך! כ'חזר איבער 1) אויפמערקזאַם זיך צוהערן! 2) געדענקען די רעדנער! 3) און דאָס איז ס'וויכטיקסטע — נ י ש ט פ אַ ר־צ יי כ ע נ ע ן! בלויז אין זכרון, שטיקגאָלד, אין זכרון! פאַרצייכנען קען מען שפּעטער. און אויף אייער קאָפּ פאַרלאָז איך זיך. אַ דאַנק, איר קאָנט גיין! — נאָר ווען שטיקגאָלד איז שוין געשטאַנען כמעט ביי דער טיר, האָט ער נאָך צוגעגעבן: — דערווייל רייטן זיי אויפן פערד. זייער מאַראַטשעווסקי־רעגירונג. אָבער אין גיכן... גאָר אין גיכן...

שטיקגאָלד איז אַרויס פון קאַבינעט אַ פאַרבליפטער. אַ שטראָם געדאַנקען, ווי אַן אומגעריכטע כוואַליע, האָט אים מיט איין מאָל געטון אַ זעץ אין קאָפּ אַריין. אין דער זעלבער צייט האָט אויך אַ שטראָם געפילן געצויגן פון האַרץ צום האַלז צו. ווען ער קען, צעוויינט ער זיך פון באַליידיקונג: „פאַר אַזאַ האַלט מען אים? שפּיאָנירן? ער, איגנאַצי שטיקגאָלד, אַ שפּיאָן? איז דאָס די דער־הויבונג פאַרן ברעכן יענעם שפּיטאָל־שטרייק? פאַר וועמען האָט ער דאָס געטון? און וואָס עפּעס פאַר אַ באַזונדערע אינטערעסן האָבן די „גאָלדענע פּענסנע“ קעגן דער רעגירונג? און וואָס מיינט דאָס „אין גיכן, אין גיכן?“

יענעם אָוונט האָט שטיקגאָלד מער, אַ סך מער געלערנט, ווי אין זיין גאַנצן יונגן, סטודענטישן לעבן. אַהיימגייענדיק איז ער געווען זייער דאַנקבאַר דעם קאָמענדאַנט זיינעם. ס'קאָן זיין, ווען יענער טרויט אים נישט אָן די „געהויבענע" שליחות, וואָלט ער אפשר גאָרנישט געווען נעלייגט קיין אַכט צו דעם, וואָס טוט זיך אויף דער עסטראַדע. זיכער וואָלט ער זיך נישט געווען צוגעהערט מיט אַזאַ אייפער צו יעדן וואָרט, וואָס איז דאָרט געזאָגט געוואָרן. ער וואָלט, מסתמא, אויף זיין איבערגעגעבענעם אופן, געווען דורכגעפירט זיין פּאָליציייאישע אַרבעט, ווי אַ נאַטירלעכע פליכט צום באַפרייטן פוילן, אָט דאָס פוילן טאַקע פון יענע, וואָס רעדן דאָרטן אויף דער בינע, צו זיין פוילן, דעם קאָמענדאַנטס פוילן, אַלעמענס פוילן! אָבער די „געהויבענע שליחות" פון די „גאָלדענע פענסנע" האָט אים, ווי אויפגעוועקט, ווי אויפגעטייעט זיינע חושים צום באַנעמען זאַכן, וועגן וועלכע ר'האָט גאָר פריער נישט געטראַכט.

צוליב דעם אויפגעוועקטן אייפער איז שטיקגאָלד מיט זיינע פּאָליציאַנטן געווען אין זאַל אַ גוטע האַלבע שעה, איידער אפילו איין דעלעגאַט האָט זיך באַוויזן.

גלייך ווי ר'איז אַריינגעקומען אין זאַל, האָט אים געטון אַ פלאַם און די אויגן אַ לאַנגער, ברייטער טראַנספּאַראַנט, אַ טיף-רויטער, פונאַנדערגעוויקלט איבער כמעט אַ האַלבער וואַנט פון דער עסטראַדע, אַ ריזיקע בלוט-רויטע מגילה, מיט ווייסע אויסגעהאַקטענע אותיות: „ז אָ ל ל ע ב ן ד אָ ס ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע פ ו י ל ן !"

ווי אינטערעסאַנט אַ פלוצימדיקער איינדרוק פאַרהעקלט זיך מיט אַ שוין פריער-איבערגעלעבטער דערפאַרונג, און ביידע הייבן זיך אָן וויקלען אין מוח, ווי אַ געדרייטע שנור, וויקלען — ביז ס'ווערט קלאָר אַ געדאַנק. אויך שטיקגאָלדן איז אַזוי אַרום עפּעס קלאָר געוואָרן. „סאָציאַליסטיש-פוילן" זעט ער דאָ. דאָרטן, פון דעכל אַראָפּ, האָט ער געהערט: „פאַרוואַנדלען די רעוואָלוציע אין

אַ סאָציאַלע„ און די גאָלדענע פּענסנע: „אין גיכן, אין גיכן!“ ס'אַ געוואַלטיקע פאַרבינדונג דאָ איז פאַראַן.

טראַכטנדיק וועגן צוזאַמענהאַנג פון די דריי לאָזונגען, האָט ער דערווייל צעשטעלט זיינע פּאָליציאַנטן אַזוי זייטיק אין די ווינקלען, מ'זאָל זיי נישט זען. אַליין האָט ער זיך אויך פאַררוקט אין דער האַלב-טונקלקייט אונטער דער גאַלעריע, פונקט אין סאַמע צענטער, אַנטקעגן דעם פלאַמיקן אויפשריפט.

ס'געוועזן שטיל און טונקל. בלויז אינמיט זאַל לייכט איין לאָמפּ און קיקט אַראָפּ אויף דעם ים גלייך-אויסגעשטעלטע שטולן, וואָס וואַרטן דאָ, ס'זאָל זיך אָנהייבן, פונקט, ווי ער, שטיקגאָלד, וואַרט...

אויף דער בינע רעכטס האָט זיך דאָרט אַ ליידיקע טיר אַ וויג געטון, ווי אַ ווינט וואָלט איר געבלאָזן. ווייזט אויס, עמיץ האָט געוואָלט אַריינקומען און זיך דערשראָקן פאַר דער לערקייט. און דאָ, דורך דער טיר לינקס פון שטיקגאָלדן, אונטער דער גאַלעריע, האָט זיך באַוויזן אַ שאָטן. ער האָט זיך אַפּערגערוקט דער מענטש אין פאַרשמירטן הולך, געבליבן שטיין אַ מינוט אונטערן האַלב-טונקעלן שיין, זיך אַרומגעקוקט, דערנאָך צו צו אַ שטול, זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ וואָרף, אַזש די שטול האָט אַ קרעכץ געטון.

שטיקגאָלד, קוקנדיק אויף דעם איינציקן, שוואַרצן פּאַקי וואָס ליגט איצט מיטן קאָפּ פאַרוואָרפן אויף הינטן, אויף איינער פון דעם ים געלבלעכע שטולן, האָט זיך דערמאָנט אָן דער שוואַרצער פליג, וואָס האָט זיך יענעם אָוונט געשטעלט שלאָפן אויף דער רוי-אָפּגעשיילטער נאָז פונם מענטש אויפן ריזיקן אַנאַטאָמישן בילד.

ביסלעכווייז האָבן אָנגעהויבן קומען אַרבעטער. גאַנצע קנוילן האָבן זיי זיך איצט געטראָגן דורך די טירן מיט אַ גערע-דעריי און געלעכטער. אויף דאָרטן, אויף דער עסטראַדע, האָט עס זיך גענומען רירן. אַ מענטש, מיט אַ זילבערן גלעקל און אַ קאַר-פינקע מיט וואַסער האָט זיך באַוויזן. באַלד נאָך אים זענען נאָך

מענטשן געקומען און זיך אויסגעזעצט לענג־אויס דער וואַנט, אונטער דעם פּלאַמיקן טראַנספּאַראַנט. אַנדערע האָבן זיך אויסגע־זעצט ביים לאַנגען טיש און געקוקט אַראָפּ צו דעם טומלדיקן עולם אויף די שטולן. נאָר דריי מענטשן פונם גאַנצן קנויל אויף דער בינע האָבן שטיקגאָלדן פּאַראינטערעסירט גלייך, ווי זיי האָבן צוזאַמען אין טיפן שמועס אַריינמאַרשירט. כאָטש זיי זענען שוין געווען ביים טיש, זענען זיי נאָך אַלץ געשטאַנען, ווי אַ סגל און זיך געאַמפּערט. וואָס אַמפּערן זיי זיך דאָרט? דערנאָך האָט זיך דער קלײנער, מיט די נערוועזע הענט און קנאָכיקן פּנים מיט די לאַנגע וואָנסעס, וואָס האָבן אים פאַרשטעלט ס׳מויל, פּונקט ווי דעם לאָמען שרייבער, אַוועקגעזעצט אין דער שטול מיטן הויכן אָנלען און גיך צוגערוקט צו זיך ס׳זילבערנע גלעקל, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַ צווייטער זאָל עס נישט אַוועקכאַפּן. לעבן אים רעכטס האָט זיך אַוועקגעזעצט דער צווייטער, אַ הויכער, פיין־פאַרקנעפּלטער אַריסטאָקראַט, מיט אַ קורץ־געשוירן, גוט־געהיט, געל בערדל. לינקס האָט זיך אַוועקגעזעצט דער דריטער, אַ גרוי־לעך־שוואַרצער קאָפּ, מיט אַ הויכן שטערן, און אַ פיינע, ווייסע נאָז איבער דיקע שוואַרץ־גרויע וואָנסעס.

שטיקגאָלד איז געשטאַנען אונטער דער גאַלעריע אין דער טונקלקייט און, ווי אַ זייטיקער, זיך צוגעקוקט צו דעם אַלעם, וואָס קומט פאָר, אי אויף דער עסטראַדע, אי דאָ צווישן די שטולן, ווי אָט שטעלט זיך איינער אויף, נעמט אַריבער אַ צייטונג פון פינף רייען אונטער אים און זעצט זיך צוריק אַוועק. און דאָרטן אין דער הויך, אונטער דעם רויטן טראַנספּאַראַנט, האַלט מען זיך אין איין סודן און אַמפּערן. נאָר אָט האָט דער פאָרזיצער געטון אַ קלונג און ס׳איז געוואָרן שטיל.

אַ שטיק צייט איז גאָרנישט געווען. גאָר נישט, מ׳האָט גע־רעדט, אַלעמאָל אַן אַנדערער. שטיקגאָלד האָט זיך שוין אָנגעהויבן לאַנגווייליקן. פּלוצים, גאַנץ אומגעריכט, האָט זיך אויפגעשטעלט דער שוואַרץ־גרויער קאָפּ און געמאָלדן: „חברים, מיר אַמפּערן זיך

דאָ וועגן קליינינקייטן. אָבער די פּוילישע רעאַקציע גרייט צו אַ מלוכה־איבערקערעניש"! ער האָט נאָך עפּעס גערעדט, דער מענטש, אָבער ס'איז שוין אוממעגלעך געווען צו הערן, וואָס אַזוינס ער זאָגט דאָרט. דער טומל אין זאַל איז כּסדר געשטיגן. נאָר ווען אפילו ס'וואָלט אין זאַל געווען שטיל, ווי אין אַ הייל, וואָלט שטיקגאָלד סיי ווי גאָר נישט געהערט. די עטלעכע קורצע ווערטער האָבן אים פּשוט צעטומלט. דערנאָך, אַז ס'איז אים אין מוח געוואָרן קלאָרער און די פּראַזע האָט זיך אים אָנגעהעקלט אָנם קאָמענדאַנטס: „אין גיכן, אין גיכן"... — האָט ער ערשט באַנומען דעם זין פון דעם טומל, וואָס איז דאָ אַנטשטאַנען און טאַקע איצט ערשט האָט ער מיט אַלע פיברען פון זיין נשמה געוואָלט הערן, וואָס נאָך דער שוואַרץ־גרויער קאָפּ מיטן הויכן, ווייסן שטערן זאָגט דאָרטן. מיט איין מאָל האָט ער זיך דערפילט אויס זייטיקער. פאַרקערט, ער האָט פּלוצים דערפילט, אַז דאָרטן אויף דער עסטראַדע שטייט עפּעס אין קאָן אַ זאַך, וואָס איז זיין, נישט נאָר די אַרבעטערס, נאָר אויך זיינס אַ נאָענטע, אַ טייערע זאַך! אָבער אוממעגלעך עפּעס צו הערן. אין זאַל שטייגט דער טומל אַלץ העכער און העכער. פויסטן ביילן זיך. ס'הויבן זיך אָרעמס, ווי שווערע שטאַנגען, און דער פּאָרזיצער, אָט דער קליינער מיט די נערוועזע הענט, טרייסלט ס'קליינע, זילבערנע גלעקעלע, וואָס דערמאָנט שטיקגאָלדן אָן אַ קליין ייִנגל, וואָס ר'האָט אַמאָל געזען זיך טרינקען. אויך דאָס ייִנגל האָט דאַן אַזוי פאַרצווייפלט געוואָרפן מיט די קליינע, הילפלאָזע הענטלעך, אין מיטן די שטורמישע וואַסערן.

אַ פּאָליציאַנט איז דערווייל פון אַ ווינקל אַרויס צוגעקומען צום רעוויראָווע שטיקגאָלד און אים דערמאָנט, אַז „אייגנטלעך, זענען מיר דאָך אַהערגעקומען האַלטן אָרדנונג"... שטיקגאָלד האָט אָנגעקוקט דעם אונטערגעאָרדנטן זיינעם, ווי ער וואָלט זיך געוווּנדערט, פונוואַנען ער האָט זיך פּלוצים דערנומען. און וואָס אייגנטלעך וויל ער דאָ בכלל?... „זעסט די מיליץ מיט די רויטע בענדער אויף די אָרעמס? וועלן שוין אַליין מאַכן אָרדנונג".

ביסלעכווייז האָט זיך אָנגעהויבן איינשטילן. די רויטע אָרעמ־בענדער זענען אַרומגעלאָפן איבער די רייען און אָוועקגעזעצט די צעהיצטע געמיטער. ערשט איצט האָט שטיקגאָלד געכאַפּט, וואָס אייגנטלעך מ׳שרייט דאָ אַזוי:

— מיר ווילן נישט די איטעליגענץ! די אינטעליגענץ פאַר־ראַט אונז! — און וואָס איינער דאָרטן אויף דער עסטראַדע וויל עפּענען ס׳מויל, פאַרשרייט מען אים ווידער: — אַראָפּ, ווייסע קעלנער! אַראָפּ! מיר מאַכן אייך פאַר מיניסטאָרן און איר פאַרראַט אונז! גייט אַרבעטן, וועט איר אונז פאַרשטיין!

שטיקגאָלדן האָבן די געשרייען שוין אינגאַנצן צעטומלט. וואָס איז דאָ? ערגעץ גרייט זיך אַ מלוכה־איבערקערעניש און דאָ שרייט מען „אַראָפּ" צו דער אינטעליגענץ? נאָר אפשר זענען זיי גערעכט? אין דעם זענען זיי דאָך זיכער גערעכט! צו פאַרשטיין דעם אַרבעטס־מענטש דאַרף מען זיכער גיין אַרבעטן. האָט ער פאַרשטאַנען דעם שלומען און דעם יאַנקלען — אָט זיצט ער דאָך טאַקע דער יאַנקל!

אינסטינקטיוו האָט זיך שטיקגאָלד צוריקגערוקט אין דער פולער טונקלקייט אונטער דער גאַלעריע. און אין זאַל איז ווידער שטיל. אין דער לופט שטייען נאָך אַפילו קולות, אָבער ביסלעכווייז גייען זיי אויס און שטאַרבן אָפּ ערגעץ אין די ווינקלען פון הויכן סופיט. מ׳האָט זיך צוריק איינגעהערט, אויך שטיקגאָלד האָט ווידער געקוקט צו דער בינע, ווו ס׳איז איצט געשטאַנען און זיך געגרייט צו רעדן גאָר אַן אַנדערער. שטיקגאָלד האָט גוט אָנ־געשטערענגט ס׳אויג: יאָ, ס׳איז דערזעלבער! דאָס זעלבע שוואַרצע, אויסגעפּעצטע מענטשל, וואָס האָט זיך דער ערשטער אַריינגעשלייכט, ווי אַ שאָטן, און אַזוי הילפלאָז פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף אַ שטול.

ער איז איצט געשטאַנען, דאָס נידעריק־געפּאַקטע מענטשל מיט דער ווייכער, באַראַנקאָווער קוטשמע אין ביידע הענט. דער רונדער קאָפּ האַרטע האָר איז אים געוווען ווילד צעפלאָשעט איבערן שטערן. אַ פּאָר האָר, האַרטע, איינגעשפּאַרטע, זענען אים

געשטאַנען אין מיט קאָפּ אויפגעשטעלט דיבאָם, פונקט ווי עטלעכע נישט אַריינגעקלאַפּטע טשוועקעס וואָלטן געוואַרט אויפן האַמער. מ׳האָט גלייך געזען, אַז די האָר באַהעפטן זיך זעלטן מיט אַ קעמל... ער האָט געשמייכלט דער דאָזיקער מענטש, מיטן גאַנצן, רונדיקן קירבּיס־פּנים. ס׳איז געווען עפּעס אידיאָטישס אין דעם שמייכל און אין דער זעלבער צייט עפּעס אויסערגעוויינלעך קלוגס. שטיקגאָלד האָט אין אָט דעם שמייכל געזען דעם אמת צו דער באַהויפּטונג, אַז די ווייטסטע עקסטרעמען טרעפן זיך צונויף. וואָרום אָט שמייכלט ער, ווי איינער אַ נאַר, ביי וועמען מ׳האָט אונטער דער האַנט אַרויסגעשניפּט ס׳שטיק ברויט, וואָס ס׳ווייב האָט אים מיטגעגעבן, און אָט דאַכט זיך גאָר, אַז דאָס לאַכט ער אַזוי אויס די נאַרישע טומלער אויף די שטולן, וואָס זעען נישט, ווי מ׳גייט גאָר זיי, נישט אים אַליין, אויסליידיקן די קעשענעס... ער האָט אויס געשטרעקט אַ גראָב־באַשטיוולטן פוס, אָט דאָס מענטשל, און מיט אַ זיכערן טאָן, נישט ווי ער וואָלט איצט אָנגעפאַנגען, נאָר ווי ער וואָלט שוין פון לאַנג אָן גערעדט:

– „אַ, יאַ", ס׳הייסט, „און איך בין מיט אייך נישט איינשטימיק"! כאָטש איך דאַנק אייך פאַרן כבוד, וואָס איר גיט מיינע הויזן. דאָס לאָזט איר דאָך רעדן מיינע פאַרייליטע הויזן! אָט אַזוי, טראַכט איר, בין איך אַן אייעריקער! אָבער פאַרייליטע הויזן וועלן נישט פירן די מלוכה! געדענקט דאָס גוט? די הויזן רוקט אין אויוון אַריין, וועט איר האָבן אַ גוטן קוכן... אַ יאָ, איר לאַכט? ס׳געפעלט אייך, ווי ס׳רעדט אַן אייעריקער, אַ פּראָלעטאַריער? אָבער מאָרגן, אַז כ׳וועל ווערן מיניסטער און אָנטון אַנדערע הויזן, וועט איר דאָך שרייען אַראָפּ! בהמות! קוקט נישט אויף הויזן! קוקט בעסער אויף הענט, וואָס באַגנבענען אייך...

שטיקגאָלד האָט זיך איינגעהערט און געשלונגען יעדעס וואָרט און מיטגעלאַכט ביי יעדער טרעפלעכער באַמערקונג פון דעם מענטש, וואָס שטייט דאָרטן אויף דער סצענע. לויטן אויסזען אַ פינסטערער, אַ פאַרפּעצטער נפש, אָבער פאַקטיש אַ טיפער, אינטעליגענטער

מענטש אויסגעווייקט אין אַלע זאַפטן פון פאָלקס־לעבן, כאָטש ער איז אין קיין אוניווערזיטעט נישט געגאַנגען און אפשר אין קיין שול אויך נישט. אַ נייעס, אַ געוואַלדיקע נייעס איז דאָס געווען פאַר שטיקגאָלדן. מיטן גרעסטן רעספּעקט האָט ער באַגלייט מיטן בליק אָט דעם פאַרפּעצטן אַרבעטער צוריק צו זיין שטול.

נאָך דעם איז דאָרטן געשטאַנען אַ יונגערמאַן נאָך אַ ייִנגל כמעט, מיט אַזאַ לאַנג, ווייס, אויסגעדאַרט פּנים, וואָס האָט אויסגעזען נאָך ווייסער, צוליב דעם קאָפּ שוואַרצע, נאַס־גלאַנציקע האָר, צעקעמט אין בײדע זייטן מיט אַ לאַנגן שרונט אינמיטן און אַ שוואַרצן אַנצוג, ווי ער וואָלט געגאַנגען צו אַ חופּה.

„אַ ייִנגל נאָך", האָט שטיקגאָלד געטראַכט, „און ווי קלוג ער רעדט".

— פריער, פאַר מיין פאָררעדנער, וואָלט איר דאָך מיך זיכער נישט געלאָזט רעדן! כ'וואָלט אייך געדאַרפט ווייזן די שטיקער טייג, וואָס קלעבן מיר נאָך אויף די אָרעמס אונטערן ווייסן אַרבל. איר פאַרנעמט זיך מיט פאַרטרייבן חברים, ווייל זיי זענען אַדוואָקאַטן אָדער דאָקטוירים, און די בורזשואַזיע גרייט דערווייל צו די מלוכה־איבערקערעניש, טאַקע מיט דער הילף פון דער אינטעליגענץ. זיי האָבן מער שכל, זיי פאַרטרייבן נישט זייער אינטעליגענץ, זיי קויפן נאָך אָפּ אונזערע! לערנט זיך ביי זיי! לאָמיר בעסער אונזער אינטעליגענץ האַלטן אין קאָנטאַקט מיט דער פאַבריק! דערווייל אָבער לאָמיר קוקן, וואָס די רעאַקציע טוט אין די באַהאַלטענע ווינקעלעך! זי וויל פאַרכאַפּן די מאַכט און אונז צעטרייבן. ווי די הינט! וואָס וועט איר דאַן טון! געדענקט, די געפאַר איז גרויס!.

אַהיימגייענדיק האָט שטיקגאָלדן געקלונגען אין די אויערן דעם בעקער־יונגס רופן: „וואָס טוט די רעאַקציע אין די באַהאַלטענע ווינקעלעך". יאָ, וואָס טוט ער טאַקע, זיין קאָמענדאַנט? ער איז געגרעכט, דער בעקער מיטן טויט־ווייסן פּנים, די געפאַר איז גרויס!

שפּעטער, ליגנדיק שוין אין בעט האָט ער געטראַכט: „אָט

זענען פשוטע מענטשן, נישט קיין אוניווערזיטעט־סטודענטן, און ווייסן אַזוי קלאָר, וואָס זיי ווילן. ווייס ער, וואָס ער וויל? אַמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער ווייס. אָבער איצט? וואָס האָט אים דער אוניווערזיטעט געגעבן? ער האָט אַפילו נישט געטראַכט וועגן דעם אונטערשיד צווישן דעם פוילן פון בעקער־יונג, וואָס אַלאַרמירט: „חברים! די געפאַר איז גרויס!“ און דעם פוילן פון זיין קאָמענדאַנט, וואָס וואַרט אַזוי אומגעדולדיק אויף דעם: „אין גיכן, אין גיכן!“... און ער, שטיקגאָלד, איז געווען איינגעוויגט אין איין פוילן, איין פוילן פאַר אַלע! קאָן עס דען זיין? נו, און איצט? ווו איז ער אַליין, וועלכן פוילן גייט ער דינען, שוין, פון מאָרגן אָן? יאָ, און וואָסער באַריכט וועט ער מאָרגן אָפּגעבן דעם קאָמענדאַנט זיינעם, פון דער „געהויבענער שליחות“, וואָס ר'האָט אים אָנפאַרטרויט, אים, איגנאַצי שטיקגאָלדן?..

שטיקגאָלד איז אויפגעשטאַנען נאָך דער נאַכט, מיט אַן אומעטיקער בענקשאַפט אין האַרצן. עפּעס האָט ער געפילט איז דאָרטן ביי אים צערונען געוואָרן אַ זיסער חלום, אַ חלום, וועלכן ער האָט מיט אַזויפיל צערטלעכקייט געהיט... און איצט? אָט ווייס ער שוין נישט, וואָס ער זאָל טון. זאָל ער אָנטון די שווערד מיטן רעוואָלווער, ווי נעכטן און אייערנעכטן? אָדער אפשר גאָר איינפּאַקן אַלץ אין אַ פּעקל, און אַ ציווילער שוין, עס אַריינטראָגן גלייך צו די „גאָלדענע פענסנע“ און טון אַ זאָג: „אויס! מער בין איך נישט קיין פאָליציאַנט! אָט איז שוין פוילן פריי“! און דערנאָך? יאָ, וואָס דערנאָך? אפשר אַוועק צום בעקער־יונג און זאָגן: אָט בין איך! איגנאַצי שטיקגאָלד, אַ סטודענט מעדיצין, אַן אינטעליגענט, כ'וועל נישט פאַרראַטן! אדרבה, היט מיך, דערצייל מיר, לערן מיך, יאָ, לערן מיך! דו האָסט אַ בעסערע שול געהאַט פון מיר! מיך האָט מיצקעוויטש אין אַ חלום פאַרוויגט, און דיך האָלט די בעקעריי וואַך! טאָ לאָמיר זיך פון איצט אָן חברן!

דערווייל אָבער איז ער אַ טיף־פאַרטראַכטער אויפגעשטאַנען פון בעט, און ווי יענער פערד, וואָס פון געוווינהייט שטעלט עס אַריין דעם קאָפּ אין כאָמעט אַריין, אַזוי האָט ער צוריק אָנגעטון דעם רעוואָלווער מיט דער שווערד און אַוועק צו זיין פּאָליצייאישער פליכט.

שפּעטער, גלייך נאָר ווי דער קאָמענדאַנט איז געקומען, האָט מען אים אַריינגערופן. אַ גלייכגילטיקער צו אַלעם, וואָס ס׳קאָן דאָ פּאָרקומען, איז ער אַריין אין קאַבינעט, געשטאַנען שטייף אויסגעצויגן און געוואַרט.

דאָס קליינע מענטשל אין געפּאַסטן מונדיר, מיט די גאָלדענע פּענסנע אויף די קליינע, גיריקע אייגעלעך, איז געזעסן ביי דער מיט גרין געוואַנט איבערגעצויגענער ביוראָ, געקוקט אַרויף צו שטיקגאָלדן און אַזוי צופרידן געשמייכלט. שטיקגאָלד דערמאָנט זיך, אַז פּונקט אַזוי חניפהדיק האָבן די אייגעלעך פון אונטער די קרישטאָל־ריינע גלעזער אַפּער געשמייכלט דאַן, בעתן געזעגנען אים פאַר דער שפּיטאָל־אַרבעט, ווען ר׳האָט אים ס׳ערשטע מאָל געזאָגט: „ביטע זייער, פאַניע דאָקטאָרזשע, ביטע זייער!״. אויך דאַן האָט ס׳ווייסע שרונטעלע אַזוי פינקטלעך אים גערוט צווישן די גלאַנציק־צוגעפּלאַטשטע האָר.

שטיקגאָלד האָט דערפילט אַן עקל צו אָט דעם גלאַט־פאַרקעמטן מענטשל. נישט וואַרטנדיק אויף יענעמס פראַגע, האָט ער גלייך אַ זאָג געטון:

— אַלץ געווען אין אָרדנונג, פּאַניע קאָמענדאַנטשע. די פּאָליציי, אונטער מיין קאָמאַנדע, האָט גאָר נישט געהאַט וואָס צו טון.

דער קאָמענדאַנט האָט פלוצים פאַרזשמורעט די אייגעלעך אַזוי שטאַרק, אַז דריי טיפע קנייטשעלעך האָבן זיך אים אַוועקגעלייגט צווישן די ברעמען ווערטיקאַל צום שרונטל צו. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אַ דריי־רערלדיק מנורהלע איז אים אַרויסגעשפּרונגען אין מיט שטערן און זיך אַליין אָנגעצונדן. באַלד האָט ער אָנגע־

דרייט דעם קאָפּ אַזוי זייטיק, מיט דער גאָמבקע אויפן אַקסל, און געקוקט אויף שטיקגאָלדן מיט אַ צוזאַמענגעדריקט מויל אין טיפער פאַרוווּנדערונג.

שטיקגאָלד אָבער האָט געפילט אין דער פּאָזע נישט נאָר פאַרוווּנדערונג, נאָר אויך טיפע פאַראַכטונג, פאַראַכטונג געמישט מיט אַנטוישונג פון אַ פּריץ צו זיין קלוג-געוואָרענעם קנעכט. זיין אייגענער שטאָלץ, אָט דער פאַרווונדיקטער שטאָלץ, וואָס איז ביז איצט געלעגן אין דער טיף פאַרפאַקט און דורכגעטראָגן אַלע שטעכעניש און באַליידיקונגען, זיינע און זיינע חברימס, אָט די אַלע, וואָס האָבן געמוזט „רעזיגנירן", ווי די „גרינע זשמיע" רופט עס, אויך דער צערונענער חלום זיינער, אַלץ! אַלץ האָט אין אים איצט אויפגעוואַכט און זיך אַ שפּאַר געטון צום אַרויסרייסן: „זאָל געשען, וואָס עס וויל! אַרונטערשלונגען די נעכטיקע „געהויבענע שליחות" וועט ער איצט נישט! וואָס מיינט יענער, ער איז אַ שפּיאָן?"

— פּאַניע שטיקגאָלד, נישט בלויז צו האַלטן אָרדנונג האָב איך אייך געשיקט — האָבן די האַרט-געשווירענע, בלאָנדע וואָנסעלעך, האַלב איראָניש, זיך ענדלעך דערמאָנט. — אָרדנונג קאָן מאַכן יעדער כאַם! פאַרשטייט זיך, מיט אַ רעוואָלווער ביי דער זייט... איך האָב דאָך געשיקט אַהין אַ סטודענט מיט... מיט... יאָ! מיט אַ גוטן קאָפּ!

— נישט צו שפּיאָנירן איז דער סטודענט מיטן גוטן קאָפּ! — האָט אים שטיקגאָלד צוגעוואָרפן מיט פולן טיפן שטאָלץ.

דאָס קליינע מענטשל אין דעם גאָלד געפּוצטן, אויסגעפּאַסטן מונדיר האָט זיך אויפגעשטעלט, געקוקט אַרויף צו שטיקגאָלדן גלייך אין די אויגן אַריין מיט אַזאַ דורכדרינגלעכן בליק, אַז עס איז אים אַזש געוואָרן אומהיימלעך צו פאַרטראָגן אָט די דורכדרינגלעכקייט. ער האָט אָבער געוווּסט יענעמס כוונה. דאָס וויל יענער אים ברעכן זיין צוריק-געוווּנענעם שטאָלץ. ער האָט דערדורך אָנגעווענדט זיין גאַנצע ווילנס-קראַפט, נישט אַוועקצונעמען די אויגן פון יענעמס גיריקן בליק, וואָס זעצט דורך די גלאַנציקע פּענסנע אַדורך.

נאָך אַזאַ בליק האָט ער זיך געריכט אויף אַ ווילדן אויס־ברוך, שטיקגאָלד. אויף באַליידיקונג. אפשר אויך אויף אַרונטער־רייסן אים די שווערד! נאָר געקומען איז גאָר:

— אַ דאַנק, איר קאָנט גיין!

פאַרלאָזט דעם קאַבינעט האָט שטיקגאָלד מיטן פולן באַוווסט־זיין, אַז אין דעם „דאַנק" איז געלעגן די גאַנצע דעצידירטקייט פון אָט דעם קליינעם, אָבער מעכטיקן מענטשל. אויב ער האָט אים איצט נישט אַרונטערגעריסן די שווערד, וועט ער עס זיכער טון ביי דער ערשטער פאַסיקער געלעגנהייט און אפשר נאָך מיט קאָנסעקווענצן... ער האָט דערדורך זיך אַליין געמאַכט פאָר־ווורף, פאַרוואָס ער האָט נישט צוזאַמען מיטן שליידער צוריק דעם שפּיאָנאַזש אויך אַוועקגעלייגט די שווערד. „יאָ, אַזוי איז ער שוין שטענדיק! נישט דעצידירט! שטענדיק דאַרף ער אַן אויסערלעכן שטויס אויף צו מאַכן אַ שריט! און איצט געהאַט אַזאַ גוטע גע־לעגנהייט און אויך דורכגעלאָזט."

איז ער נאָך, הייסט עס, רעוויראָווע אין דער וואַרשעווער פּאָליציי, כאָטש ער פילט אַן עקל פאַר אַלץ דאָרטן. און היינט ביי־נאַכט איז זיין דיזשור.

זיצט יר איצט אונטערן גרין־פּאָרצעליינעם שיינדל, וואָס הענגט אַזוי נידריג פון סופיט אַראָפּ איבער זיין שרייב־טישל. ס׳איז שטיל. דער פּאָליציאַנט ביי דער טיר האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ אויפן אַקסל אַרויף און שנאָרכט. ער פאַרוואַרפט אויך דעם קאָפּ, שטיקגאָלד, אויפן אָנלען פון שטול, בייגט זיך אויס אויף הינטן און קוקט אַרויף צום סופיט, ווו עס וויגן זיך שאָטנס. מיט יעדן וויג פון דעם לעמפל, וויגן זיי זיך מיט, ווי לעבעדיקע באַ־שעפעניש ערגעץ אין אַ טיפן לאַבירינט... ער הערט זיך איין אין דער טיפער שטילקייט און טראַכט, אַז בלויז דורך שטילקייט קאָן דער מענטש זיך באַהעפטן מיטן אַרום. ער פאַרמאַכט די אויגן.

אַ מענטש אונטערן פענסטער איז דורכגעגאַנגען און אַ הוסט גע־טון, און דער אַלטער רונדער זייגער מיטן פאַרגעלטן ציפער־בלאַט האָט צוגעקלונגען: איינס! און ער, שטיקגאָלד, איז פויל אַ קוק צו טון, צי איז עס די האַלבע שעה אָדער טאַקע שוין איינס בײנאַכט. נאָר וואָס אַן אונטערשיד? ס׳איז דען אַמאָל? יאָ, אַמאָל! עס שווימען אים ארויף אין זכרון יענע נעכט. דאַן מיטן בענדל אַרום אַרבל ביי דער טורמע־מויער און די, דאָ ערשט נישט לאַנג, ביי דער באַן... „יאָ, אַזוי, הייסט עס, וויקלט זיך אַ לעבן". און דערווייל זיצט ער נאָך דאָ! ווי לאַנג וועט ער נאָך אַזוי דאָ זיצן? וועט ער אַלץ נישט געפינען גענוג מוט, איין פאַר אַלע מאָל, אַ סוף צו מאַכן? ניין! מאָרגן וועט עס געשען, מאָרגן מוז עס געשען! פשוט, ער וועט רעזיגנירן און אַ סוף... רעזיג... רע... רע — — — פאַן יאַנקעל? אַהאַ! אָט איז ער דאָך! וואָס? איך אַ פאַררעטער? פאַן יאַנקעל! פרעגן מיר דעם בעקער! אָט ער שמייכלט? אַ — אַ — אַ? איך אינטעליגענט — — — האַלטן נאָענט, לעבן דער פאַבריק, גאָר, גאָר נאָענט...

— „פאַניע שטיקגאָלד!" — ער האָט געעפענט די אויגן, פון איבעררעשונג האָט ער זיך געטון אַזאַ וויג מיט דער אויסגעבויגע־נער שטול, אַז ער האָט שיער זיך אומגעקערט. דער פאָליציאַנט לעבן אים האָט געטייטלט מיטן פינגער אויף דער באַנק, דאָרטן, ביים אויוון, אין טיפן שאָטן, ווו ס׳זענען געזעסן פינף יונגעלייט מיט די קאַפּעלושן אין די הענט.

שטיקגאָלד, צוליבן פלוצימדיקן אַרויסרייסן אים פון געשמאַקן דרימל, האָט מיט אַ נערוועזן זשעסט אָפּגעשטעלט דעם פּאָליציאַנט אינמיטן באַריכטן און גאָר זיך געהייסן צופירן די פאַרנומענע יונגעלייט. דערווייל האָט ער גענומען ס׳לעמפל, עס אָנגעשטעלט, ווי אַ פּראָזשעקטאָר, אַהין צו דער באַנק צו. די יונגעלייט האָבן זיך דערנענטערט צום טיש פּאַוואָליע, אָבער דרייסט. שטיקגאָלד האָט זיי באַטראַכט, ספּעציעל איינעם. דאָס איז געווען אַ הויכער יונגערמאַן אין אַ שוואַרצן פאַלטן מיט אַ פּאָקענעם קאָלנער און

אַ ברױן־לעדערנער טעקע אונטערן לינקן אָרעם. זײַן פּנים איז גע־װען אַ לענגליכדיקס מיט רױטע, פֿולע ליפּן און אַ קאָפּ לאַנגע, גלײַכע, קופּער־קאָלירענע האָר. אױך די אַנדערע פֿיר זענען געװען נאָך זײער יונג. אָבער אױך דרײַסטע און פֿונקט מיט אַזעלכע אָפֿע־נע, שמײכלענדיקע פּנימער.

— דערצײלט מיר, װאָס איז געשען? — האָט שטיקגאָלד זײ געפֿרעגט. דער פּאָליציאַנט האָט װידער געװאָלט נעמען רעדן. ער האָט אים װידער אָפּגעשטעלט.

— גאָרנישט. — האָט דער מיט דער טעקע געענטפֿערט. — מיר היטן איצט אַ פֿאַרשטרײַקטע פֿאַבריק, האָבן די פּאָליציאַנטן אונדז פֿאַרנומען אַהער...

— איצט? אַ פֿאַרשטרײַקטע פֿאַבריק? — װוּנדערט זיך שטיק־גאָלד. — יעדער שלאָפֿט דאָך.

— יאָ, אַזױ מײנט מען! אָבער דאָרטן אַרבעטן איצט שטרײַק־ברעכער!

— נו, װאָס־זשע װילט איר טון?

— גאָר נישט, מיר װילן זײ אַגיטירן, אױפֿװײַזן, אַז מ׳טאָר נישט און עס לױנט זיך זײ גאָר נישט צו ברעכן אַ שטרײַק.

— איך פֿאַרשטײ, איך פֿאַרשטײ... — האָט שטיקגאָלד עט־לעכע מאָל איבערגעחזרט. דערנאָך, װי ער װאָלט זיך צוריק דער־מאָנט אָן זײ, האָט ער צוגעגעבן: — און איר װער זענט? איר אַרבעט דאָרטן?

— נײן, הער רעװיזאָרוע. מיר זענען פֿאַרשטײער פֿון פֿאַרײן. איך, איך האָב טאַקע דעם האָנאָר...

— יאָ, כ׳פֿאַרשטײ! סעקרעטאַר. — שטיקגאָלד האָט געקוקט אױף זײ, דערנאָך אױפֿן פּאָליציאַנט, בײַ װעמען ס׳פּנים איז נאָך געװען רױט פֿון דער דרױסנדיקער קעלט, װי ער װאָלט נאָך גע־טראַכט, װער װעמען ס׳דאַרף היטן... — יאָ, כ׳פֿאַרשטײ, אָבער זאָגט מיר, כ׳בעט אײַך, װאָס דאַרפֿט איר שטײן אַזױ שפּעט? װוּ זענען די אַרבעטער?

— די אַרבעטער שטייען און בייטן זיך אַ גאַנצן טאָג! איצט ווייסן מיר ווען דאָך די שטרייק-ברעכער מוזן אַראָפּ, זענען מיר אַליין געקומען — —

— זיי האָבן געשטערט די רו! — האָט זיך שוין דער פּאָ־ ליציאַנט נישט געקענט מער איינהאַלטן. — מענטשן שלאָפן און זיי קריכן אַרום מיט די שטיוואַלעס און קלאַפּן איבערן טראָטואַר!

— יאָ, — פאַלט אים אַריין דער מיט דער טעקע אינמיטן די רייד, — אַז איר שטייט אויף סטאָיקע, אין אַזאַ קאַלטער נאַכטן גייט איר נישט היין און צוריק? — און ווענדנדיק זיך צוריק צו שטיקגאָלדן, האָט ער שוין אין אַ טאָן פון פּרעטענזיע צוגעגעבן — ווען מ'פאַרנעמט אונז נישט, וואָלטן מיר שוין געווען דערליידיקט! אַזוי אָבער וועלן די שטרייק-ברעכער דערווייל אָפּ־ ציען אַהיים.

שטיקגאָלד איז געזעסן מיטביידע עלנבויגנס אויפן טיש, די גאָמבע איןביידע הענט, אָנגעקוקט די יונגעלייט, אָנגעקוקט די פּאָליציאַנטן, אָנגעקוקט זיך אַליין און געטראַכט: „אָט האָסטו דיר ווידער!" אוודאי דאַרף ער זיי, אָט די פינף יונגעלייט, אַריינ־ פּאַקן ביז וואָס ווען, אויף איבער נאַכט אין דער פּאַרלייזיקטער, אין דער פאַרוואַנצטער „טשופּע" אויף די טאַפּטשאַנעס אַרויף. נאָר וועט ער דאָס טון?

— איר זעט, פּאַנאָוויע! איר האָט געשטערט די רו! אַזוי זאָגט דער געערטער פּאָליציאַנט. כ'דאַרף אייך דאָ פאַרהאַלטן. נאָר — — נאָר גייט בעסער אַהיים...

ער האָט זיך דערוואַרט, אָט דאָס קליינע מענטשל מיט די גאָלדענע פּענסנע, אויף דעם „אין גיכן, אין גיכן"... און פאַר איין וועגס שוין איינגעשפּאָרט שטיקגאָלדן אַן אַרבעט אויך. אַ זייער, זייער אומאָנגענעמע אַרבעט פאַר שטיקגאָלדן.

גלייך אויפצומאָרגנס ביינאַכט איז דאָס געווען. אינדערפרי

האָט ער מיט באַזונדערער הנאה אויסגעהערט דעם באַריכט, אַז: „שטיקגאָלד האָט באַפרייט פינף רו-שטערער און אפילו אונטערזוכן זייערע דאָקומענטן"... „פאַן קאָמענדאַנט הערט? און אונטערזוכן די דאָקומענטן!" און מיט ספּעציעלער הנאה האָט ער, דער קאָמענדאַנט, אָט דעם אָפּזאָץ פאַרנאָטירט אין ביכעלע גלייך אונטער יענעם אָפּזאַץ, אַז: „שטיקגאָלד, דער רעווירָאָווע, האָט אָפּגעהאַלטן זיינע אונטערגעאָרדנטע פּאָליציאַנטן צו טון זייער פליכט און אַזוי אַרום דערלאָזן צו אַ שטורמישן סקאַנדאַל אין אַ זאַל, ווו ער האָט באַדאַרפט היטן די אָרדנונג".

מיט אָט דער טעטיקייט אין בוזים-טאַש איז דער קאָמענדאַנט צוריק אַוועק פון זיין קאַבינעט.

אינאָווּנט, צו אַלעמענס איבערראַשונג, דאַכט זיך, ס'ערשטע מאָל, אַז דאָס טרעפט, האָט מען געהערט, אַז דער קאָמענדאַנט איז דאָ אין זיין קאַבינעט. דערנאָך האָט מען געהערט דעם טעלעפאָן קלינגען און באַלד ווידער גלייך נאָך דעם האָט זיך געעפנט די טיר און ס'האָט זיך באַוויזן ס'קליינע, מיטן שרונט צעהאַלבירטע, בלאָנדע קעפל, מיט די גאָלדענע פענסנע און מער פון יענער, ווי פון דער זייט, האָט ער אַריינגערעדט אין דער שטוב מיט די שטאַכעטן אַריין: „פּאַנאָוויע! פרייליכע נייעס! אויס מיט דער מאָראַטשעווסקי-רעגירונג! אַ רעגירונג פון די „נאַציאָנאַלע דעמאָקראַטן" איז שוין אין מאַכט!" און פונקט ווי שטיקגאָלד האָט נישט געהערט, ווען ר'האָט געעפנט די טיר, אַזוי האָט ער נישט געהערט זי צומאַכן. ער האָט אָבער יאָ באַמערקט, פשוט מעכאַניש באַמערקט, ווי דער שכן זיינער, די „גרינע זשמיע" איז גערופן געוואָרן אין קאַבינעט און פון דאָרטן, אין אַ קורצער ווײַלע אַרום, איז ער אַוועק. אויך ער, שטיקגאָלד, איז באַלד אַוועק.

שפּעטער שוין, ליגנדיק אין בעט, אין האַלב-דרימל און האַלב-וואַך, מיט אַ פעסט-דעצידירטן באַשלוס: מאָרגן רעזיגנירט ער! איצט, נאָך אָט דער איבערקערעניש, וועט ער קיין איין טאָג מער קיין פּאָליציאַנט נישט זיין. געוויס, געוויס נישט... דאַכט זיך,

מ׳קלאַפּט? איצט איז אים שוין קלאָר! יאָ, גערעכט געווען דער בלאָסער בעקער! די געפאַר איז — — „ווער איז? — אַ, דו? איין מינוט." ער האָט געעפנט די טיר. ס׳דינסט-מיידל איז גע־שטאַנען אין אונטער-קליידל מיט די רויטע, נאַקעטע פיס, איינגע־הילט אין דער מוטערס אַן אַלטן טוך: „אַ רעוויראָווע און צוויי פּאָליציאַנטן זענען געקומען נאָכן הער."

— נאָך מיר? נו, שיק זיי גלייך אַריין אַהער!

אין אפשר אַ מינוט אַרום זענען אַריינגעקומען זיינס צוויי אונטערגעאָרדנטע מיטן שכן זיינעם, דעם רעוויראָווע מיט די גרי־נע אויגן, אָט טאַקע די „גרינע זשמיע".

שטיקגאָלד האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ אינמיטן סופיט, (גלייך דער שטיי-לאָמפּ אויפן טיש מיט דער גרינער שיין וואָלט נישט גענוג געווען) און זיך געוואונדערט: „וואָס עפּעס פּלוצים?"

— כ׳האָב אַ פאַראָרדנונג פון קאָמענדאַנט אייך, רעוויראָווע שטיקגאָלד, צוצושטעלן איצט אין קאָמיסאַריאַט...

שטיקגאָלד האָט אין דעם טאָן דערפילט די נישט-גלאַטיקייט פון דעם באַפעל. „איצט? — האָט ער כמעט צעטומלט איבערגע־פרעגט. — „עפּעס אויסעראָרדנטלעכע דינסט?" — האָט ער, צו־ליבן נישט קריגן קיין ענטפער, ווידער געפרעגט און באַלד אַליין חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער פראַגע.

די פּאָליציאַנטן, וואָס זענען געשטאַנען ביי דער טיר, האָבן אַראָפּגעקוקט אויף דער רויט-געפּאַרבטער פּאָדלאָגע, ווי זיי וואָלטן אויסגעמיטן זיין בליק. דער שכן זיינער איז געשטאַנען שטיל, די לינקע האַנט אויף דער שווערד, די רעכטע פאַרשטעקט צווישן צוויי קנעפּ פונם האָריקן פלאַשטש, ווי ער וואָלט זיך געהאַלטן ביים האַרץ. ער האָט דווקא יאָ גלייך געקוקט אויף שטיקגאָלדן, אָבער אין זיין בליק איז גאָרנישט געווען צו מערקן.

שטיקגאָלד האָט איצט, נישט רעדנדיק מער קיין וואָרט אפילו, זיך גענומען אָנטון. נאָר מאָדנע, ווי דער געדאַנק וויל נישט שלום מאַכן מיט דעם, וואָס דאָס געפיל זאָגט אונטער. ער האָט דאָך

געפילט, אַז דאָ גײט עפּעס געשען, עפּעס מיט אים אַלײן, אַז דאָס רופט מען אים נישט צו קײן דינסט, דאָך האָט אים דער געדאַנק כּסדר אונטערגערוקט עפּעס אַן אַנדער דינסט-אָנגעלעגנהײט, צוליב װעלכער מ׳רופט אים דאָס איצט ספּעציעל אין קאָמיסאַריאַט אַרײן.

ערשט אין קאָמיסאַריאַט האָט ער זיך נאָך אַמאָל איבער-צײגט, אַז דאָס געפיל איז דער פאָרזאָגער, דער נביא בײם מענטש, נישט דער געדאַנק. אַז דער געדאַנק זוכט אונז אײנצורעדן זאַכן, װעלכע ס׳געפיל װאַרפט אָפּ, װײל זײ זענען פאַלש...

יאָ, ער האָט פאָרגעפילט, אַז אַזױ װעט עס זיך ענדיקן. מאָדנע, און ער איז דאָך צופרידן, אפשר צופרידענער נאָך, װי װען ער װאָלט אַלײן געלײגט די שװערד. װאָס ס׳קרענקט אים יאָ, איז װאָס אָט די „גאָלדענע פּענסנע״ האָבן אױסגעקליבן דװקא די „גרינע זשמיע״ זאָל אים, שטיקגאָלדן, אױסטון דעם פּאַס און אים אַנטװאָפנען... האָט יענער עקסטרע אים אױסגעקליבן? אָבער פאַר-װאָס? פאַרװאָס? און אפשר איז בעסער אַזױ? מיט דעם אָנהױבן אױפסנײ?

שטיקגאָלד האָט נאָכן צונעמען בײ אים די שװערד מיטן רעװאָלװער אָנגעטון צוריק דעם שינעל און געװאָלט זיך לאָזן צו דער טיר. אָבער שױן בײ דער טיר האָט אים דער פּאָליציאַנט פאַרהאַלטן, אמת, נאָך גאַנץ העפלעך, אַז — — ניין — — הער שטיקגאָלד פאַרשטײט דאָך — — אַזױ איז דער באַפעל...

שטיקגאָלד האָט דערפילט, ער פאַרלירט דעם באָדן אונטער די פיס. שפּעטער, װען ער האָט געטראַכט װעגן דעם, האָט ער זיך אַלץ געזוכט צו דערגרונטעװען, צי דאָס איז געװען רציחה, הילפלאָזע רציחה פונם געבונדענעם לײב? אָדער פּשוטע חרפּה. חרפּה פונם אַנטװאָפנטן?... און אפשר איז דאָס געװען בײדע צו-זאַמען, װאָס האָבן אים איצט געמאַכט פאַרלירן דעם באָדן אונטער די פיס? ער האָט זיך אױסגעדרײט אױף צוריק, געקוקט אַהין צום טיש, װוּ ס׳איז נאָך געלעגן דער רעװאָלװער מיט דער שװערד און װוּ יענער, װאָס האָט אים אַנטװאָפנט, איז נאָך געשטאַנען, דאַכט

זיך, אַ פֿאַרשעמטער... ווייל אָט רירט ער זיך נאָך אַלץ נישט צו צום וואָפן... שטיקגאָלד האָט דערפֿילט, אַז ס׳מויל נעמט ביי אים צוקן. ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל זיך דאָ נישט צעוויינען. דאָס וואָלט שוין גאָר געווען אומדערטרעגלעך. כּדי אונטערצודריקן די אייגענע פּלוצימדיקע שוואַכקייט, האָט ער מיטן גאַנצן כּוח געטון אַ געשריי צום פּאָליציאַנט, וואָס פֿאַרשטעלט אים די טיר: וואָס־זשע ווילט איר דאָך מיט מיר טון? און אויסדרייענדיק זיך מיט דער זעלבער רוגזה צום רעוויראָווע, וואָס שטייט נאָך דאָרטן אַזאַ פֿאַרלוירענער לעבן זיין רעוואָלווער און שווערד, האָט ער מיט זיין גאַנצן שטאָלץ געטון אַ באַפֿעל: „און איר, רעוויראָווע אין דער וואַרשעווער פּאָליציי, האָט מוט און טוט אייער פֿליכט!...״

שפּעטער, אונטער די קראַטעס פֿון אייגענעם קאָמיסאַריאַט, אויפֿן פֿאַרלייזיקטן טאַפּטשאַן, איינגעוויקלט אין צעפּאַלדעוועטן שינעל, איז געלעגן דער אַנטוואָפֿנטער איגנאַצי שטיקגאָלד, ווי אַ פֿאַרווונדיקטער הונט און זיך איינגעהערט צום געוויין פֿון אייגענעם האַרץ, וואָס קלאָגט דאָרטן אויפֿן צערונענעם חלום, אויף דער נאָר־וואָס איבערגעלעבטער חרפּה... און דאָ, אים צוקאָפּנס, פֿון יענער זייט קראַטן, פּונקט ווי ער אַמאָל, אַמאָל, אין יענער נאַכט, אין דער גרויער פּוסטקייט פֿון די אָפּגעשלאָסענע פֿיר ווענט, שפּאַנט דער פּאָליציאַנט הין און צוריק דעם קאָלנער אויפֿגעשטעלט, די מידע הענט פֿאַרשטופּט אין די קעשענעס, איינגעקורטשעט, ווי ער וואָלט וועלן אַנטלויפֿן פֿון אייגענעם פּחד, שפּאַנט ער דאָס הין און צוריק, איינער אַליין, בלויז דער שאָטן זיינער, ווי אַ געטרייער הונט, באַגלייט אים...

אין אַ שטוב

משה-אבנר איז געלעגן אין בעט מיטן פנים אַרויף צום סופיט. זיין מעכטיקער ברוסט-קאַסטן האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ ריזיקער בלאָז-זאַק. זיינע ברייטע ניגערשע נאָזלעכער האָבן זיך געשפּרייט און געבלאָזן און געצויגן אַריין און אַרויס די הייסע שטיקעניש, וואָס אין שטוב. אָט האָט ער געעפנט ס'מויל, אַ מויל—אַ ריזיקער שניט, ווי אַ מויזן-יאַמע, פינסטער און טיף, מיט צוויי וואַרשטן שיטערע, פאַרגעלטע ציין. דערביי האָט ער עפּעס געשלונגען און דער האַלז-קנאָפּ האָט זיך אים גערוקט הין און צוריק. אָט ווי אַ שפּיציקע מכה וואָלט אים געזעסן אויפן גאָרגל און אַזוי געשיפּלט הין און צוריק, הין און צוריק.

משה-אבנרן איז געווען הייס. ער האָט זיך געדרייט אויפן געלעגער, גלייך אַ פליג וואָלט אים געשטאַנען אויפן שפּיץ נאָז און אים געביסן. ער האָט אויסגעצויגן צוויי לאַנגע הענט, ווי צוויי אויפגעשטעלטע האָלאָבליעס. דערנאָך האָט ער געעפנט די אויגן. אין שטוב איז שוין געשטאַנען אַ פאַרטאָגיקע בלויקייט אַזאַ, וואָס קאָן אויך זיין אַ פאַרנאַכטיקע.

צום ערשט האָט משה-אבנר געטראַכט זיך אויפצוהויבן. באַלד אָבער האָט ער באַשלאָסן: ניין, ס'איז נאָך צו פרי. וואָס וועט ער טון אַזוי פרי אין גאַס? ליגט ער אַזוי און אין קאָפּ נעמען זיך אים פּלאָנטערן קליינע געדאַנקעלעך. ווי ווערעמלעך קריכן זיי אים אונטערן שטערן, ראָיען זיך אים אין אַ קנויל און

אָט קריכן זיי זיך גאָר פונאַנדער און פאַרשטעלן אים, דאַכט זיך, די אויגן.

פון אָט די אַלע געדאַנקען האָט זיך אים אויסגעשיילט איינס, אַ קליינס, אַזאַ רירעוודיקס און זיך אַוועקגעשטעלט פאַר די אויגן אַזוי קלאָר, אַז אַלע אַנדערע זענען דורך דעם פאַרשטעלט געוואָרן און באַלד אינגאַנצן פאַרשוווּנדן: רבקה, רעגינע! פאַרוואָס געפעלט אים עפּעס לעצטנס נישט רעגינע? עפּעס אַזעלכע מאָדנע געגנלען... און אפשר דאַכט עס זיך אים נאָר?

אינסטינקטיוו האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק אַריבער געטון צו דער שלאָף-באַנק, ווו רעגינע איז געשלאָפן.

רעגינע איז געלעגן אַן אָפּגעדעקטע, אַ נאַקעטע. די קאָלדרע איז פון איר אַראָפּגעפאַלן. איר ברודיק העמד איז געווען פאַרשלעפּט און אויפגעקנוילט אין אַ קנויל ביז צום האַלז צו. אירע נאַקעטע ברוסט און דער אָפּגעדעקטער בויך האָבן זיך איצט, אין דער פאַרטאָגיקער בלויקייט, שטאַרקער אָפּגעשלאָגן. זי איז געלעגן צעוואָרפן אַזוי תאוהדיק און פריי, אַז דאָס האָט אַזש אַ זעץ געטון משה-אבנרן אין די אויגן אַריין...

משה-אבנר האָט זיך געטון אַ צאַפּל, אַזאַ בויג אויף צוריק און געבליבן הענגען אויף זיינע צוויי אונטערגעשפּאַרטע עלנבויגנס, גלייך ער וואָלט פּלוצים געליימט געוואָרן.

צום ערשט האָט ער גאָרנישט געוווּסט. ער האָט נאָר געפילט, אַז עפּעס גיסט זיך אים אונטערן שאַרבן, גלייך מ'וואָלט אים דאָרטן געגאָסן עפּעס אַ הייסע בליי, פון וועלכע די אויגן ווערן אים פאַרלאָפן און ער זעט גאָרנישט.

דערנאָך, ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך געוואָלט צוריקלייגן און פאַרדרייען דעם קאָפּ צו דער וואַנט, פאַרדרייען זיך און נישט זען... זיין גוף איז אָבער געווען פאַרשטאַרט, שטייף.

אָט דער געלײמטער צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן אַ װײַלע. דערנאָך האָט ער אָנגעהױבן אָפּצוגײן, פּונקט װי ס׳גײט אָפּ דער פראָסט פון אַ שױב.

ביסלעכװײז זענען אים די געדאַנקען צוריק באַפאַלן, װי אַװעקגעטריבענע פליגן באַפאַלן צוריק אַ שטיקל צוקער. אים איז קלאָר געװאָרן, אַז ער מוז אַראָפּגײן, אַראָפּגײן און זי צודעקן.

ער איז אַראָפּ פון בעט, געטון אַ דעצידירנדיקן טריט און פּלוצים געבליבן שטײן, געבליבן שטײן אין זײן גאַנצער, ברײ־טער גרױס, אינמיטן שטוב, אין דער ברודיקער אונטערװעש און נישט געװוסט, װאָס מיט אים טוט זיך. פון פאַרלױרנקײט האָט ער געדרײט מיטן קאָפּ, דאָ צום װײב, צו ר ו י ז ע ן, װאָס איז איצט שטאַרק נעשלאָפן, דאָ צו רעגינעס נאַקעט לײב, און כאָטש ר׳איז געשטאַנען לעבן דער קאָלדרע, האָט ער זיך דאָך נישט אַראָפּגעבױגן, גלײך ער װאָלט די קאָלדרע נישט באַמערקט. זײנע אױגן זענען גאָר װילדע, אַרױסגעזעצטע, אַרומגעלאָפן איבער רע־גינעס נאַקעטן לײב.

נאָר אָט האָט זיך זײן בליק פאַרטשעפּעט אָנם ברודיקן העמד־קנױל, דאָרט אַרום איר האַלז, גאָמבע און ליפּן... משה־אבנרן האָט דאָ אַ שטאָך געטון. ער האָט דערפילט אַן ענגקײט אין האַלז, גלײך עמעצער װאָלט אים געהאַלטן בײם גאָרגל און געשטיקט נישט אַנדערש, ער זאָל אַ ריס־אויף טון ס׳העמד ביז איבערן קאָפּ.

משה־אבנר האָט זיך געװערט. ער האָט פאַרקלעמט די פינגער פון זײנע הענט, געדריקט די פיס צום באָדן, װי ער װאָלט זיך צוגעהאַלטן און געקעמפט קעגן דעם עמיצן, װאָס צװינגט אים דעם ריס צו טון. מיט אַלע כּוחות האָט ער זיך קעגנגע־שטעלט, אַזש אַ קאַלטער שװײס האָט אים באַגאָסן ס׳פּנים, כאָטש פון זײן גאַנצן קערפּער האָט געזעצט אַזאַ פּחדימדיקע היץ... אַלץ אין אים האָט זיך געװאָרפן, ביז צום אָפּרײסן זיך און צעפאַלן און דאָך, װי מאָדנע, האָט ער אײנגעהאַלטן דעם

אָטעם און געדרייט דעם גרויסן, צעשראָקענעם קאָפּ, צי ס׳ווייב, רויזע, זעט ניט... און ווי זיין בליק האָט זיך דאָס געביטן! אָט האָט ער געקוקט אויף רעגינעס ליִיב מיט אַזעלכע הונגעריקע, אַזעלכע אַרויסגעזעצטע אויגן, און שוין האָט ער געקוקט אויף רויזען, וואָס איז איצט אַזוי רויק געשלאָפן, מיט אַזויפיל געבעט, גלייך די אויגן זיינע וואָלטן זיך ממש געבעטן רחמים ביי איר, זי זאָל אים ראַטעווען...

אָבער רעגינע איז געלעגן אויף. זי האָט נאָר געהאַלטן צוגעשלאָסן די אויגן-דעקלעך און דורך דינינקע שפּעלטעלעך געהיט דעם טאַטנס בליק. עפּעס האָט איר שטאַרק הנאה געטון, וואָס אַ מאַנסביל זעט איר נאַקעט ליִיב. זי האָט איצט גאָר נישט געדענקט, אַז דאָס איז איר פאָטער. זי האָט איצט בכלל נישט געטראַכט. זי האָט בלויז געפילט אַזאַ גוטקייט, אַזאַ ווייטאָגדיקע גוטקייט צו ליגן אַן אָפּגעדעקטע און פילן, ווי אַ מאַן פירט זיינע בליקן איבער איר נאַקעט ליִיב. איר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס זענען גאָרנישט קיין אויגן, אַז דאָס זענען גאָר אַזעלכע גלאַטע, מאַנסבילשע הענט, וואָס צערטלען איר בויך... זי איז געלעגן אַ פאַרגעסענע, ווי אין אַ זיסן דרימל, גלייך מ׳וואָלט איר נאָר וואָס געהאַט איינגעשלעפערט מיט אַזאַ זיסן שלאָף-געטראַנק, און כאָטש זי קאָן זיך נישט רירן, זעט זי דאָך אַלץ אַזוי קלאָר און ס׳איז איר אַזוי גוט, אַזוי ווייטאָגדיק גוט...

זי האָט געעפנט אַן אויגן-שפּעלטעלע, אַזאַ דינס, אַזאַ כיטרעס, און דורכגעלאָזט אַ שמאָל בליקעלע, אַזאַ שאַרפס, וואָס האָט זיך פונקט פאַרטשעפּעט אָנם טאַטנס ווילדע, אַרויסגעזעצטע אויגן...

משה-אבנר האָט געטון אַ צאַפּלדיקן טריט צוריק, באַלד נאָך איינעם, און שוין האָט ער געשטעלט טריטעלעך אויף הינטערווייליקעכטס אַזעלכע שטילע, ווי אַ גנב, וואָס איז פּלוצים און אינמיטן דער גנבה אַ דערגעשראָקן געוואָרן. ביז ער האָט ענד-

לעך דערפילט ס'זייטל פון בעט, האָט ער זיך שטיל, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, אַוועקגעזעצט און פּאַוואָליע, לייכט, זיך אַריינגערוקט אין בעט, און זיך טיף איינגענורעט אין צודעק.

ס'ערשטע האָט משה־אבנר דערפילט גרויסע שוויס־טראָפּנס רינען אים איבערן שטערן אַראָפּ צו די אויערן צו. ער האָט אויך דערפילט, ווי זיינע שלייפן זעצן אים אַזוי פיבעריש אַזוי האַסטיק. באַלד איז ער אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַ דאָפּלט געפיל, אַ געפיל פון בושה און פחד צוזאַמען. ווי צו ראַטעווען זיך פון דער בושה און פון דעם פחד, האָט ער זיך טיפער גע־נורעט אונטערן צודעק, פונקט ווי אַ פאַרשולדיקטער הונט אין דער פינסטערער נאָרע. אים האָט פאַרפעלט אָטעם און דאָך האָט ער נישט געוואַגט אונטערצוהויבן דעם צודעק. ער האָט אַלץ מורא געהאַט, רעגינעס בליק זאָל אים ווידער נישט פּאַקן און אים ווידער נעמען אַזוי בריען, אַזוי בריען...

אַך, ווי משה־אבנר וואָלט דאָס איצטער אַנטלאָפן פון שטוב אַרויס! ער האָט זיך אָבער געשעמט אומצודרייען. ער זאָל נאָך אַמאָל נישט זען ס'אָפּגעדעקטע לייב פון זיין קינד. ער האָט זיך געשעמט און אין דער זעלבער צייט האָט עפּעס אין אים געוויינט, געוויינט און געמאַכט אים פאָרוווּרף, הלמאַי ער איז אַזוי געמיין געשטאַנען איבערן נאַקעטן לייב פון אַן אייגענער טאָכטער.

ערשט איצט, אַז ער האָט געטראַכט וועגן איר, ווי וועגן זיין קינד, האָט אים פּלוצים געוואָרן קלאָר ווערן דער פחד זיינער. ער האָט זיך נאָר דערמאָנט אָנגעהויבן דינעם קוקעלע, וואָס זי האָט אים געגעבן און שוין זענען די געדאַנקען אים לויטער געוואָרן און ס'האָט זיך שוין געטראַכט פון זיך אַליין.

— הייסט עס, אַז זי איז געווען אויף און זי האָט גע־ווּסט, אַז זי ליגט אָפּגעדעקט? האָט זי דאָך אויך געמוזט זען אים, דעם טאַטן, קוקן אויף איר? און זי האָט זיך נישט צוגע

דעקט? און אפשר האָט זי זיך געשעמט, ווייל ער איז געשטאַנען? אָבער זי דעקט זיך דאָך איצטער אויך נישט צו!

איצטער האָט שוין משה-אבנר אויך אָנגעהויבן צו באַנע-מען, וואָס עפּעס ער טרעפט לעצטנס אַזוי אָפט רעגינען שטיין אַזוי פאַרגאַפיעט און נאָכקוקן די קורוועס, דאָ באַלד פון ראָג...

משה-אבנרן האָט די דאָזיקע קלאָרקייט אַ שאַרפן ברי גע-טון. ס'האָט אים אונטערגעהויבן. איצטער וועט ער דאָך זי נישט קאָנען אפילו איבערפרעגן. ווי אַזוי וועט ער דאָס קאָנען איר קוקן אין די אויגן אַריין? זי וועט דאָך אים באַלד אויפ-וואַרפן זיין שטיין איבער איר נאַקעט לייב. הלמאַי האָט ער נישט גענומען די קאָלדרע און זי צוגעדעקט, ווי אַ טאַטע דעקט צו זיין קינד? ווי ער פלעגט עס טון, ווען זי איז געווען אַ קליינע. און אַז אַ גרויסע? איז זי שוין נישט זיין קינד?

אַז רויזע האָט געעפנט די אויגן, האָט זי דערזען דריי זאַכן: אַז ס'איז שוין גרויסער טאָג, אַז משה-אבנר האָט זיך שוין אַוועק-געשלעפּט, און אַז די מויד ליגט אַ נאַקעדיקע, צעשפּרייט, ווי אַ חצופה.

רויזע האָט זיך אויפגעזעצט און געטון אַזאַ זאַטן גענעץ מיטן פולן מויל, דערנאָך האָט זי זיך אַראָפּגעקייקלט פון בעט, ווי אַ צעלעכטסט פעסל, וואָס אָט-אָט צעפאַלט עס זיך. אַ מינוט איז זי אַזוי געשטאַנען אין לאַנגן העמד, ווי זי וואָלט עפּעס נאָך געקלערט. באַלד האָט זי זיך גענומען שאַרן מיט די באָר-וויסע פיס, פאַרטשעפּנדיק ס'לאַנגע העמד אַזוי, אַז זי איז שיער געפאַלן. דערביי האָבן זיך אירע בריסטן, די שמאַטיקע טאָרבעס, געבאָמבלט איבערן פעסלדיקן בויך. אירע האָר מכשפהדיק צע-וואָרפן, האָבן איר פאַרשטעלט ס'פּנים. בלויז זי' דריי פאַלדן,

ווי דריי שטיגן אונטער איר גאָמבע, האָבן זיך אַפּערגעזען. אָט אַזוי האָט זי זיך גערוקט נישט פּאָרויס, נאָר ווי זי וואָלט אין איין צייט געגאַנגען, אי רעכטס, אי לינקס.

פרייכנדיק, ווי אַ שווערע, אנגעשטאָפּטע גאַנז, האָט זי צו־געטשאַפּעט צו רעגינעס געלעגער, זיך קוים מיט צרות אַראָפּגע־בויגן, אויפגעהויבן די קאָלדרע, און צודעקנדיק די חצופּהדיקע מויד, האָט ס׳מויל אירס גענומען שאָרוועןּ:

— זעך צעשפּרייט! זעך צעוואַליעט! וואָסטו זעך אַזוי צע־וואַליעט? רבקה! הפקר פּיעטרישקע ביי דיר? רבקה! ווי דאָס פּאָפּט! קאַ ניינע האָרע, פּו, פּו, פּו. רבקה! שוין גרויסער טאָג! מ׳קערט דאָך שוין איבער די גאַסן. וואָס כאָליעסטו נאָך! כאָליעט און כאָליעט, ווי אַ שטיק פּגר. דאַראַאַסן קאָן מען עס נישט. רבקה! שטיי שוין אָף! די אָטשערע ציט זעך שוין איבער דער גאַנצער גאַס! רבקה, מ׳עט נאָך אפשר קענען פּאַכאַפּן אַן אָרט, רבקה!

רעגינע האָט געעפנט אירע פאַרשלאָפענע אויגן. פּאַר אַ מי־נוט אַזוי געזשמורעט און געפינטלט, ווי זי וואָלט געוואָלט דער־זען, וואָס אַרום איר טוט זיך. דערנאָך האָט זי געטון אַ שאַרפן מעסט־אָפּ די מכשפהדיקע מאַמע אירע: וואָס וויל זי פון איר? חלומט זיך איר עפּעס אַ גוטער חלום און זי רעדט אין שלאָף, מוז זי איר אויפוועקן! קוקט זי נאָך די מיידלעך אויפן ראָג, איז עס איר דאגה און זי שלעפּט איר פּאַר די צעפּ אין שטוב אַריין. און דאָ שוין ווייטער אָטשערע. אַלע טאָג אָטשערע און אָטשערע.

— לאָז מיך אָפּ! כ׳וויל נישט קיין אָטשערע, דו הערסט? ווילסט שטיין אין אָטשערע, שטיי! איך וויל נישט. אויס אָטשע־רע־פּינוסע פּאַר מיר, דו הערסט? — און גלייך ווי גאָרנישט, האָט זי זיך צוריק איינגענורעט אין צודעק, און זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט...

— אַ פּיסק דאָס האָט! אָפּגעדרייט זאָל ער דער ווערן! וואָס האָב עך דער געזאָגט?

זי האָט זיך אויסגעדרייט, די מאַמע, און גענומען צוריק-טשאַפּען, דערביי האָט זי נאָך פאַרענדיקט דעם מענה-לשון אירן:

— ווי זי איז מעך דאָס באַפאַלן! שוין געהערט, אַ הינט באַפאַלט מע דאָך נישט אַזוי.—און אויסדרייענדיק צוריק איר צעקודלטן קאָפּ, האָט זי דער טאָכטער נאָך צוגעוואָרפן — ס׳שטייט דיר אפשר נישט אָן? גרעסערע יחסנטעס פון דיר, שענערע מיידלעך פון דיר שטייען, אוי, שטייען זיי! אַ שטיין זאָל פון זיי ווערן! זיי פאַרכאַפּן דאָך, אַ פאַרכאַפּט זאָלן זיי ווערן, צו דריי, צו פיר ערטער מיט אַמאָל. זיי מאַכן דאָך אַ מאַיאָנטעק אין אפשר אַ שעה!

די מאַמע האָט דאָ רעגינען אָנגערירט איר שוואַכן פונקט, און נאָך מער האָט עס איר געקרענקט, ווייל די מאַמע ווייסט, אַז דאָס איז איר שוואַכער פונקט... „שענערע" מיידלעך „גרעסערע יחסנטעס".

דער שטענדיקער האַס צו דער מאַמען האָט איצטער גענומען זידן אין רעגינען, ווי וואַסער אין אַ קעסל. זי האָט זיך געטון אַ זעץ אויף אין איר גאַנצער נאַקעטקייט און אַ צי זיך איין, פונקט ווי אַ ווילדע קאַץ, גרייט זיך איינצוקלאַמערן און אויסדראַפּען די אויגן יעדן איינעם, אפילו איר מכשפהדיקער מאַמע:

— כ׳געפעל דיר שוין ווייטער נישט? שוין ווייטער נישט שיין? אַלץ בין איך דאָך אַזוי שיין, ווי די. עפּעס זאָגט דאָך יעדערער, אַז איך געראָט אַראַן אין מאַן מאַמע... נאַ, קיק! אָט האָב איך ס׳אייגענע ווערצאַלע אויף דער גאָמבע, וואָס די. אָט האָסטו דעם בויך, זעסט! שוין באַלד אַזאַ פּאַס, ווי באַ דיר. נאַ, קיק! זעסט די ציצן? שוין באַלד אַזעלכע טאָרבעס, ווי דיינע... אַפילו די פיס? אפשר נישט דיינע קלעצער? אָט על איך דיר באַלד וואַזן!...

זי האָט גיך געטון אַ האָצקע אַראָפּ פון געלעגער. אַ נאַקעטע איז זי געבליבן שטיין, לעבן דער מאַמען און מיטן גאַנצן גיפט

אירן, שיפּענדיק ווי אַ שלאַנג, האָט זי איר געשטאָכן אין פּנים אַריין:

— ניי, נישט אַזוי? אפשר נישט אַזוי שיין, ווי די? נאַ, קיק מאַלפּע! אוי, ווי כ׳האָב דיך פיינט! איבער דיר, נאָר איבער דיר בין איך אַזוי העסלעך. איבער דיר וויל מיך קיינער נישט אָנקיקן..

ווי אַ נאַקעטער קלאָץ, פון וועלכן מ׳האָט נאָר וואָס אָפּגעשיילט די קאָרע, איז רעגינע צוריקגעפאַלן מיטן קאָפּ אין שלאָף־באַנק אַריין און טיף און שטאַרק געקלאָגט:

— אוי, ווי איך האָב זי פיינט! איבער איר, איבער איר, אַלץ איבער איר...

רויזע, די מאַמע אירע, איז איצט געשטאַנען אַ פאַרלוירענע. ס׳לשון איז ביי איר אין גאַנצן געווען אָפּגענומען. זי האָט אפילו גאַנץ גוט געהערט, וואָס די טאָכטער אירע האָט דאָ געזאָגט, נאָר מאָדנע, זי איז אפילו נישט געווען בייז אויף איר דערפאַר. פאַרקערט, זי האָט זיך טאַקע געפילט שולדיק אין רעגינעס וויסטן מזל... ס׳האַרץ איז איר צעגאַנגען פאַר צער קוקנדיק, ווי רעגינע ליגט איינגענורעט אין שלאָף־באַנק און קלאָגט. שטילערהייט האָט זי זיך אַליין געשאָלטן, פאַר וואָס זי האָט ס׳גאַנצע גערעדעריי אָנגעהויבן. „זי האָט שוין געווען געדאַרפט וויסן און צורו לאָזן ס׳מיידל, נישט שלעפּן זי ווייטער אין אָטשערע.”

ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט, ווייסט זי נישט. נאָר אַז זי האָט זיך געכאַפּט, רעגינע, איז שוין די מאַמע נישט געווען. זי איז איצט צוריק געלעגן אין שלאָף־באַנק. אַלץ, וואָס פריער איז פאָרגעקומען, האָט איר איצט אויסגעוויזן ווי אַ ווינסטער קאָשמאַר. און ביי איר אין מוח האָט עס טאַקע געראַיעט, ווי אין אַ קאָשמאַרנעם חלום... דער פעדערשטער טייל שאַרבן, כמעט ביז דער נאָז, האָט זיך איר אונטערגעהויבן, גלייך ער וואָלט זיך אָפּגעריסן פון אונטער דער הויט. די האָר האָבן איר געשטאָ[illegible], ווי

שפילקעס. פון ווייטאָג האָט זי זיך געפליקט די האָר ביז צײַנ־קריצעניש. ווי זי וואָלט וועלן מיט איין ווייטאָג פאַרטויבן די צווייטע. דערנאָך איז איר ווידער באַפאַלן אַ ווילדע תאווה, אָט די זעלבע תאווה, וואָס אין דער פרי, זי האָט ווידער געטון אַ קאָפּ אַראָפּ די קאָלדרע און געבליבן ליגן אין איר גאַנצער נאַקעטקייט אין אַ מין דערוואַרטונג, גלייך עמיצער וואָלט דאָ באַדאַרפט ־ריינקומען, טאַקע גלייך דאָ אַהער...

און קיינער איז נישט געקומען. איז זי מיט אירע אייגענע הענט אַרומגעפּאָרן איבער איר הייסן לייב און זיך געגלעט און געצערטלט. איר איז געווען אַזוי גוט, ווידער אַזוי ווייטאָגדיק גוט, ווי אינדערפרי. איר האָט זיך ווידער געדאַכט, אַז דער טאַטע שטייט דאָ אַזאַ הויכער, אַזאַ ברייטער און קוקט ווידער אויף איר נאַקעטע לייב... איצט, האָט זי געפילט, האָט זי דעם טאַטן שטאַרק ליב, אויסטערליש ליב... זי האָט אויסגעשטרעקט די הענט, ווייסע, פּוכקע הענט, און אים אַרומגענומען און אים געדריקט צו זיך, און שטיל, אין איר, ווי אין אַ חלום, האָט עפּעס גערעדט: קוש מיך־טאַטע... קוש מיך, איך בין דאָך... זעסט דאָך די מאַמע...

משה־אבנר איז אַרויס פון שטוב, גלייך עפּעס וואָלט אים געטריבן פונדאַנען. און דער עפּעס, האָט ער געפילט, זיצט אין אים אַליין און טרייבט אים, נישט נאָר פון שטוב, נאָר טרייבט אים אַרום, ווי אַ משוגענעם הונט...

אָט שלעפּט ער זיך איבער די גאַסן. נישט ער זעט וואָס, נישט ער ווייסט צו וואָס. אין מוח איז אים אַזוי פּוסט, גלייך אַלץ וואָלט פון דאָרטן אויסגערונען, בלויז אַ ליידיקער שאַרבן זיצט אים אויף די אַקסלען. און די שלייפן, איןביידע זייטן

שטערן האַקן, גרויסער גאָט! ווי זיי האַקן דאָס גיך און שאַרף, פונקט ווי צוויי שפּיציקע האַמערס און אַזוי צום טאַקט!

און דער טאָג איז אַזאַ הייסער און פאַרנער. אַרומשלעפּנדיק זיך אין זיינע שמאַטיקע בגדים, האָט ער דערפילט, ווי ער גייט אָפּ אין שווייס און ווי זיינע קניען ברעכן זיך אים, אָט-אָט און ער פאַלט אַוועק אינמיטן גאַס. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, געזוכט מיט די אויגן ערגעץ אַן אָרט, וווּ זיך צוצושפּאַרן.

באַלד דערלעבן, רעכטס פון אים, איז געווען „ס'גוטע אָרט". משה-אבנר האָט זיך אפילו אַ צאַפּל געטון: „ביים בית-עולם גאָר"? נאָר די פיס האָבן אים שוין נישט געהערט... זיי זענען שוין דאָ אַליין אַריינגעגאַנגען און אים מיטגעטראָגן, אָט אַ שטייגער, ווי אַ געטרייע מאַמע טראָגט איר חרובדיק קינד אַהיים צו זיך, אין איר זיכערן ווינקל, וווּ קיינער קאָן שוין מער דעריבער קיין שליטה נישט האָבן...

דאָ איז געווען שטיל אַרום און קיל. ברייט-צוואַקסענע קאַשטאַן-ביימער, איןביידע זייטן וועג, האָבן געשאַפן אַ וווּנדער-לעכן טונעל, אַזאַ טונקלען, וווּ בלויז שפּריצלעך און פאַסקעלעך זון, האָבן זיך דורכגעריסען און געשפּרונגען און זיך געהוידעט איבערן קילן וועג.

משה-אבנר האָט זיך דאָ צוגעשלעפּט צו אַ באַנק, אַזאַ באַ-קוועמע, מיט אַן אויסגעבויגענעם אָנלען און אַוועקגעלייגט דעם מידן גוף.

אַרום איז געווען „פעלד". מצבות, שטילע און אויסגעבויגענע, פונקט ווי שטילע, ליבע שעפּסן, האָבן זיך געבאָדן אין אַ שפּע זון. און אַזאַ זינגענדיקע שטילקייט אַרום, אַז ס'האָט אַזש משה-אבנרן אויפגעטייעט. פּאַוואָליע האָט זיך אין זיין מוח געגומען עפּעס רירן, גלייך אַ מאַסע ווערעמלעך וואָלט פלוצים געקריגן לעבן און אָט קריכן זיי דאָס אַרום אין מוח איינס איבערן אַנדערן, איינס איבערן אַנדערן...

דערווייל האָט זיך אָנגעטראָגן אַ ייד מיט אַ רויטער באָרד

אין אַ שוואַרצן פלאַכן קאַפּעלוש, ווי אַ שוואַרצער, איבערגעקער־טער, לענגלעכער טעלער. דער לאַנגער שוואַרצער, קברות־בגד האָט זיך אים געקלאַפּט אָן זיינע שטיוולדיקע טריט. מיט אַ שאַרפן און זיכערן בליק האָט ער אָפּגעמאָסטן משה־אבנרן, גלייך ער וואָלט וועלן זיכער זיין, אויב די באַשטימטע פיר איילן קרקע וועלן טאַקע גענוג זיין פאַר משה־אבנרס הויכן און ברייטן גוף.

משה־אבנרן האָט אַרומגעכאַפּט אַ פּחד, קוקנדיק אויף דעם ייד מיט די בלישטשנדיקע, קעצישע אויגן, וואָס ברענען אָפּער פון אונטערן שוואַרצן בית־הקברות־קאַפּעלושל...

נאָר ביסלעכווייז האָט זיך די גייענדיקע שוואַרצקייט דערווייטערט. משה־אבנר האָט אים נאָך אַלץ נאָכגעקוקט, ווי ער וואָלט געוואָלט זיין זיכער, צי יענער גייט טאַקע אַוועק. פאַר אַ מינוט האָט ער געטראַכט צו אַנטלויפן פונדאַנען, אָבער זיינע פיס הערן אים ווידער נישט, גלייך זיי וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פון דער אויבערשטער קאָמאַנדע און פירן זיך זייער אייגן לעבן. איז ער געזעסן, און זיינע אויגן האָבן אַרומגעוואַנדערט איבער די מצבות. אָט האָט זיך זיין בליק אָפּגעשטעלט אויף אַ גרויסע גלאַנציקע מצבה, ווי אַ שפּיגל. אים איז אויסגעקומען, אַז דאָס איז אַ גאַנץ הויז, נאָר אָן ווענט. דערנאָך איז אים פאָרגעקומען, אַז דאָס איז אַ חופּה. פּשוט, אָנגעגרייט אַ חופּה פאַר חתן־כלה, וועלכע דאַרפן זיך דאָ באַלד באַווייזן...

משה־אבנרן האָט דאָס אויסגעוויזן נאַריש. מענטשן שטעלן זיך דאָס גאַנצע הייזער נאָכן טויט. „צו וואָס דאַרף מען דאָס? אָט אַ שטייגער ער אַליין, ווי לאַנג נאָך וועט ער זיך דאָס קאָנען אַרומשלעפּן?"

טראַכטנדיק וועגן זיך איז אים ווידער געטויגן אַ שווים אַרויף רבקה... אַ שווידער איז אים אַריבער איבערן לייב. ער האָט זיך ווידער געזען שטיין לעבן איר אָפּגעדעקטן לייב מיט אַזעלכע ווילד־אַרויסגעזעצטע אויגן...

אין דער זעלבער צייט איז אים אָבער קלאָר געוואָרן, אַז

ווען נישט ס׳ווייב, רויזע, וואָס איז געשלאָפן אַקעגן אין בעט, ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט געווען...

אים איז ביטער געוואָרן אין מויל ביי אָט דעם געדאַנק. ס׳האָט אים גענומען בריען, גלייך ער וואָלט געזעסן אויף אַן אָנגעגליטער פליטע. כדי צו אַנטלויפן פון אָט דער בריענדיש, איז ער אַריבער אויף אַ צווייטער באַנק. נאָר אויך דאָ האָט ער קיין מנוחה נישט געהאַט.

ער האָט גענומען טרייבן פון זיך די געדאַנקען, ווי איינער טרייבט פון זיך זלידנע פליגן, זיך געריבן דעם שטערן, געוואָלט טראַכטן פון עפּעס אַנדערש, אָבער רבקה איז אים אַלץ אַרויסגע־שווומען פאַר די אויגן. עפּעס ווי ביי אים אונטערן שטערן וואָלט געווען אַ טייך, אַ גלאַטער, ליידיקער טייך, און רעגינע שווימט זיך דאָרטן אַרום מיטן פּנים אַרויף אַזוי רויק, גלייך גאָר נישט וואָלט געווען... און כאָטש ער זוכט זי אַלע ווײַלע אַראָפּצושטופּן טיף אונטערן וואַסער, דאָרט צום אָפּגרונט... שווימט זי דאָך צוריק אַרויף און טראָגט זיך אַזוי פריי, אַזוי פריי און פרעך פאַר זיינע אויגן...

משה־אבנרן האָבן דאָ געפּייניקט צוויי זאַכן: ער איז דאָך, דאַכט זיך, אַראָפּגעגאַנגען אַרויפצוואַרפן אויף איר די קאָלדרע? ס׳איז דאָך זיין קינד, זיין טאָכטער איז דאָך געלעגן אויפגעדעקט. פאַרוואָס־זשע האָט ער זיך נישט גערירט? פאַרוואָס איז ער אַזוי געלוסטיק געשטאַנען איבער איר נאַקעט לייב? פאַרוואָס?

אָבער פאַרוואָס האָט זי זיך אָפּגעדעקט? זי, אַ מיידל! ז׳איז דאָך געווען אויף! ער האָט דאָך אַליין געזען, אַז זי איז נישט געשלאָפן! און זי האָט דאָך אים אויך געזען... האָט זי זיך גאָרנישט געשעמט פאַר אים, פאַרן טאַטן?

אַ משוגענע אומרו איז אים באַפאַלן, משה־אבנרן. ער האָט געפילט, אַז דאָ איז עפּעס, עפּעס אַזוינס, וואָס ער קאָן נישט באַ־נעמען מיט זיין פּראָסטן קאָפּ. נו, טאַקע, ווער איז שולדיק: ער, צי רבקה? — יאָ, וואָס עפּעס טרעפט ער זי, שוין אַזויפיל מאָל,

שטיין און „גאַפּיען״ צו די „נקבות״ אויפן ראָג? אפשר האָט זי שוין עפּעס צו „טון״ מיט „יענע״ דאָרטן? און אפשר צוליב „דעם״ האָט זי דאָס היינט אַזוי חצופהדיק פאַר אים זיך אַזוי אויפגעפירט?...

אים איז ענג געוואָרן אין האַלז. אַ שרעקלעכער פּחד האָט אים געהאַלטן ביים גאָרגל און אים געשטיקט. וואָס זאָל ער דאָ טון? אפשר דערציילן פאַר רויזען? די מכשפה וועט אָבער באַלד אויף אים שרייען „שיקסע-קריכער״, „קורעווניק״, און ס׳מיידל וועט זיך שוין גאָר מוזן געזעגנען מיט דער שטוב.

און אפשר חברט זי זיך מיט „יענע״, ווייל „יענע״ האָבן שיינע קליידער? אָבער ווו זאָל ער איר נעמען שיינע קליידער? ער פאַרדינט דאָך נישט אַ פּרוטה!

ס׳לעצטע האָט ער אויסגעשריגן הויך, אויפן קול, גלייך ער וואָלט זיך דאָ געאַמפּערט טאַקע מיט איר, מיט רבקהן. ער האָט זיך אָבער געכאַפּט און דערשראָקן זיך אַרומגעקוקט, אויב עמיצער הערט זיך נישט אַמאָל אונטער. באַלד איז ער צוריק פאַרזונקען געוואָרן אין זיינע טראַכטענישן און זיך ווידער געפּייניקט:

— און אפשר איז זי שוין אַלייז אַ.. אַ... „יענע״... זי איז דאָך שוין עטלעכע און צוואַנציק.. יונג בלוט! קיינער קוקט זיך דערויף נישט אום...

משה-אבנר האָט דערפילט, אַז דער קאָפּ ווערט אים צעשפּרונגען. די אומרו איז אין אים אומגעלאָפן פון זיינע צעקודלטע האָר ביז די שפּיץ נעגל פון זיינע פיס. ס׳האָט אים אויפגעשטעלט ביי די אויערן און געטריבן אים הין און צוריק, עפּעס ווי עמיצער וואָלט אים אויפגעהעקלט אויף אַ דראָט און ציט אים דאָס אַזוי און טרייבט דאָס מיט אים אַזאַ בלוטיקן קאַטאָוועס, אַזש פשוט משוגע צו ווערן...

אַרומשפּאַנענדיק הין און צוריק האָט שוין משה אבנר איצט גאָרנישט געזען. בלויז זיין מוח האָט פיבעריש געאַרבעט, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס ראַטעווען, עפּעס וואָס גייט אונטער, שוין,

גלייך! אים איז דורכנעפלויגן אַ געדאַנק: אפשר אַרויסגיין איבער דער מדינה? גייען דאָך אַזויפיל! אפילו אַזעלכע צעלייגערס, ווי ער. מסתמא גיט מע דאָך... אַז נישט, וואָלט מע דאָך נישט געגאַנגען...

„געגאַנגען״, „בעטלען״, — ווי שרעקליך די ווערטער האָבן אים איצטער אויסגעקוקט. ער, משה-אבנר, דער בעסטער בעל-מלאכה, וועט בעטלען. אַרומגיין איבער די גאַסן, ווו, דאַכט זיך, יעדער שטיין פון ברוק קאָן אים, און בעטלען? ניין, נישט משה-אבנר! קיינמאָל נישט! נישט אויף קיין קליידער...

נאָך אָט דעם באַשלוס האָט זיך אים אין מוח אויסגעלייטערט, אָט ווי נאָך אַ פינסטערן שטורם וואָלט פלוצים ליכטיק געוואָרן פאַר אַ מינוט, אָבער נאָר פאַר אַ מינוט, באַלד איז אים ווידער געוואָרן פינסטער. ווידער האָט עס זיך אים גענומען ראָיען אונטערן שטערן, ווי פריער. ווידער איז אים אַרויסגעשווומען רעגינע, איצטער שוין מיט יענער נקבה... יענע נקבה, מיטן גע-קעסטלטן טוך איבער די אַקסלען. און באַלד האָט ער דערזען דעם ראָג מיטן ריזיקן טויער, ווי א מעכטיקער פיסק, וואָס שלינגט איין, און אָט איז די שטוב, ס׳הייזל, און ווידער רעגינע...

די אַלע בילדער האָבן זיך אים אַזוי געדרייט אין קאָפּ, גלייך עמיצער וואָלט אים געוויקלט אַ פילם פאַר די אויגן. פלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פון זיין שפּאַנען זיך, אַריינגעפּאַרן מיט די הענט טיף אין די קודלעס און אַראָפּקוקנדיק צו דער ערד, גלייך ער וואָלט זיך דאָרטן מיט עמיצן געקריגט, האָט ער אויסגעשריגן:

— און אַ טאָכטער אין באָרדעל איז שענער, ווי בעטלען?...

משה-אבנרן איז נאָך דעם געוואָרן לייכטער. ער האָט זיך אויסגעגלייכט. זיינע פּלייצעס זענען ווידער געוואָרן אַזוי פעסט און אַזוי ברייט, ווי פריער. געזונט און גיך האָט ער געשפּאַנט אַרויס פון בית-עולם-טויער.

אים אַקעגן האָבן נעצויגן לויות. טייל אַזעלכע פאַרלאָזענע, אַזעלכע נעבעכדיקע, בלויז צוויי-דריי מיטגייער קלאָגן אַריין אין ארון. עפּעס מאָדנע אומהיימלעך איז אים פון דעם געוואָרן. ווי צו אַנטלויפן פון דער אומהיימלעכקייט, האָט ער זיך גיך פאַרקע- רעוועט אין אַ צווייטער גאַס אַריין.

שלעפּט זיך ער דאָס איצטער, משה-אבנר, אין דער שטיקנדער היץ איבער די הייסע, אָנגעגליטע גאַסן מיט דער נייער „פרנסה" זיינער אין קאָפּ און טראַכט, ווען און ווי אַזוי און פון וועלכער גאַס פריער אָנצוהויבן.

— וואַרט נאָר, וואַרט. ווּעמען זעט ער דאָס דאָרטן? דאָרטן אויפן ראָג! דאַכט זיך, רעגינע?

ער שטרענגט אָן די אויגן, ציט אויס דעם קאָפּ, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט דערזען נישט נאָר מיט די אויגן, נאָר מיט אַלע זיינע חושים.

— ...יאָ, רעגינע... — אַ בליץ איז אים דורך: אפשר שוין, האָ?

ער איז אַריבער די גאַס, געבליבן שטיין אַביסל פון דער- ווייטנס, דערנאָך האָט ער זיך פאָרזיכטיק פאַרשטעקט אין אַ טויער און געוואַרט... נאָר מאָדנע, ווייל ס'האָט אים געטריבן צוצולויפן צו איר, זי אָנכאַפּן ביי די קודלענעס און אַזוי, איבער אַלע גאַסן, ווי אַ היצל אַ הונט, זי שלעפּן אַהיים, איז ער פונדעסט- וועגן געשטאַנען און זיך נישט גערירט פון אָרט.

נאָר אפשר שעמט ער זיך איר צו קוקן אין פּנים אַריין?...

דערווייל האָט זיך די נקבה דאָרטן אומגעקערט אויף איר צוריקמאַרש, געלאָזט זיך גלייך אויף רעגינען און אָט הערט ער, דאַכט זיך, קלאָר, ווי זי שרייט איר, רעגינען, גלייך אין פּרצוף אַריין:

— וויטיש פערד! וואָס קוקסטו מיר נאָך? ביסט מיך מקנא? זאָלסט מיר קומען אויף מיין „פינוסע"...

און רעגינע שטײט װי טאַמיעעט, זעט נישט גאָרנישט. אפילו נישט, אַז ער, דער טאַטע אירער, שטײט און זעט דאָס אַלץ צו...

נאָך לאַנג נאָך רעגינעס אַװעקגײן איז משה־אבנר דאָ גע־שטאַנען. פאַר די אויגן איז אים װידער געװען פינסטער און אַזױ שװער. אָט־אָט, און ס'האַרץ, װי אַ שװער שטיק בלײ, רײסט זיך אים אָפּ און זינקט אײן מיט אים צוזאַמען.

דערנאָך, אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער געגומען גײן. ס'איז אים אַלץ אײנס געװען װוהין. רעגינע איז שױן פון לאַנג געװען פאַרשװוּנדן. אַרום אים, אויף די גאַסן, טומלט זיך. יידן לויפן, האַװען, פּאַקן זיך אין גאַנצע קנוילן, נאָר אים, משה אבנרן, אינטערעסירט דאָס אַלץ נישט.

אַ מידער האָט ער זיך צוגעשלעפּט צום אײזערנעם צוים פון סקװער און זיך אָנגעשפּאַרט. זײן קאָפּ האָט זיך אים געװאַלגערט אויף דער ברוסט, װי בײ אַ פאַרװרטײלטן, װאָס איז שױן טויט נאָך פאַרן טויט...

נאָר אָט הערט ער טריט, דומפּע, לאַנגזאַמע טריט. ביסלעכ־װײז דערנענטערן זיך די טריט. אָט זענען זײ שױן לעבן אים. און דאָ, פּלוצים, אַ מינוט פריער נישט טראַכטנדיק, טוט משה־אבנר אַ שטעל אויס אַ לאַנגע, האַריק־בײנעריקע האַנט, אַזאַ האַרטע, און אַזױ שטיל, אַזױ שלאַבעריק, אַזױ געפּאַלן, װי צו דער ערד אַראָפּ, רעדט ער, משה־אבנר:

— שענקט עפּעס, שענקט !...

ד װיזע איז צוגעקומען צו דער שטוב און געפֿונען די טיר נישט פאַרשלאָסן. איר האָט געטון אַ זעץ אין האַרץ: גנבים! פון שרעק האָט זי צוריקגעכאַפּט די האַנט פון דער קלאַמקע. אַ צום טויט

דערשראָקענע איז זי געשטאַנען מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, ווי אַן איבערגעשראָקענער האָז, און זיך איינגעהערט אין שטוב אַריין.

דערנאָך האָט זי גענומען עפּענען די טיר פּאַוואָליע... און ווייל זי האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, ס׳זאָל זיין וואָס שטילער, האָט די טיר דווקא אַרויסגעסקריפּעט אַזאַ לאַנגן, אַזאַ אויסגעצויגענעם ריטש, אַז ס׳איז איר אַזש אַריבער אַ סקרוך איבער דער פּעסלדיקער פּלייצע.

אַז די טיר איז שוין געווען אָפֿן, האָט זי אַריינגעשיקט דעם קאָפּ אין שטוב אַריין, אים געדרייט אין דער זייט און אין דער זייט, דערנאָך האָט זי אַריינגעשטעלט איין פֿוס, געבליבן שטיין צעשפּרייט איבער דער שוועל, ווי אַ הון, וואָס וויל זיך אַריינכאַפּן אין שטוב נאָך אַ זשאַרנע און שרעקט זיך. אַז זי האָט קיינעם נישט געזען, האָט זי ערשט אַריבערגעשטעלט דעם צווייטן פֿוס און שטיל און מיט האַרץ-קלאַפּעניש זיך צוגעשלעפּט און אויפֿגעפּראַלט די שאַנק און געטאַפּט צווישן די שמאַטעס, טאָמער איז דער גנבֿ באַהאַלטן. אויב נישט אין שאַנק, האָט זיך איר געדאַכט, אַז אונטער די בעטן ליגט מען באַהאַלטן און אָט-אָט שפּרינגט מען אַרויף אויף איר, מ׳פֿאַרשטאָפּט איר ס׳מויל... נאָר שוין, שוין, זי האָט שוין מורא געהאַט מער צו טראַכטן. אַן איינגעקורטשעטע, וועלנדיק איינשרומפּן פֿון די אומגעזעענע שטעקנס, וואָס שלאָגן זי איבער די פּיס, איז זי געשטאַנען און זיך געקניפּט די לויזע באַקן פֿון אייגענעם פּנים. ענדלעך האָט זי צוזאַמענגענומען ס׳גאַנצע ביסל כּוחות און געטון זיך אַ בויג אַראָפּ. צוליבן שווערן לייב האָט זי זיך איבערגעקאָלערט, ווי אַ פּעסל, און געבליבן ליגן לעבן בעט אַן אויסגעשעפּטע, ווי זי וואָלט אָפּגעטון ס׳שווערסטע שטיק אַרבעט.

ליגנדיק אָט דאָ ביים בעט, האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי האַלט נאָך אין פֿאַרשאַרצטן פֿאַרטוך ס׳פּאַפּירענע טאָרבעלע מיטן ביסל קאַשע, ס׳שטיקל באָנע-ברויט, וואָס איז איר אַראָפּגעפֿאַלן פֿאַר איר שטיין אין דער אָטשערעד.

רויזע האָט שווער געסאָפּעט ביים אויפשטעלן זיך פון דער פּאָדלאָגע און סאַפּענדיק האָט זי נישט אויפגעהערט רעדן צו זיך אַליין:

— ווי קאָן דאָס זיין די מויד? ווי האָט זי זיך געקענט אַוועקשלעפּן? אויסגעכאָליעט זיך און זיך אַוועקגעשלעפּט! אי־בערגעלאָזט די שטוב, ווי אַ הקדש, און זיך אַוועקגעשלעפּט אין דר׳ערד אַריין.

זי איז געווען הונגעריק, רויזע, און האָט נישט געוווסט, וואָס זי זאָל דאָ נעמען פריער טון. דאָס ווייב און די מאַמע אין איר, האָבן זיך אויך אויפגעוועקט און איר דערמאָנט, אַז רבקה און משה־אבנר האָבן נאָך אויך היינט אין מויל נישט געהאַט. האָט זי זיך גיך געכאַפּט צו דער קיך. זי האָט שווער געאָטעמט ביים צעבלאָזן ס׳ביסל פייער. די באַקן אירע האָבן זיך אָנגעבלאָזן און אויסגעפילט די ליידיקע הויט־פאַלדן אַזוי רונד, ווי אַ רונדער, אָנגעבלאָזענער פּענכער. ס׳נעזל אירס, ס׳גראָבע נעזל מיט די צווי אַרויפגעשאַרצטע נאָז־לעכער, איז איצט ממש דערטרונקען געוואָרן אינעם אָנגעבלאָזענעם פּרצוף.

אַז ס׳פייער האָט זיך אַביסל צעברענט, האָט זי צוגעשטעלט אַ טעפּל וואַסער. איצטער איז זי געשטאַנען אַ מינוט אין פאַר־לעגנהייט און נישט געוווסט, וואָס זי זאָל פריער מאַכן פונם ביסל קאַשע: „אַוודאי, ווען זי האָט עטלעכע קאַרטאָפל, וואָלט געווען אַ גוט ביסל גריץ. אַוודאי, ווען די מויד פאָלגט איר אינדערפרי און שטעלט זיך אַוועק אין דער קאַרטאָפל־אָטשערע, וואָלט געווען אַראָפּגעפאַלן אַביסל קאַרטאָפל. אַזוי אָבער זאָל ז׳ פרעסן ערד מיט יסורים״.

פונדעסטוועגן האָט רויזע גענומען ס׳טאָרבעלע קאַשע, צע־שיט עס אין צווי טעלער, געמאָסטן, צי די צווי חלקים זענען גלייך. אַלע ווילע איבערגעוואָרפן אַ הויפעלע קאַשע פון איין טעלער אין צווייטן, דערנאָך, אַז זי האָט שוין אינגאַנצן געהאַט צעטיילט און איין טעלער געהאַט אַוועקגעשטעלט, האָט זי ערשט

פונסניי אַ קוק געטון, אויב די צוויי חלקים זענען טאַקע גלייך.

דערווייל האָט זיך פּאַוואָליע געעפנט די טיר און שטילער־הייט, ווי אַ פאַרשולדיקטע, האָט זיך אַריינגעשאַרט רעגינע.

— אַבי דו ביסט שוין דאָ! — האָט די מאַמע מיט אַ פאַר־קרימט פּיסקל איבערן אייגענעם אַקסל, איר אַריבערגעוואָרפן.

רעגינע האָט גאָרנישט געענטפערט. זי איז נאָר צוגעגאַנגען און גענומען פאַרבעטן אַ בעט.

— לאָז שטיין די בעטן! די הענט ליגן נאָך מיר אויך נישט אין קימפעט. כ׳קאָן נאָך אַליין ציוואַרפן אַ בעט און טי מיר נישט קא לאַסקעס.

— כ׳טי דיר נישט קא לאַסקעס.

— וואָס דען, נישט קא לאַסקעס? האָסט דאָך מיר געטון אַ לאַסקע, וואָס ביסט אַהיימגעקומען. וואָס טי איך, ווען קימסט איני־גאַנצן שוין נישט אַהיים?

— וואָלסט געהאַט מער אַביסל גריץ און מער אַ שטיקל ברויט.

— מאַך צי נ׳פּיסק, נפקה! די הערסט?

— און אַז ניש, וואָס עסטו מיר טיען?

— כ׳על דער שוין ווייזן, וואָס כ׳על טיען! גענומען און זיך אַוועקגעשלעפּט און איצטער געקומען גרייט צום פרעס. האָסט עפּעס געטיען? האָסט עפּעס צישטייער געגעבן, „ס׳זאָל זאַן צ׳עסן?

— כ׳האָב דיר דען גערעדט עסן? קאָכסט, עסטו עסן. איך וויל נישט עסן.

— זי וויל נישט עסן! זע נאָר די פּריצה, זי האַלט זיך נאָך דערינטער! אפשר דיך בעטן?

— בעט מיך נישט, ווער וויל דען, זאָלסט מיך בעטן? ווער האָט דען אַן עסק מיט דיר? עסט אָפּקאָכן, עסטו עסן. איך על האָבן, על איך עסן. אַז נישט...

— יאָ, טאַקי, אַז נישט? — האָט די מאַמע געטון אַ שפּרונג

אויף און אַ דריי זיך אויס צו דער טאָכטער, גלייך זי וואָלט נאָר וואָס געקריגן אַ פּלוצלינגן שטאָך אין הינטער־חלק אַריין — יאָ, טאַקע, אַז נישט? וואָס עסטי טיען, אַז נישט?

— על איך נישט עסן — האָט רעגינע רויק, ווי נישט זי מיינט מען, געזאָגט.

— אַזוי?!? אַ גאַנצע יאַ ט ע ב ע ד אַ ם?

רעגינע האָט דערוויל צוריק זיך געפּאָרעט אַרום די בעטן פּאַרדעקט, זיי צוגעגלייכט, אַז זי איז פּאַרטיק געוואָרן, האָט זי גענומען דעם בעזים צוצוקערן. די מאַמע, וואָס איז צוריקגעשטאַנען ביי דער פּליטע, האָט ווידער דערפילט די פריערדיקע רוגזה, האָט זי זיך גענומען גיך־גיך שאַרן און אַזוי הינטערווילעכטס געטון אַ ריס אַרויס דעם בעזים:

— כ'האָב דיך אין דר'ערד! כ'קאָן אַליין אויסקערן.

— קער אַליין.

רעגינע האָט זיך איצטער דערפילט איבעריק. ווי זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט, איז צוגעקומען די מאַמע מיטן בעזים און געקערט פון אונטער אירע פיס אַפער, גלייך זי וואָלט געוואָלט איר אַליין אויסקערן.

אינמיטן דערינען איז אַריינגעקומען משה־אבנר. אָן אַ וואָרט, ווי אַ שטומער, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, און פונקט ווי אַ שטומער, מיט די אויגן דערפילט, אַז דאָ איז עפּעס פאָרגעקומען אַן איבעררייד. ער איז געווען זיכער, אַז וועגן אינדער־פרי... ס'האָט אים דערדורך אַרומגעכאַפּט אַ מאָדנע מורא, עפּעס ווי ער וואָלט געווען אַ קליין יינגל און זי, רויזע, די מאַמע, וועט אים דאָ באַלד נעמען אויפן פאַרהער... ער האָט נישט געוווסט, וואָס ער זאָל דאָ טון. געפילט האָט ער, אַז ער דאַרף עפּעס זאָגן. איז אים אָבער געווען פאַרשטיקט אין האַלז און אַזוי ענג! דער גאַנצער קאָפּ איז אים געווען איבעריק. ער האָט נישט געהאַט, ווו דעם קאָפּ אַהינצוטון. קוקן אין רעגינעס זייט האָט ער מורא געהאַט... ער האָט אָבער אויך נישט געוואַגט

צו קוקן אין דער זייט, ווו רויזע איז געשטאַנען, טאָמער ווייסט זי שוין עפּעס...

רעגינע, ווי זי וואָלט אינסטינקטיוו דערפילט דעם טאַטנס ענגשאַפט, האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פענסטער און געקוקט אין הויף אַריין. און כאָטש זי האָט זיך געפילט שלעכט צו קוקן דעם טאַטן אין פּנים אַריין, איז זי דאָך געווען צופרידן, וואָס ער איז דאָ... פּאָר אַ מינוט האָט זי אפילו געוואָלט אומ־דרייען דעם קאָפּ און זייטיק טון אַ קוק אויפן טאַטן, אָבער זי האָט דאָס נישט געוואַגט. זי האָט אָבער געפילט, אַז דער טאַטע קוקט אויף איר. זי האָט דאָס געפילט, ניין! זי האָט דאָס גע־זען מיט דער פּלייצע און מיט יעדן אבר פון איר יונגן גוף...

רויזען איז עפּעס געוואָרן קשה אָט די שטילקייט אין שטוב. עפּעס אַ נייעס פּאַר איר אַזאַ שווייגעניש. מיט איר ווײַ־בערשן חוש האָט זי דערפילט, אַז דאָ איז עפּעס צווישן טאַטן מיט דער טאָכטער. זי האָט זיך פּאַוואָליע אויסגעדרייט פון דער קיך, געשטאַנען אַ ווײַלע, אונטערהאַלטנדיק מיט דער האַנט די שווערע גאָמבע, ווי זי וואָלט עפּעס נאָכגעטראַכט, דערבײַ האָבן זיך אירע מאַט־גרויע אויגן געגליטשט, דאָ פונם טאַטן אויף דער טאָכטער, און באַלד ווידער צוריק, פון דער טאָכטער אויפן טאַטן, געזען, אַז זי דערגייט גאָרנישט מיט דעם קוקן, האָט זי אָנגע־הויבן אַזוי שטיל, מכלומרשט אומשולדיק:

— זע נאָר ס'אַ שטילקייט, וואָס עפּעס אַזוי שטיל? ווער האָט עס ענק אָנגעדרודלט? זע נאָר, ווי זיי וואָלטן זיך דאָס אָפּ־גערעדט, דער טאַטע מיט דער טאָכטער. משה־אבנר, וואָס איז דאָס עפּעס אַ בית־עולם? וואָס רעדסטו נישט, משה־אבנר?

משה־אבנר איז געזעסן ביי אַ שפּיץ פון טיש, זיך אונטער־געהאַלטן דעם שווערן, צעקודלטן קאָפּ מיט ביידע הענט, געגאַ־פּיעט אויפן אָפּגעבראָכענעם קנעפּל פון זיין וועסטל—וואָס זאָל ער איר דאָ זאָגן? פונדעסטוועגן האָט ס'מויל אַליין, אָנם באַשלוס פון מוח, זיך גענומען פּלאָנטערן:

— וואָס אי דאָ צו רעדן? וואָס זאָל איך רעדן? שטאָ, וואָס צו רעדן.

— ווו ביסטו דאָס געווען?

— געווען, ווו זאָל מע זיין?

— ביסט דאָך ערגיץ געווען? אַז מע גייט אַוועק פֿאַר אַ גאַנצן טאָג, איז מע דאָך ערגעץ.

— נישט געווען אין ערגעץ.

— ס'הייסט נישט געווען אין ערגעץ? אין דער היים ביסטו דאָך נישט געווען, ביסטו דאָך יאָ געווען ערגעץ. מילא, די טאָכטער שלעפּט זיך אַוועק. אָבער ווו ביסטו געווען?

— געווען, וואָס אַ נפקא מינה?

רויזע האָט איצטער שטאַרקער דערפֿילט, אַז דאָ איז עפּעס. אַז ביידע, סיי דער טאַטע, סיי די טאָכטער, ווייסן עפּעס, וואָס זי ווייסט נישט. דערדורך איז ביי איר צוזאַמען מיטן נייגיר אויך געשטיגן די ווייבערשע כיטרעקייט. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אַזוי אַרום וועט זי שוין גאָרנישט דערגיין. איז זי דערפֿאַר גלייך אַריבער אויף:

— עסט עפּעס עסן? שוין פֿאַרטיק די גריץ, משה-אבנר

ווי אַ מעוברתע קאַץ, האָט זי זיך צו אים צוגעקייקלט און אַזוי לאַשטשנדיק, זיס אָנגעהויבן:

— כ'האָב אָפּגעקאָכט אַביסל קאַשע-גריץ, עסט עסן? ס'אי מיר אַראָפּגעפֿאַלן אַביסל קאַשע און אַ באָנע-ברייטל, האָב איך אָפּגעקאָכט אַביסל עסן...

משה אבנר האָט גאָרנישט געענטפֿערט.

רויזע האָט אויך שוין גאָרנישט גערעדט, נאָר גענומען צוטראָגן פֿאַרעדיקע שיסלען גריץ. דערנאָך האָט זי איבערגעשניטן ס'ברויטל אויף צוויי העלפֿטן, איין העלפֿט געלייגט צום טיש, ס'אַנדערע פֿאָרזיכטיק באַהאַלטן אין שענקל, גוט צוגעמאַכט ס'טירל, און דערביי געטראַכט, אַז ס'וואָלט גוט געווען, ווען ס'איז דאַ אַ שלעסל. „ביז מאָרגן קאָן די מויד נאָך אויפפרעסן

ביז אַ קרישקע"... ערשט איצט האָט זי זיך צוגעזעצט און גע-נומען עסן. משה-אבנר האָט שוין אַזוי אַרום אויך גענומען דעם לעפל.

נאָך איידער ער האָט אַראָפּגעשלונגען דעם ערשטן ביס, האָט שוין רויזע צו אים געווונקען. ער זאָל צורופן די טאָכטער עסן. משה-אבנר האָט זיך דאָ דערפילט, ווי אַ מייזל אין אַ קלעם... וואָס זאָל ער טון? רופן זי? אַז ער קאָן נישט אַרויס-ברענגען אפילו איר נאָמען... אַז ער קאָן זיך נישט טרעפן מיט איר בליק... נישט רופן? רויזע פאַרדעכטיקט דאָ עפּעס... אָט אַזוי, צווישן יאָ און נישט, ווען דער מוח האָט זיך געפונען אין פאַרלעגנהייט, האָט דערווייל ס'מויל געטון אַזאַ זאָג:

— ני, ס'שטייסטי דאָרטן? ס'גייסטי נישט עסן?

און באַלד נאָך די ווערטער איז ער עפּעס ווייכער גע-וואָרן, עפּעס מילדער און צוגעגעבן, שוין מיט מער דרייסטקייט:

— רבקה, ס'שטייט דאָך עסן פאַר דיר. ווילסט, די מאַמע זאָל דיך בעטן.

— מ'דאַרף מיך נישט בעטן. ס'עט מיך הונגערן, על איך עסן.

— ס'הונגערט דיך נאָך נישט? האָסט דאָך אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן.

— פונוואַנען ווייסטו דאָס? אפשר האָב איך יאָ געגעסן?

זי האָט זיך שנעל אויסגעדרייט פון פענסטער, געקוקט שאַרף צום טיש און צוגעגעבן:

— אַלץ מיינסטו, ווייסט עץ שוין?...

משה-אבנר האָט דערפילט, ווי זי וואָלט אים געגעבן מיט אַן אייזן איבערן שאַרבן. צעטומלטערהייט האָט ער נאָך עפּעס געשטאַמלט:

— כ'ווייס? ווער זאָגט דען, אַז כ'ווייס? אדרבה, כ'ווייס גאָרנישט...

רויזע האָט בעת דעם איבעררייד, ווי אַ כיטרע ווייב, נישט

אויפגענומען קיין אויג פוןביידן. זי האָט גאַנץ גוט געזען די שפּרינגנדיקע חוצפּה פון דער טאָכטער און די געפּאַלענע שע־מעוודיקייט פונם טאַטן. זי איז צו דעם נישט צוגעוווינט געווען. משה־אבנרס געפּאַלנקייט איז איר עפּעס נישט געפעלן. אין איר איז דערדורך די אומרויקייט כּסדר געשטיגן, פּונקט ווי אין אַ טיגער, וואָס האָט ערגעץ דערשמעקט טויט־געפאַר און ווייסט נאָך נישט ווו... דער כּעס האָט זיך אין איר געקליבן און געסיקעט, ווי אַ זודיקע לאַווע, וואָס ווערט אַלץ מער און מער געהייצט און געטריבן פון אַן אומגעזעען פייער, ערגעץ דאָרטן אין דער טיף... זי האָט נישט געקאָנט מער עסן. עפּעס האָבן איר רבקהס ווערטער אויסגעוויזן אַזוי פאַרשייט, אַזוי חוצפּהדיק. אין דער זעלבער צייט האָט איר משה־אבנרס רויקייט געשראָקן. עפּעס גאָרנישט, ווי אַ טאַטע... עפּעס ווי ער וואָלט איר געווען אַ גליי־כער... זי האָט מער נישט אויסגעהאַלטן און אַרויס מיט אַזאַ שיפּענדיק קול, ווי אַ גאָנער, וואָס בייסט פון רציחה די לופט:

— זע נאַר, ווי ער בעט זיך נאָך ביי איר. זי וויל נישט פרעסן, זאָל זי נישט פרעסן, די שיינע ליאַליע מיינע!

רויזע, די מאַמע, האָט זיך נאָך דאָ געוואָלט קילן פון אינדערפרי. איר האָט נאָך געקלונגען אין די אויערן ס׳וואָרט „מאַלפּע", וואָס די טאָכטער האָט איר געשליידערט אין פּנים אַריין. דערפאַר האָט זי דאָס עקסטרע, וואָס טיפער איר ווײ צו טון, דער טאָכטער צוגעוואָרפן „שיינע ליאַליע מיינע".

רעגינען האָט דאָס געטון אַ ברען, גלייך זי וואָלט דער־פילט אַ גליאיק אייזן איבערן הוילן רוקן. אָט פון דעם גלי איז זי דאָס געטון אַ שפּרונג אויף:

— הייבסט שוין ווידער אָן? הייבסט שוין ווידער אָן, ווי אינדערפרי? פּאַסקודנע מאַלפּע! אַ מערכה דער טאַטע האָט זיך אויף דיר דערבאַרימט, אַ נישט וואָלסטו נאָך געזעסן מיטן ווער־צעלע, פּונקט ווי איך זיץ...

זי האָט דאָס געשליידערט דער מאַמען אין פּנים מיט אַזאַ

כעס, מיט אַזאַ ברען, אַז ס׳האָט זיך געדאַכט, זי וועט פון אָט דעם כעס אויפפלאַצן.

און פונקט ווי די טאָכטער, אַזוי האָט די מאַמע געשיפעט, געשיפעט, ווי אַ שלאַנג, און פונקט ווי אַ רונדע, שווערע שלאַנג, זיך געצויגן און געקייקלט מיטן פעסלדיקן בויך צום פענסטער צו! מיט צעשפּרייטע הענט, גרייט אַריינצוכאַפּן דער טאָכטערס גאָרגל און אים דערשטיקן, האָט זי געהעשעט:

— אַ בראָך נאָך איר! משה-אבנר, הער נאָר דעם פּיסק! הער נאָר די רייד, משה-אבנר! משה-אבנר, וואָס זיצסטו אַזוי! הער נאָר, הער נאָר, כ׳על דאָך איר דעם פּיסק אויסדרייען!

רעגינע איז געשטאַנען גלייך, שאַרף געקוקט אויף דער מאַמען, ביי וועמען עס האָט געשלאָגן אַ גרינלעכע שוים פון מויל. ס׳רויטע, אָנגעבלאָזענע פּנים מיטן ווערצעלע אויף דער גאָמבע און שוואַרץ און גרוי צעפּאַטלטע האָר, האָבן איר גע-מאַכט אויסזען, ווי אַן אמתע מכשפה. קוקנדיק איצט אויף דער מאַמען, האָט רעגינע געזען זיך אַליין, אָט אַזאַ העסלעכע. די פאַרביטערטקייט און האַס צו דער מאַמען האָט איצט ביי איר געוואָקסן נאָך שטאַרקער. זי האָט די מאַמע געוואָרנט:

— בעסער קום נישט אַהער! פאַסקודנע מכשפה, כ׳על דיר די קודלעס אויסרייסן! שטיי בעסער דאָרטן, געדענק!

רויזע איז געבליבן שטיין צעמישט. די אויגן זענען איר געווען פאַרלאָפן, רויט, די הענט אויסגעשטרעקט ווילד, אַ ווײַלע איז זי געווען שטיל. דערנאָך האָט זי געטון אַ קוויטש און אַ באַץ אַנידער אויף דער פּאָדלאָגע, ווי אַן אונטערגעהאַקטער קלאָץ.

משה-אבנר האָט זיך דאָ אויפגעכאַפּט. ווי ער וואָלט ביז איצט געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן, אין אַ פחדימדיקן שלאָף, מיט דער גאַנצער, ברייטער הויכקייט זיינער, האָט ער זיך אויפ-געשטעלט פון טיש. און פונקט ווי זיין קערפּער איז איצט געווען ריזיק, הויך און ברייט, אַזוי זענען זיינע אויגן געווען קינדיש,

הילפלאָז און פאַרלוירן. און קוקנדיק אַזוי הילפלאָז, אַזוי פאַר־לוירן אויף רעגינען, האָט ער זיך צוגעשלעפּט צו רויזען, זי אויפגעהויבן ביי די אָרעמס, און ווי מ׳שלעפּט אַ געהלשטן, אַ שווערן מענטשן, האָט ער זי צוגעשלעפּט און אַרויפגעלייגט אויפן בעט.

ס׳איז געווען שטיל. רעגינע איז געשטאַנען מיט דער פּליי־צע צום פענסטער. אויפן טיש זענען געשטאַנען טעלערס עסן. אַ האַלב ברייטל איז געלעגן פאַרלאָזן. אויפן ראַנד פון בעט לעבן רויזען איז געזעסן משה־אבנר אַ צעטומלטער, נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל דאָ זאָגן.

נאָר דאָ האָט רויזע פּלוצים אונטערגעהויבן דעם צעפּאַטלטן קאָפּ, אונטערגעהויבן אַזוי שווער, ווי זי וואָלט נאָר וואָס פון טויט לעבעדיק געוואָרן און מיט אַזאַ פאַרווייִנט, אַזאַ צעקרימט פּנים, קוקנדיק אַרויף צו משה־אבנרן. האָט זי אַזוי שטיל, מיט אַזאַ געבעט אין קול צו אים געטענהט:

— האָסט געהערט? האָסט כאָטש געהערט? פאַר מאַן האָ־האָרעוואַניע. געטראָגן עס אינטערן האַרץ. אויפגעכאָוועט אַזאַ מויד...

— כ׳האָב דעך דען געבעטן, זאָלסט מעך האָבן?

— און די, דער טאַטע, שווייגסט, זאָגסט נישט אַ וואָרט־ז׳עט מיר נאָך די האָר אָפּראַסן. עסט זעען, עסט ז ע ע ן!

משה־אבנר האָט זיך אין דער שטיל צוגעהערט צום מענה־לשון פוןביידן, די מאַמע מיט דער טאָכטער, ווי איינע הערט נישט די צווייטע, נאָר יעדע רעדט און טענהט פאַר זיך:

— כ׳האָב דעך דען געבעטן, זאָלסט מעך האָבן? האָסט דען מעך געפרעגט? האָסט דאָך געטיען, ווי דיר איז גיט געווען... הלוואַי, וואָלסטי מעך געווען באַגראָבן קליינערהייט, וואָלט מיר ווייניקער געווען...

די לעצטע ווערטער האָט רעגינע אַרויסגערעדט מיט אַזוי

פיל האַרץ, אַז ביידע, דער טאַטע און די מאַמע, האָבן זיר פאַר-שעמט און דערפילט זיך שולדיק...

רויזע האָט אפילו אין האַרץ איר אַלץ פאַרגעבן. פאַר אַ מינוט האָט זי אפילו געטראַכט, אַז טאַקע, „אַ מיידל געראָט אַריין אין איר... קיינער קוקט זיך אויף איר נישט אום". באַלד האָט זי אָבער גענומען אויף צוריק: „און אפילו? אָט איז זי דאָך אויך אַזוי. האָט זי אַזוי גערעדט צו איר מאַמען"? זי האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט, אַז איר מאַמע איז נישט געווען אַזוי. אַז זי געראָט נישט אַריין אין קיינעם און רבקה געראָט טאַקע אַריין אין איר... טאַקע אפילו מיטן ווערצעלע אויף דער גאָמבע... און ווי זי וואָלט דאָס אַלץ געטראַכט אין דער הויך, האָט זי צוּ-געלייגט:

— ני, רעדט מען אַזוי צי אַ מאַמען? אַ קורווע רעדט דאָך נישט אַזוי צי אַ מאַמען!

— אַ קורווע איז ווילער, ווי מיר!

משה-אבנר האָט שוין דאָ נישט אויסגעהאַלטן. מיט זיין ברייטער האַנט האָט ער אַ זעץ געטון איבער דער אייגענער קני און, ווי אַ ווילד-געוואָרענער, געשריגן:

— שטיל זאָל זיין, זאָג איך! שוויג דאָרטן, דו!... דו הערסט? און דו,—האָט ער זיך געווענדעט צו רויזען-און דו מאַך אויך צו ס'מויל, אַז נישט וועל איך עס דיר פאַרמאַכן.

אין שטוב איז געוואָרן טונקל. דערנאָך פינסטער. פינסטער און שטיל. רעגינע האָט איצטער, שטייענדיק ביים פענסטער, אויסגעזען, ווי אַ שאָטן. משה-אבנר איז געזעסן אויפן ראַנד בעט און אין מוח האָט זיך אים געדרייט, ווי אין אַ מיל.

רויזע האָט דערזען ס'איז פינסטער, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז ס'איז נישטאָ מיט וואָס ס'לעמפל אָנצוצינדן. זי איז אויפגעשטאַנען פויל, אויסגעזוכט ס'נאַפט-פלעשל און שטילערהייט זיך אַרויסגעשלייכט פון שטוב.

משה-אבנר איז געווען צופרידן, וואָס ס'איז איצטער פינסטער

און רעגינע זעט אים נישט און ער זעט נישט אירע אויגן. אָבער מאָדנע, ער איז דאָך געווען צופרידן, וואָס זי איז דאָ. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז ער צופרידן, ווייל ער וויל מיט איר עפּעס רעדן... ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז ער האָט אַ נייע פּרנסה... אַז איר וועט שוין איצט גאָר נישט פעלן, אפילו נישט קיין קליידער. ער וועט שוין זען, איר זאָל גאָר נישט פעלן... ער האָט אָבער נישט געוווסט, ווי אַזוי איר דאָס אַלץ צו זאָגן, פון וואָס אָנצוהויבן.

נאָר דאָ האָט גאָר רעגינע, פון דער פינסטערניש, ווי פון אַ גרוב אַרויס, אַרויסגערופן:

— טאַטע?

משה-אבנר האָט אַ צאַפּל געטון. ער האָט דערפילט, אַז זי גייט אים עפּעס זאָגן און דאָס זאָגן וועט זיין וועגן אינדערפרי... ער האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם און געשוויגן.

באַלד האָט זי ווידער, נאָר שוין דרייסטער, אָנגעהויבן:

— טאַטע! טאַטע, איך ווייס... איך האָב געזען...

משה-אבנרן האָט אַרומגעכאַפּט אַ היץ. ער האָט דערפילט, אַז ס'פּנים פלאַמט אים. אַז די היץ ווערגט אים, ער ווערט ממש דערשטיקט. „יאָ, זי איז געווען אויף... זי האָט אים געזען, וואָס זאָל ער איר ענטפערן"?

— איך האָב געזען, טאַטע! איך האָב געזען, אַ יונגערמאַן האָט דיר געגעבן אַ נדבה. פאַרוואָס האָסטו דאָס געטון, טאַטע?

משה-אבנרן איז לייכטער געוואָרן. גלייך די היץ וואָלט מיטאַמאָל פון אים אָפּגעטרעטן. דורך זיין מוח איז דורכגעפלויגן אַ ליכטיקער געדאַנק, ווי אַ בליץ: „און אפשר איז זי געשלאָפן?"

— פאַרוואָס האָסטו דאָס געטון, טאַטע? טוסטו דאָס אַלע מאָל?...

— פאַר דיר האָב איך עס געטון. איך וועל עס ווייטער טון. פאַר דיר, נאָר פאַר דיר וועל אידעס טון.

— פאַר מיר? פאַר מיר, טאַטע, האָסטו נישט באַדאַרפט דאָס טון...

משה־אבנר האָט זיך דערפילט האָפּערדיקער, דער פאָטער אין אים האָט דערוואַכט. ער האָט צוגערופן רעגינען צו זיך.

רעגינע איז אַ ווײַלע געשטאַנען, זיך צוגעהערט, ווי דער פאָטער רופט זי דאָרטן פון דער פינסטער אַרויס, און זיך נישט גערירט פון אָרט.

— רבקה! איך רוף דאָך דיך, רבקה!

זי איז צוגעגאַנגען פּאַמעלעך. געבליבן שטיין נאָענט, אַזוי נאָענט, אַז אירע קני האָבן אָנגערירט זײַנע. ער האָט איר אָנגענומען פאַר אַ האַנט, אַרײַנגעקוקט דורך דער שטובי־קער פינסטערניש, אין אירע אויגן אַרײַן און מיט אַזאַ געבראָכן קול זיך געבעטן בײַ איר:

— רבקה, דו הערסט, דו, דו ביסט מײַן קינד... זאָלסט מיר אַלץ זאָגן... זאָלסט מיר זאָגן, רבקה!

רעגינע האָט עפּעס געהאַט אַ מאָדנע אָנגענעם געפיל פונם טאַטנס בעטן זיך בײַ איר, אַ געפיל, וואָס פרויען האָבן שטענדיק, ווען אַ מאַן פאַלט מיט תחנונים צו זייערע פיס...

— וואָס. . וואָס זאָל איך דיר זאָגן?

דערבײַ האָט זי גוט געדענקט דעם אינדערפרי... איר האָט זיך געדאַכט, אַז דער טאַטע גייט איר דאָ טאַקע פרעגן, פאַרוואָס זי איז געלעגן אָפּגעדעקט און אים געזען און זיך נישט צו־געדעקט...

צום ערשט האָט זי געטראַכט צו זאָגן, אַז זי ווייסט גאָר נישט, אַז זי איז געשלאָפן. באַלד אָבער האָט זי צוריקגעדרייט: פאַרוואָס האָט ער זי נישט צוגעדעקט? ער, דער טאַטע, איז אַזוי געשטאַנען און געקוקט... און זי האָט טאַקע אָפּגעמאַכט, שאַרף און טראָציק אָפּגעמאַכט, אים צו ענטפערן, אַז „יאָ, וואָס אי? זי האָט געוואָלט! ס׳איז איר גוט געווען אַזוי צו ליגן“.

— וואָס טוסטו, רבקה, דאָרטן אויפן הויף פון ראָג... וואָס

טוסטו דאָרטן, האַ, רבקה? און וואָס ביסטו היינט געשטאַנען אויף דער גאַס און זיך אַזוי געגאַפּיעט... און יענע נקבה, וואָס האָט דיך אַוועקגעטריבן, ווער איז זי געווען? וואָס שווייגסטו, זאָלסט מיר שוין זאָגן. זאָלסט מיר שוין אַלץ דערציילן. מיר! הערסט? מיר! איך בין דיין טאַטע! איך בין...

רעגינען איז איצטער נאָך אַמאָל צעשטערט געוואָרן אַ זי־סער חלום. זי איז געווען זיכער, ער וועט מיט איר רעדן וועגן אינדערפרי. „אַזוי, דאָס גאָר"? זי איז געווען אַנטוישט.

— איך טו דאָרטן? גאָרנישט. מיינס אַ חברטאָרין...

— דיינס אַ חברטאָרין? ווער איז דיינס אַ חברטאָרין? יוו, ווו איז דיין חברטאָרין דאָרטן? דאָרטן אין הויף? ווי קומ־סטו דאָרטן אַהין, רבקה? רבקה! דו ביסט דאָך אַן ערלעך מיידל. דאָרטן איז דאָך אַ... רבקה, וואָס טוט זיך מיט דיר?...

— וואָס שרייסטו אַזוי? זי איז אַזוי גוט אַ מיידל ווי איך, נאָר איר איז ווילער, ווי מיר.

משה־אבנרן האָט אַרומגעכאַפּט אַ פּחד, אַ פּחד, וואָס קומט פון הילפלאָזיקייט. ער פילט, ער וואָלט זי באַדאַרפט דערהרגע־נען דאָ אויפן אָרט און ער זיצט גאָר און קאָן זיך נישט רירן. אָט די הילפלאָזיקייט האָט דאָס איצטער פון אים אַרויסגעשריגן:

— וואָס איז מיט דיר געוואָרן! געוואַלט, רבקה, וואָס טוט זיך מיט דיר! איך פאַרשטיי דיך נישט... און היינט... היינט אינדערפרי!... וואָס איז עס געווען מיט דיר? ביסט דאָך געלעגן אויף!...

רעגינע האָט אינם טאַטנס שרייען געפילט זיין גאַנצע הילפלאָזיקייט און עס האָט איר דאָפּלט הנאה געטון, אי די־הילפלאָזיקייט פונם שטאַרקן טאַטן, אי זיין רעדן וועגן אינדערי־פרי... זי האָט געוואָלט, דער טאַטע זאָל נאָך ווייטער רעדן, האָט זי אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך, ווי דערמאָנענדיק זיך!

— וואָס מיינסטו, טאַטע?

— דו ווייסט, וואָס איך מיין! ביסט געלעגן אויף! האָסט זיך נישט צוגעדעקט!...

ביי רעגינען האָט זיך עפּעס פאַרהאַקט אין האַלז. זי האָט גאָרנישט געקאָנט ענטפערן, ווי געבליבן אָן לשון. עפּעס האָט זי זיך דערפילט שווער, ווי אַ קלאָץ און ווי אַן אונטערגעהאַקטער קלאָץ איז זי אַראָפּגעפאַלן מיטן קאָפּ אויף זיינע קני, אים אַרומגעקלאַמערט די פיס און אים געקושט...

משה-אבנר האָט זיך דערפון פאַרלוירן, געבליבן שטום פאַר אַ ווײַלע, דערנאָך האָט אין אים אויפגעטייעט עפּעס אַזאַ מאָדנע געפיל, דאַכט זיך, פון גאָרנישט... אָט ווי עס טייעט אויף אַ קליין ווערמל, דאַכט זיך, פון גאָרנישט. נאָר ביסלעכווייז האָט עס זיך אין אים צעפלאַקערט און אים אַרומגעכאַפּט, ווי אַ פלאַם... און טאַקע דער פלאַם האָט דאָס אַרומגעכאַפּט איר האַלז, און שוין, פון זיך אַליין, האָט ער אונטערגעהויבן איר קאָפּ. גע-געקושט ס'פּנים, דערנאָך אויף די ליפּן, אַזוי לאַנג, אַזוי מאָדנע לאַנג ..

ס'האָט זיך געעפנט די טיר. רויזע איז אַריינגעקומען. שטילערהייט האָט זיך רעגינע אָפּגערוקט פונם טאַטנס קני. זי האָט איינגעגנורעט דעם קאָפּ אין בעט.

משה-אבנרן האָט געפלאַמט ס'פּנים. ער האָט מורא גע-האַט, ס'וועט ליכטיק ווערן און רויזע וועט דאָ עפּעס דערקאָנען. שטילערהייט האָט ער זיך געבעטן:

— רויזע, וואָס גייסטי טוען? מ'דאַרף נישט קאַ לאָמפּ. ציגד נישט אָן קאַ לאָמפּ... אַ שאָד נאַפט...

— פאַרוואָס נישט קיין לאָמפּ? וואָס עפּעס אין דער פינסטער?...

די נאַכט איז רעגינע לאַנג, לאַנג געלעגן און נישט געקאָ[...] איינשלאָפן. זי איז געווען וואַך און זיך גוט איינגעהערט או[...] געוווסט, אַז אויך דער טאַטע שלאָפט נישט. און איר איז ע[...] ווען גוט אַזוי צו ליגן און וויסן, אַז אויך דער טאַטע איז אוי[ף]. אין דמיון איז איר פאַרבייגעפלויגן פּנלע, אָט יענע חברטאָרין אירע, וועמען דער טאַטע האָט דאָס היינט גערופן „נקבה". זי האָט זי געזען ליגן מיט כילעקן דעם קאָכאַנעק א רן... נאָר אָט האָט זיך גאָר כילעק געטון אַ שטעל אויף, געגעבן איר, פּע לען, אַ זעץ אין פּנים אַריין און קומט צו גלייך צו איר... אָט שטייט ער מיט די גנבהשע אויגן אונטערן גלאַנציקן דאַשעק און ווינקט צו איר. זי מאַכט צו די אויגן, קוקט אים אָן שטאַרקער, ווי מאָדנע, ס'פּנים ווערט אים גאָר גרעסער, דער שטערן — פלאַכער, אָט איז גאָר ביי אים די נאָז אַ פּלאַטשיקע... די אויגן קלענער און שאַרפער, און די פּלייצע ווערט ביי אים גאָר ברייטער. און אָט-אָט וואַקסט ער גאָר אויס אונטער אירע אויגן העכער, און שוין, אָט שטייט גאָר דער טאַטע... שטייט און קוקט אויף איר, פונקט ווי אינדערפרי...

רעגינען איז געוואָרן הייס. אַלץ אונטער איר האָט געברענט, גלייך זי וואָלט געלעגן אין קאָכעדיקן בליי. די ברוסטוואָרצלען האָבן איר געשטאָכן, ווי מיט נאָדלען. אַ ציטער איז איר אַריבער איבערן גאַנצן לייב. זי האָט זיך געוואָרפן, ווי אַן איבערגעשניטענער שלאַנג. פון ווייטאָג האָט זי אירע שאַרפע נעגל איינגעשניטן אין איר הייסן לייב. פלוצים און מיט רוגזה האָט זי געטון אַ קאָפּ אַראָפּ פון זיך דעם צודעק, פאַרריסן ס'העמד ביזן האַלז און געבליבן ליגן הויל, ווי אַן עופעלע, וואָס איז נאָר-וואָס געפאַלן אויף דער וועלט...

משה-אבנר האָט באַנומען די אומרויקייט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון רעגינעס געלעגער. ער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, נישט געוואָלט זי זאָל הערן, אַז ער איז אויף.

ער האָט אָבער נישט געקאָנט שוין איינליגן. רעגינעס נאָקעט לייב האָט געברענט זיינע אויגן דורך דער פינסטער. ער האָט מורא געהאַט, ס׳זאָל נישט ווערן נאָך אַמאָל, ווי אינדערפרי. דערדורך האָט ער גאָרנישט געטראַכט, איז שטיל און גיך אַראָפּ פון בעט, פּאַוואָליע זיך דערנענטערט צו דער שלאָף־באַנק, אויפגעהויבן די קאָלדרע און געוואָלט אויף איר אַרויפוואַרפן... רעגינע האָט אָבער נאָך גיכער אַ וואָרף אַרום געטון אירע נאָקעטע אָרעמס אַרום זיין האַלז, אים צוגעצויגן צו אירע ברוסטן און געדריקט אים אַזוי שטאַרק און אים געקושט אַזוי לאַנג און אַזוי אומגעוויינלעך הייס...

משה־אבנר האָט זיך נישט געוועהרט. ער איז געווען באַהערשט. ער האָט נאָר געפילט, ווי די צוויי ווייסע שלאַנגען וויקלען זיך אַרום זיין האַלז און ווערגן אים, ווערגן ביז צום דערשטיקט ווערן. ער האָט זיך נאָכגעגעבן. און אַראָפּגעפאַלענער, מיט זיין גאַנצער מאַסיוקייט, איז ער געבליבן איינגעזונקען אין איר הוילן לייב, און זי האָט אים געטוליעט צו זיך, ווי אַ מאַמע טוליעט אַ קראַנק, מיד קינד.

ביי משה־אבנר׳ן אין מוח האָט זיך עפּעס איבערגעקערט. גלייך אַ טירעלע אונטערן שטערן וואָלט זיך אים פּלוצים פאַרהאַקט... ער ווייסט נישט איצט פון קיין צייט. כאָטש ס׳איז שוין אַוועק אַ צייט פון זינט „יענער" נאַכט, דאַכט זיך אים נאָך אַלץ, אַז דאָס איז נאָר־וואָס געווען... און ער פילט כסדר די „צוויי ווייסע שלאַנגען" אַרום זיין האַלז. און זיי ווערגן אים... אָט־אָט, און ער ווערט דערשטיקט.

פון דער שטוב איז געוואָרן אַ תל. רויזע האָט זיך ערגעץ

אַװעקגעשלעפּט. נישט ער װײסט, װוּ און נישט ער װײסט גאָר צוּ װיסן...

גאַנצע טעג קריכט ער אַרום איבער די טומלדיקע גאַסן, דעם ריזיקן אָקסן-קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צוּ דער ערד, אַזוי טיף, אַז די מעכטיקע מאָרדע ליגט אים כּסדר אויפן אויבערשטן אָפּגע-בראָכענעם קנעפּל פוּן זײן װעסטל, גלײך זי װאָלט שוין דאָרטן צוגעװאַקסן געװען. מיט דער ברײטער ניגערישער נאָז זשמורעט ער און שמעקט, װי ער װאָלט מיט איר, מיט דער נאָז, געװאָלט דערשפּירן דאָס, װאָס דער מוח האָט נישט געקאָנט דערגײן...

אַזוי שלעפּט ער זיך אַן אײנגעבױגענער אונטער אַ משא איבער זײנע כּוחות. פוּן צײט צוּ צײט גײט ער פאַרבײ ס'הױז, װוּ ער האָט געװױנט, גיט אַ שמעק אַרײן, פּונקט װי אַ בלוּט-הונט טוּט אַ שמעק צוּ עפּעס פאַסקודנעס און ציט באַלד אָפּ, אַזוי אַנטלױפט משה-אבנר פוּן דאָרט...

אויף אַ ראָג פוּן אַ זײטיק געסל, לעבן דער הױפּט-גאַס, האָט זיך לעצטנס באַװיזן אַ „נײ מײדל". זי איז קורץ און דיק װי אַ פּיען. אויף אירע פּלײצעס איז איר אַזוי לײכט פאַרװאָרפן אַ געלער, שרײענדיקער טוּך מיט גרױסע, שװאַרצע קראַטן. אויף איר הױכן בוּזעם זיצט זיך אַזאַ גרױסע בראָש, אַ בראָש, װי אַ גרינע גריל, מיט פלאַמיק-רױטע אײגעלעך. איר קאָפּ איז נאַס פאַרקעמט. מיט אַזאַ פאַרשװירן גזשיבקעלע, אַזאַ גלאַנציק גזשיב-קעלע, װי אַ פױערהענגעלע איבער דער גאַנצער אויבערשטער העלפט פוּנם נידעריקן שטערן.

אויף די באַקן, לעבן אירע אויערן, קלעבן איר צװײ נאַסע פּאהלעך פאַרװיקלט, װי צװײ פראַגע-צײכנס. איר פּנים איז רױט

און שרייענדיק פון פאַרב. און אונטן, אויף דער גאָמבע, אָט פונקט דאָרטן אויפן ווערצעלע, קלעבט איר אַזאַ שוואַרץ, אַזאַ חנעוודיק פלעסטערל, וואָס שרייט אַרויס פון דער אַרומיקער רויטקייט, ווי אַ שיואַרץ, רופנדיק אויג...

און אַזוי גייענדיק אויף און אָפּ, האַלט זי אירע הענט אָנגעשפּאַרט אויף די באָקעס, צעגומען די עלנבויגנס, צעשפּרייטנדיק ס'טוך, ווי אַ זעגל, אַ געלער, שוואַרץ-געקעסטלטער זעגל אויף אַ קליינער, שוואַר-באַלאָדענער שיף... דערביי האַלט זי איר קאָפּ אַזוי זייטיק, אַזוי גנביש און שמייכלט מיט אַ פול מויל תאווהדיקע ציין, און ווינקט מיט די אונטערגעפּאַרבטע אויגן יעדן מאַנסביל אין פנים אַריין:

— גייען מיר? אָט דאָ באַלד...

אָט דאָ אַהער, אויף דעם ראָג, קומט אַמאָל משה-אבנר אָן צו קריכן אַזוי שטיל אַזוי „לאָמיך-געמאַכטיק" און זייערע אויגן באַגעגענען זיך... משה-אבנרס שטילע, רחמנותדיקע, ווי ביי אַ געשאָכטן קאַלב, אָפענע אויגן, מיט רעגינעס חוצפהדיק-רופנדיקע אויגן... לאָזט משה-אבנר אַראָפּ דעם קאָפּ נאָך טיפער און נעמט גיין גיך-גיך, ווי ער וואָלט וועלן וואָס גיכער אַוועק אויך פונדאַנען...

און זי, רעגינע, עפּעס ווערט זי דאַן קלענער איינגעשרומפּן, ס'טוך, דער זעגל אירער, פאַלט איין... און זי גייט אים אַזוי שולדיק נאָך און רעדט צו אים: „טאַטע, טאַטע... ווי דו זעסט אויס..." און ער, משה-אבנר, אויסגעשטרעקט זיינע שלאַבעריק-געוואָרענע אָרעמס אויף הינטן, ווי ער וואָלט איר וועלן אַוועקהאַלטן און זיך שיצן פון די ווייסע שלאַנגען, וואָס לויערן ווידער איבער זיין איינגעבויגענעם, זיין איינגעפאַלענעם האַלז...

נאָטע

פּונקט ווי אַ גנבֿ שטילינקערהייט, עפנט פּאַוואָליע די טיר, גנבֿעט זיך אַריין אין שטוב און ליידיקט דאָרטן אַלץ אויס. אַזוי האָט זיך די נויט, די חושכדיקע נויט אַריינגעגנבֿעט צו נאָטען אין שטוב און גענאָגט, גענאָגט און פֿאַרצערט אַלץ, וואָס איז דאָרטן געווען.

ווען די האַרטע נויט האָט מיט איר שוואַרץ, פֿינסטער אויג אַריינגעבליקט צו נאָטען אין שטוב, איז נאָך דאָרטן געווען פֿול אין יעדן ווינקעלע.

אויבנאָן ביים פֿענסטער זענען נאָך געשטאַנען פֿיר מאַשינען מיט גלאַנציקע פּנימער, מיט געזונטע, פֿרישע ציין, גרייט נאָך איינצושלינגען יעדעס רונדיק שטיקעלע שטאָף און איבערקאָכן אין זיך אַזעלכע פֿיינע היטעלעך, וואָס באַשיינען יום-טובֿדיק גרויס און קליין. אמת, זינט מען האָט זייערע רעדלעך נישט איבערגעדרייט. האָט זיך אַ היפּש ביסל שטויב אויף זיי אָנגעקליבן. אָבער נישקשה. אדרבה, זאָל מען נאָר אַ פּרוּוו טון: ר־ר־ר־ר־ר וועלן זיי דאָס אַ לויף טון, אַז די הענט, נאָטעס געשיקטע הענט, וועלן זיי נישט אָניאָגן.

און אויבן, לענג־אויס דער בלינדער וואַנט, זענען נאָך געשטאַנען די צוויי בעטן מיט קעפּשטיק, איינס ס'צווייטע זיך אונטערגעשפּאַרט, אַז די געטאָקטע, גלאַנציקע גאַלקעס און וואַלן זאָלן נישט פֿאַרחלשן, נישט אַרונטערפֿאַלן.

צוגעבעט, צניעותדיק פֿאַרדעקט די נאַכטיקע ווייסקייט, זענען די צוויי בעטן געשטאַנען אין זייער גאַנצער גרויסער שטאָלצקייט,

וואָס אין זיי לעשט זיך לעבן אויס און מיטן קומען פון טאָג צינדט עס זיך צוריק אָן. מיט זייער טיף־סודותדיקער פאַרשלאָפנקייט האָבן זיי זיך איצטער געשטרעקט אין דער לענג, ווי זיי וואָלטן אַלעם אַרום געמאַכט פילן, אַז נאָר זיי זענען דאָס די מיוחסים אין שטוב...

אָבער אויך דער קופערט אין ווינקל האָט דערמאָנט, אַז ער איז דאָ; אַז אין זיין בייכיקן אינוויינִיק איז אַלץ באַהאַלטן. ווי ער וואָלט די בעטן געמאַכט פילן, אַז אפילו צו פאַרדעקן זייער נאַכטיקע ברודיקייט, מוז מען אָנקומען צו אים, און ער, בלויז אויס ?וטסקייט, גיט פון זיך אַרויס די ווייסע פיין־געשטריקטע דעקעס. און אפילו די אוירינג, איר, שרהס אוירינג, און נאָטעס גאָלדענעם זייגער פלעגט מען נאָר אים, דעם קופערט, אָנטרויען. אמת, שוין גאַנץ לאַנג, ווי ?יינע גרינע אויגן האָבן דעם בליאַסק, נישט פון שרהס אוירינג און נישט פון נאָטעס זייגער, געזען. אָבער נישקשה, זיין בויך פאַלט נאָך נישט איין, ער איז נאָך גאַנץ היפשלעך פול... אָט־אָ דער גרינער, האַלב־רונדיקער בויך זיינער האָט זיך איצטער געהויבן, געבלאָזן, ווי ער וואָלט וועלן די אייזערנע רייפן אַרום אים זאָלן פּלאַצן און זאָלן די בעטן זען, אַז כאָטש מען האָט זיך שוין צו אים גענומען... איז נאָך דאָרטן אין אים נישט ליידיק...

אויך די שאַנק אַקעגנאיבער, ווענענס קאָפּשטיק האָט גלייך געזאָגט, אַז דאָס איז אַ ברודער, אַ גרעסערער ברודער צו די צווי בעטן, איז נאָך געשטאַנען געשטרעקט אין דער גאַנצער הויך, מיט גדלות געקוקט אַרום, פאַרמאַכט, פאַרשלאָסן אין זיך, וואָס מען האָט אים אָנגעטרויט, און ווי געטרייסט די ווענט, די גרין־גרויע ווענט, אַז נאָך נישט אַלץ איז פאַרלוירן, עס וועט נאָך זיין צוריק, ווי געוועזן...

נאָר די נויט, די חושכדיקע נויט האָט אין ווינקל ביי דער טיר געדוט. זי האָט געוווּסט, אַז מען וועט זי שוין פון דאַנען נישט אַרויסטרייבן. אַז זי וועט שוין פון דאַנען נישט אַוועק, סיידן אַלץ וועט זיין פאַרצוקט, אויסגעזאָגט און צעשטערט. זי האָט נאָר

איצט פון איר פינסטערן ווינקעלע, ווי אַ פאַרצוקנדע חיה אין גע־דיכטן וואַלד, געלויערט, אַז איר שפּרונג זאָל זיין נעגלדיק, שטאַרק זי האָט זיך געשלייכט, ווי איר שוועסטער — די פעסט — זיך גע־שלייכט און זיך באַזעצט אויבן־אָן ביים פענסטער אויף די מאַ־שינען.

— אַזוי, פונדאַנען וועט זיין בעסער, געזיכערטער, — האָט זי אָפּגעמאַכט, — פאַרשטעלן ס'פענסטער און אונטערשניידן די וואָרצלען...

ווין אַ היבשע צייט, ווי נאָטע גייט אַרום און רעדט נישט אַרויס אַ וואָרט. ווי ס'לשון וואָלט פלוצים ביי אים אָפּגענומען. וואָס זי, שרה זיינע, זאָל אים נישט פרעגן אָדער זאָגן — נאָר ער שווייגט. גייט אַרום איינגעבויגן, ווי ער וואָלט פלוצים עלטער גע־וואָרן, ווי עמיצער וואָלט מיטאַמאָל אים אַ פּאַק פון נאָך צוואַנ־ציק יאָרן אויף זיינעביינעריקע פלייצעס אַרויפגעוואָרפן. מ'זעט ממש, ווי ער שרומפט איין, ווי אַן אויסגעטריקנטע שוואָם.

מער נישט, אַז ס'ווערט אים מיאוס די שטוב, גייט ער פּאַ־וואָליע אַראָפּ, קריכט דורך דעם גרויסן ליידיקן הויף, שלעפּט זיך אַרום אין גאַס, גלייך עפּעס אַ נישט דאָ־איקער. און אַז ס'דער־טראָגן זיך צו זיינע אויערן די גערעדערייען פון די חושכדיקע מענטשן אַרום, כאַפּט ער זיי אויף, אָבער זיין מוח קאָן דאָך נישט באַגרייפן, ווי ס'ווערט זיי, די מענטשן, נישט מיאוס שטענדיק, יעדן טאָג, די אייגענע גערעדערייען:

— ווי האַלט דער דייטש? גוט דערלאַנגט די קאַצאַפּעס? ער מוז געווינען, דער דייטש! — נישקשה, יעקע קאָן די מלאכה. אָבער ווי לאַנג וועט דאָס נאָך אָנהאַלטן?

פאַרשטענדלעכער איז אים, נאָטען, שוין יענער ייד, וואָס אינמיטן דער גאַנצער פּאָליטיקע פּאַלט אַריין:

— ס'אמת, אַז מען וועט שוין מעגן פריי פאַרקויפן ברויט?

אָט דאָס פאַרשטייט ער. ס'איז דאָך בעסער צו שטאַרבן, איידער צו זען, ווי שרה וועגט און מעסט יעדער פּעניצל ברויט, אָט דאָס שוואַרצע לײם, וואָס זי גיט די קינדער. נאָר מער טוט אים וויי צו זען, ווי זי באַהאַלט ס'געבליבענע רעפטעלע ברויט אין קופערט, ווי אַמאָל די אוירינגג. אַ קינד זאָל, חלילה, נישט כאַפּן נאָך אַ ביס. וואָס קען ער איר זאָגן? ער זעט דאָך, ווי עס פאַלן פון איר שטיקער פלייש. וואָס זאָל זי נעבעך טון? אַ ביטער רחמנות נעמט אים, נאָטען, אַרום צו איר. עפּעס דערפילט ער אַ נאָדלדיקן שטאָך אין מוח:

הלמאי שטייסטו, נאָטע, נישט אָט-אָ דאָ אין דער רייע צו-גלייך מיט אָט-אָ די אַלע און קריגסט נישט אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל צוקער? נישט זי, שרה, זאָל נעבעך דאַרפן שטיין און אַרויסקוועטשן פון זיך דאָס דאַרע, פאַרטריקנטע האַרץ?

אַ מינוט שטייט ער אַזוי אויפן בלאָטיקן טראָטואַר, קוקט אַריבער ווי די לאַנגע, שמאַטיקע שלאַנג — די רייע — רוקט זיך, בויגט זיך אויס, ברעכט זיך איבער; ווי איינציקע שמאַטיקע טיילן ברעכן זיך אַרויס, און די הינטערשטע טיילן גיבן אַ שנעלן לויף, אַ רוק זיך פאָרויס, באַהעפטן זיך און ווערן צוריק איין לאַנגע, עקלדיקע שלאַנג; ווי די אַרויסגעבראָכענע רייסן און דראַפּען זיך אַריין צוריק. און אָט אַרבעט אַ ביקס איבער די שמאַטיקע קעפּ-זייערע. מען וואַרפט, מען שטויסט, ווי הורבעס מיסט.

אים פאַרקלעמט אַזש ביים האַרץ. איצט ווערט אים קלאָר, פאַרוואָס ביי יעדן מאָל גיין אין רייע פאַרשילט זיך שרה ס'געביין אירס. עס ווערן אים קלאָר די שטענדיקע טענות אירע: הלמאי ער גייט נישט אין רייע, ווי אַנדערע מענער, נאָר לאָזט איר געהרגעט ווערן פאַר אַ פּיצל ליימיק ברויט.

אָבער איין גאָט ווייסט, אַז ער קאָן נישט: ער קען זיך נישט

אַוועקשטעלן אָט-אָ דאָ. שטיין אַ טאָג, אַ נאַכט, זיך שטופּן, אַרויס-וואַרפן — אָט אַזוי, ווי יענער דאָרט מיט דער קני — דעם, וואָס פון פּאַרנט, אַליין זיך קלאַמערן מיט ציין און נעגל אָן דעם מויער, קריגן אַ שטויס פון אַ דייטשער ביקס, אַ שפּיי אין פּנים פון מי-ליציאַנט, און צום סוף טרעפן לערע פּאַליצעס.

ניין, ער קען עס נישט. בעסער אויספאַרקויפן אַלץ פון שטוב. קויפן אַ האַלב פונט ברויט פאַר אַלעמען די נשמה צו דערהאַלטן, נאָר נישט דאָס!

— און אויב נישט? אויב עס וועט שוין נישט זיין וואָס צו פאַרקויפן? בעסער אויסגיין!

אַ שרעקלעכער האַס, אַזאַ גרינער, גאַליקער האַס האָט אים אַ שפּאַר געטון אין האַלז אַריין, אַ האַס צו די אַרומיקע, וואָס קריכן נאָך אַרום, ווי נישט זיי מיינענדיק, און שמועסן אַזוי גע-דולדיק. ער האָט אַ כראַקע געטון, ווי ער וואָלט די גאַנצע גאַל זיינע דער וועלט אין פּנים אַריינגעשפּיגן און איז צוריק אַרויף אין שטוב.

מיטן גאַנצן האַסט האָט ער אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק, פון דער טיר צום פענסטער און פון פענסטער צו דער טיר, אָט אַזוי אָן אויפהער, מיט רוגזה, ווי אַן איינגעשפּאַרטע חיה אין שטייג, נאָר אָט איז ער געבליבן שטיין לעבן די צוויי מיידלעך זיינע. וואָס זענען געלעגן אין אַ ווינקעלע בלייכע, איבערגעשראָקענע, מיט אייגעלעך, ווי ביי געפּאַנגענע מייזלעך, זיי אַ פּיר געטון די ביינעריקע האַנט זיינע איבער די בלייכע בעקלעך, אונטערגעהויבן אַ גאָמבעלע, געקוקט: אָרעמע קינדערלעך מיינע. ער האָט זיך שטיל אויסגעדרייט פּאַוואָליע צו די מאַשינען, אַראָפּגענומען דעם צודעק, באַטאַפּט זיי עפּעס אַזוי צערטלעך, ווי עס וואָלטן זיין קינ-דער זיינע. אַ שטאַרקער באַגער אַ פּרווו צו טון אַ רעדל האָט אים אַרומגענומען. ער האָט אַרויפגעשטעלט אַ פוס, די נאָדל-שטאַנג נעמט האָפּען אַרויף, אַראָפּ, די ציינער לויפן הין און צוריק, אַ-

געדויש, אַזאַ ר־ר־ר־ר־ר־ר, וואָס האָט זיך שוין לאַנג נישט געהערט, צעטראָגט זיך איבער דער שטוב.

דער גערויש האָט שרהן, ווי אויפגעוועקט פון שלאָף:

— וואָס טוסטו דאָרטן, נאָטע?

נאָטע האָט זיך געכאַפּט, ווי ער וואָלט עפּעס וועלן באַהאַלטן.

— וואָס שטייסטו אַזוי, נאָטע? די וועלט גייט שוין, חלילה, אונטער?

ביי זיך אין האַרץ ווייסט זי גאַנץ גוט, וואָס ער, נאָטע אירער, קוקט אַזוי און שווייגט. ווער נאָך, ווי זי ווייסט, וויפל זאַכן, שטיקער וועש זי האָט שוין ביסלעכווייז אַרויסגענומען אָן זיין וויסן פון שטוב אַרויס און פאַרקויפט. פאַרקויפט אויף ברויט, די נשמה צו דערהאַלטן. זי ווייסט, וואָס זיין איצטיק טאַפּן די מאַשינען מיינט... זי וואַגט אָבער נישט אַרויסצוברענגען דאָס וואָרט פון מויל. די מאַשינען? חלילה. — אַ שטיקל וועש, מילא, גאָט וועט העלפן, עס וועט זיין אַרבעט, וועט מען אָפּקויפן אַנדערס. אָבער די מאַשינען? חלילה...

— נאָטע! וואָס ביסטו אַזוי פאַרחושכט? זע, וואָס ענטפערסטו מיר נישט? דיין שהייגן וועט דאָך מיך אַרויסיאָגן פון שטוב, איך וועל מיך אויפהויבן און אַוועק, ווו די אויגן וועלן מיך טראָגן. געזען, נו! נאָך מענטשן איז שלעכט. דאָס אומגליק האָט דאָך נישט אויסגעמיטן קיינעם! פונדעסטוועגן דעם ביסן ברויט, וואָס איז שוין יאָ דאָ, עסט מען מיט פרייד, מיט ליב. מען האָפט, עס וועט דאָך אַלץ נעמען אַן עק! די וועלט וועט דאָך נישט אונטערגיין.

אָבער נאָטע האָט דאָס אַלץ נישט געהערט, גלייך ער וואָלט גאָר דאָ נישט געווען. ווי פאַר זיך אַליין האָט ער געטון אַ שטאַמל אַרויס, אַזוי זיך, שטיל:

— איך וועל פאַרקויפן די מאַשינען.

— וואָס, די מאַשינען? נישט דערלעבן וועלן מיינע שונאים! די מאַשינען וועל איך לאָזן פאַרקויפן? ביסט משוגע געוואָרן,

נאָטע? עס פעלט אויף אַ שטיקל ברויט? נישטאָ אַ קאַרטאָפלע? וועט מען פאַרקויפן אַלע זאַכן, אַלץ, אפילו דאָס לעצטע העמד פון לייב, נאָר די מאַשינען נישט. געדענק, נאָטע! פטרסטו די מאַשינען, וועלן מיר אויסגיין, ווי ליכט. אפילו עס וועט שוין זיין וואָס צו טון, וועסטו נישט האָבן אויף וואָס. געדענק נאָטע, וואָס איך זאָג דיר!

זי וואָלט· געוועזן געשריגן, ווער ווייסט ווי לאַנג, נאָר דער צער פון נאָטעס אויסגעדאַרטן פנים, דער ווײ, וואָס האָט אַרויס־געיאָמערט פון זיינע רויט־אַרומגעלאָמעוועטע אויגן, האָט איר, ווי אָפּגעהאַקט דאָס קול און זי איינגעשטילט. זי איז איצט געוואָרן, ווי אַ מאַמע צו אַ קראַנק קינד.

— נו, זאָג אַליין, נאָטע, די מאַשינען זענען דאָך דאָס גאַנ־צע פיצל טרייסט אונזערס. מאַכט זיך אַרבעט, וועט מען אַלץ אָפּ־קויפן. אָבער אָן די מאַשינען וועט מען דאָך, חלילה, אויסגיין. די מלבושים וועט מען דאָך נישט עסן. נו, זאָג אַליין, נאָטע, בין איך נישט גערעכט?

און עס איז אים טאַקע לייכטער געוואָרן, נאָטען, פון אירע רייד. ער האָט זיך צוגעזעצט, גענומעןביידע מיידלעך אויף די קני און שוין גאָר ווי אַן אַנדערער, צוגעגעבן:

— ביסט טאַקע גערעכט, שרהלע. נישט פאַרקויפן. טאָמער מאַכט זיך פאָרט עפּעס אַביסל מלאכה.

די מיידלעך, ביים פאָטער אויפן שויס, האָבן גלייך דערפילט אָט די ענדערונג אין שטוב. זיי זענען צוריק קינדער געוואָרן און מיט זייער קינדישקייט געהאָלפן פאַריאָגן די דריקנדע פיין, וואָס האָט געהאָנגען איבער דער שטוב.

ביי נאָטען אין שטוב האָבן זיך די ווענט, די גרוי־גרינע ווענט, געקאָרטשעט פון קעלט. שוין עטלעכע טעג, ווי דער פראָסט האָט מיט אַן אייזיקן בליק אַריינגעגלאָנצט דורכן פאַרקאָוועטן פענסטער.

שרה, נאָטעס ווייב, אַן אָנגעפּעלצטע מיטן גאַנצן ביסל אַלטע לאַכעס אויף אירע איינגעקאָרטשעטע ביינער, פונוואַנען דאָס פּנים, אַ רונדיקס, אַ בלייך־ביינעריקס, מיט אַ פאַרשפּיצטער, בלויער נאָז האָט זיך אַרויסגעזען, איז אַרומגעקראָכן איבער דער שטוב נישט ווי אַ מענטש, נאָר עפּעס אַ „נישט־גוטער״ אין אַ בערג שמאַטעס וואָלט זיך אַריינגעשטעלט אין צוויי לעדערנע צעריסענע טשאַפּעס און אַזוי אַרומגעטשאַפּעט — טשאַפּ—טשאַפּ—טשאַפּ...

זי איז צוגעקראָכן צום ראַנד, וווּ די קינדער זענען ביידע געלעגן איינגעטוליעט, שטילע, ווי נישט־לעבעדיקע, זיך צוגעשפּאַרט, מיט די שמאַטיקע הענט זיי נאָך מער אַרומגעטוליעט. אָוועקגעמאַכט דאָס ברודיקע צודעק פון אַ קינדס נעזל, זיך איבערגעבויגן, אַ לעק געטון מיט דער צונג איבער די שטערנדלעך, ווי אַ קאַץ אירע קליינטשיקע, און צו זיך אַליין, ווי אַ תּפילה:

— ס'אַ היץ, ס'זיצט! ליבער גאָט, שטראָף מיך נישט אַזוי שטאַרק. עס זאָל כאָטש נישט זיין קיין טיפוס, גאָטעניו. ווער ווייסט? ווער ווייסט? גרויסער גאָט, איך פאַרנעם דאָך אַלץ פאַר ליב, אַבי געזונט! אַבי דאָס שטיקעלע געזונט!

זי האָט דערהערט טריט אויף די שטיגן. אַ צוק דורכן לייב איז איר אַדורך. זי האָט אַזש אַ דריגע געטון.

נאָטע איז אַריינגעקומען. עפּעס ווי נישט דרייסט, נאָך אים פון אונטן האָט זיך נאָכגעשלעפּט עפּעס אַ מענטשל, אַ פאַרפעטסט, ווי עס וואָלט נאָר וואָס אַרויס פון אַ פאַס אייל. און הענט האָט עס אַזעלכע קורצע, שווערע, אייזערנע הענט, וואָס הענגען אַזוי מאַסיוו אַראָפּ פון די אַקסלען; מיט אַ פּאָר באַשטיוולטע פיס, וואָס האָבן זיך נאָכגעשלעפּט אַזוי גולמדיק צעשפּרייט, אַז כאָטש נעם און פאָר אַדורך דורך זייער מיטן מיט אַ וואָגן אַ גאַנצן.

מיט אָט די צוויי פּיס האָט עס זיך, נאָך אַ ווײַלע שטיין, געטון אַ שלעפּ צו צום טיש, געעפנט אַ מויל, אַ האָריק מויל, און אַ זאָג געטון מיט אַ קול, גלייך אַ טיר וואָלט געסקריפּעט:

— נו, רב ייד, וואָס שטייען מיר? ווי האָט איר די סחורה? איך בין נישט געקומען דאָ שטיין.

נאָטע האָט אָנגעקוקט ס׳ווייב זיינס. אָט־אָ דעם פּאַק שמאַטעס, וואָס איז איצטער געזעסן אויפן ראַנד בעט, געקוקט מיט אירע פאַרטרערטע אויגן אויף אים, נאָטען, און נישט גערעדט, ווי דער גאַנצער עסק וואָלט איר נישט אָנגעגאַנגען.

נאָטע האָט זיך עס ערגער פאַרגעשטעלט. ער איז זיכער געווען, אַז זי, שרה, וועט דערזען אָט דאָס יידל צוגיין צו די מאַשינען, וועט זי אים אָפּגיסן מיט אַ שאַף פאַמיעס... און דאָ גאָר זיצט זי, שרה, און קוקט אויף אים, און טרערן, אַזעלכע קיילעכדיקע פּערל־טראָפּנס, רינען איר פון די אויגן, אַזוי שטיל, אָן ווערטער...

וואָרום שרה האָט איצטער נישט אין זינען געהאַט די מאַשינען. קוקנדיק אויף אים, אויף נאָטען, ווי ער שטייט אַזוי אָנגעשפּאַרט אָן דעם ראַנד טיש, האָט זיך איר געדאַכט, ווי אָט־אָט און די צוויי אויגן זיינע, די האַלב־אויסגעלאָשענע שוואַרץ אַפּלען קריכן אַרויס פון די רויטע, פליישיקע רעמלעך, אין וועלכע זיי זיצן. עפּעס האָבן איצט ביי אים די רויטע זוימען אַרום די אויגן אויסגעזען נאָך שרעקלעכער, ווי שטענדיק. די הערלעך, די וויעס וואָס באַשיינען יעדנס אויג, זענען דאָ אויסגעקראָכן, און די שפּיציקע נאָז זיינע, ווי ווייס! די הויט — קוים־קוים, וואָס זי דעקט צו די דינינקע קנאָכנס פון זיינע אָפּגעצערטע באַקן. אַ רחמנות, אַ ביטער רחמנות האָט איר איצטער אַרומגעכאַפּט. עפּעס האָט איר דאָס האַרץ אַ דריגע געטון, אַז זיי וועלן זיך נישט קאָנען אַרויסרייסן.

נישט ווילנדיק, ווי פון זיך אַליין, האָט איר בליק אַ וואַנדער געטון אַהינטער זיך אויפן בעט צו די קינדער, וואָס ליגן דאָ אין היץ, צו אים, נאָטען, וואָס שטייט דאָ, ווי אַ הויפן אַרומגעוויקלטע

ביינער, קוים־קוים אויף די פיס; אויף זיך אַליין, און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז איצטער, אין דער סעקונדע, ווי קלענער געוואָרן, איינגעשרומפּן.

— אָטץ מיר אַ גוטן! וואָס וועל איך דאָ שטיין מיט אייך! איך האָב נישט קיין צייט!

דאָס יידל האָט זיך אַ דריי געטון אויף זיינע צוויי קיילעכדיקע פיס צו דער טיר צו. נאָטע האָט זיך, ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף:

— אָט־אָט, כאָמסקי! אָט זענען די מאַשינען! פיר מאַשינען אָט־דאָ!

כאָמסקי דער מאַשיניסט האָט זיך איצטער אַרומגעדרייט, געשלעפּט די צוויי קלעצער זיינע, גערוקט די מאַשינען אינמיטן שטוב, זיי אַרומגעטאַפּט, אַ דרוק געטון אַ טריט, און אַ גערויש ר־ר־ר־ר־ר־ר־ר, אַזוי ווי אַמאָל, אַמאָל, האָט זיך אַריבערגעטראָגן איבער דער קאַלטער שטוב.

אין שטוב ביי נאָטען איז איצטער געוואָרן גרוימער, אַ סך גרוימער. דאָס פענסטער, דער אויבן־אָן שטוב איז איצטער געוועזן ליידיק. דאָס אַרויסנעמען די מאַשינען און דאָס, וואָס די קינדער האָבן קיין פּיסל אויסערן בעט נישט אַרויסגעשטעלט, האָט געמאכט די שטוב שרעקלעך גרויס, עפּעס ווי אַ קאַלטע, אָפּגעלאָזענע קאַזאַרמע. דאָס שמאַטיקע איינגעקאָרטשעטקייט שרהס פון איין זייט, און נאָטעס פאַרביסן שווייגן, אָט־אָ דאָס שטיין ביי אַ קאָפּ־שטיק פון בעט אָנגעשפּאַרט, מיט אַ פאַרביסענער ליפּ, וואָס האָט אים ס׳שוואַרצע אויסקריכנדע בערדל אונטערגעהויבן צו דער נאָז צו.

אָט־אָ דאָס שווייגן זיינס האָט נאָך מער קעלט אָנגעיאָגט, ווי דער פראָסט, וואָס איז אייזיק געזעסן אויף די שויבן.

ביי שרהן אין קאָפּ האָט איצטער געברענט. פּיצלעך געדאַנ־קען אָפּגעריסענע בילדלעך האָבן זיך איר געדרייט אין מוח, אַז עס האָט איר אַזש געשווינדלט אין די אויגן. אַ שטאַרקע היץ, אַזאַ וואָס קומט פון שרעק, איז איר דורכן גאַנצן לייב אַדורך: זי האָט דערפילט אַן אומרויִקייט, גלייך שפּילקעס אונטער דער הויט וואָלט, געשטאָכן איר לייב. עס האָט זי אונטערגעהויבן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז עמיצער זאָגט איר אונטער אין אויער אַריין, אַז מיט דעם זיצן, מיט דעם גאָרנישט טון, גייט די שטוב אונטער, ווערט נאָך, חלילה, מיט די קינדער געשען... זי האָט דעם ביי‍זן געדאַנק איבערגעהאַקט, אים נישט דערענדיקט.

— נאָטע, וואָס וועט זיין! געוואַלט, נאָטע, וואָס טוט מען,

מיט פאַרבראָכענע הענט האָט זי געיאָמערט איבער די קינ־דער צוקאָפּנס; אַ ווײַלע אײַנגעהאַלטן דאָס שלוכצן; געקוקט אויף די האַלב־צוגעמאַכטע אייגעלעך פון די קינדער, דורך וועלכע אַ ניהנומדיקע היץ האָט אַרויסגעזעצט. און אָט האָט דער יאָמער זיך נאָך שטאַרקער אַ ריס אַרויס געטון מיט אַזאַ שרעקלעכן:

— וואָס טוט מען? וואָס וועט ז־יי־ן, נאָטע, וואָס וועט ז־יי־ן?

גלייך אַ וואָלפיכע וואָלט פון איר אַרויסגעוואָיעט מיט אַזאַ שרעקלעכער הילפלאָזיקייט, אַז דאָס בלוט האָט געקענט פאַרפרוירן ווערן. אין דעם „וואָס וועט ז־יי־ן" אירן איז געלעגן אַזוי פיל פחד, אַז עס האָט נאָטען אַזש געטון אַ ברי, ווי עמיצער וואָלט אים מיט אַן אָנגעגליט אייזן אַזאַ פּיר געטון אונטערן לייב דורכן גאַנצן לייב אַדורך. ער איז אויפגעשפּרונגען, געוואָלט עפּעס טון נאָר נישט געוווסט וואָס. דער „וואָס וועט ז־יי־ן" האָט אים צע־מישט. איז ער געשטאַנען און געקוקט אויף איר צעווייקט פּנים וואָס האָט אים אויסגעזען, ווי איין שטיק געוויין.

— מען דאַרף רופן אַ דאָקטאָר, שרה! אַ דאָקטאָר דאַרף מען, הערסט, אַ דאָקטאָר!

— מען וועט זיי דאָך, חלילה, נעמען אויף פּאָקאָרנע אין טיפּוס-הקדש. נאָטע, וואָס טוט מען, ווי איז מיר! וואָס הויבט מען אָן צו טון!

— יידענע, וואָס דו ביסט, שווייג שטיל!!! מיט דיין קוויטשן וועלן זיי, איבער דער וואַנט, דערהערן און רופן דאָס קעטשל! שווייג שטיל, זאָג איך! דו הערסט? פּירסט מיך איבער!

שוין שטילער, אַזוי צאַרט, האָט ער זי אַרומגענומען, מיט גוטן זי באַרויקט:

— דערבאַרם זיך, שרהלע, געדענק אָן גאָט מען וועט דאָך זיין אומגליקלעך. באַרויק זיך.

שרה האָט די דאַרע,ביינעריקע פויסטן צוגעפּאַקט צום ווייִנענדיקן מויל, פּונקט ווי אַ קליין קינד, וואָס וויל פאַר מורא זיך איינשטילן פון געוויין און קען נישט. אַזוי, מיט די פויסטן אין מויל, האָט זי געהעשעט, און גרויסע טרערן האָבן זיך איר געקייקלט אין צוויי גלייכע רינעלעך איבער די ביינעריקע באַקן, זיך גע־קייקלט אַראָפּ און איינגעזאַפּט זיך אין דעם ברודיקן טוך, וואָס אַרום האַלז.

— דערווייל דאַרף מען עפּעס טון, דו הערסט, שרה, מען דאַרף דערווייל אַליין זען, וואָס מען האָט צו טון. מען טאָר נישט זיצן מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט. אַ דאָקטאָר היינטיקע צייטן איז אַ מורא צו רופן. וואָס נאָר עפּעס — גלייך אויף פּאָקאָרנע. לאָמיר זיך פאַרלאָזן אויף זיין ליבן נאָמען. דער אויבערשטער זאָגט דאָך: „מענטש, טו — וועל איך דיר העלפן".

שרהן איז פון איר מאַנס רייד לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ. זי האָט איצט געזען, ווי איר נאָטע איז, דאַכט זיך, שטאַרקער געוואָרן, עפּעס מער כוח באַקומען. ער שטייט איצטער נישט, ווי אַ טויטער. דאָס האָט זי אויך עפּעס, ווי אויפגעלעבט. ס׳ערשטע איז זי צוגעלאָפן צום פייער, וואָס איז שוין באַלד געווען אויסגעלאָשן.

— נאָטע, אַ חורבן צו מיר, נישטאָ אַ פּיצל האָלץ. דערבאַרעם דיך, נאָטע שאַף אַ פּיצל האָלץ.

נאָטען האָט זיך געגלוסט אַ וויצל טון. דער וויץ האָט אים ממש זיך געשפּאַרט אין קעל אַריין.

— ווייסט וואָס, שרהלע? נעם די קוילן-באָנעס (קאַרטן) און הייץ איין.

— אַ חורבן צו מיר, נעבעך, וואָס אים ליגט אין קאָפּ? לוצעלעך (הלצהלעך) גאָר. די קינדער ליגן אין אַזאַ „פּאַל" און ער חכמהט זיך.

נאָר נאָטע האָט זי שוין נישט געהערט. ער האָט איצטער אַרומגעשיקט די אויגן זיינע איבער דער קאַלטער שטוב, אויסצוגעפינען עפּעס אַ קרבן פאַרן פייער. נאָר אויף וואָס זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָט דאָס זיך אַלץ געבעטן: לאָז נאָך אָפּ, צעהאַק נאָך נישט! אַ גוטע שטול נאָך. דאָס פייער דאַרף אָבער דאָך עפּעס, האָט ער גיך אַ כאַפּ געטון דאָס קיך-בענקל, וואָס איז איצטער אַזוי נעבעכדיק, אַזוי אָרעם געשטאַנען אין ווינקל, אָנגעכאַפּט אַ פּיסל, אַ פאַרלאָזן פּיסל נעבעך, אַזאַ, וואָס מען פלעגט עס יעדן ערב-פּסח שייערן און וואַשן, עס זאָל זיין ווייסער, אַ דריי געטון עס, אַז עס האָט אַזש געקרעכצט, אַזוי האָלצעדיק געקרעכצט פון ווייטאָג, און נאָכגעגעבן.

דאָס פייער האָט אויפגעלעבט, געקנאַקט מיט אַ ווינט, און זיך געריסן דאָרט אין דער שוואַרצקייט, אַהין אין קוימענדיקן גומען אַריין.

די וואַרעמקייט אין שטוב האָט איצטער דערקוויקט, ליכטיק געמאַכט דאָס געמיט. די צוויי מיידעלעך אין בעט האָבן, דאַכט זיך, אויך פרייער אָפּגעאָטעמט. דאָס ביסל מילך, וואָס די מאַמע האָט זיי צוגעטראָגן צו די פּיסקעלעך, האָט זיי אָפּגעלאָשן דאָס פייער, ווי פאַרטריבן דאָס פאַרברענטקייט פון זייערע ליפּן. האָבן זיי אָפּגעקאָפּעט פון זיך דעם צודעק, וואָס האָט זיי צוגעדושעט, זיך געפילט פרייער, האָבן זיי אַרומגעשטיפּט. און אָט-אָ די קינדערשע

קולכלעך, וואָס האָבן זיך שוין אַזוי לאַנג אין שטוב נישט געהערט, האָבן צוריק געקלונגען אַזוי זילבערדיק, ווי אַמאָל. זיי האָבן גאָר פאַרגעסן, אַז זיי זענען קראַנק און האָבן זיך געריסן אַרויס פון בעט, געבעטן זיך ביי דער מאַמען, אַז שוין: זיי זענען שוין געזונט, זיי דאַרפן נישט קיין דאָקטאָר.

— וועסט זען, מאַמעלע, — האָט זיך די עלטערע געבעטן — איך וועל זיין געזונט, און שיינדעלע אויכעט. מען דאַרף נישט קיין דאָקטאָר.

— ניין! חלילה. די גוים דאַרפן דאָקטוירים. איך וועל נישט רופן קיין דאָקטאָר. איר וועט זיין געזונט, קינדערלעך!

— איך בין שוין געזונט, מאַמעלע! און דו, שיינדעלע, אמת, ביסט אויך שוין געזונט!

נאָטע, וואָס האָט זיך אַלץ נאָך געפּאָרעט ביים פייער, איז איצטער צוגעקומען צום בעט, געשטאַנען לעבן ווייב, געקוקט, ווי זי נאַרט אין די קינדער אַריין יעדעס לעפעלע מילך מיט אַן אַנדערן איינפאַל, ווי די מיידעלעך זענען איצטער פרייער, פאַרוויטלט, די אויגעלעך גלאַנצן, האָט עס אים שטאַרק הנאה געטון. אַ נייע האָפענונג האָט זיך אין אים דערוועקט. ער האָט געפילט, אַז נאָך נישט אַלץ גייט אונטער. אַ וועלט שטאַרבט נישט אויס אַזוי מיר נישט, דיר נישט. אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט עפּעס טון, עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז פריידיק. אַ ברייטער שמייכל אַזאַ, וואָס שטראַלט אַרויס פונם גאַנצן וועזן, האָט זיך אים אויסגעשפּרייט איבער זיין פּנים. ער איז געשטאַנען לעבן בעט, די קני אַביסל איינגעבויגן, די הענט אַראָפּגעלאָזן, ליידיק. דאָס בערדל, די אויגן, אפילו די זוימלעך, די פליישיקע, רויטע זוימלעך אַרום די אויגן, אַלץ האָט איצט פון גליק אויסגעזען, נישט אַזוי אייטערדיק, פאַרקערט, גאַנץ ליב.

שרה האָט איצטער אים, נאָטען, נישט געזען. זי איז איצט געווען צופיל פאַרנומען מיט איר גליק; מיטן פּאָרן זיך אַרום די קינדער. נאָטע האָט לאַנג נישט געקלערט, אַ כאַפּ אַרום געטון

שרהן אַזוי פעסט, און גענומען האָפּן אַרום שטוב, און שרייען פאַר פרייד עפּעס מיט אַזאַ משוגהדיק נאַריש קול, אַז שרה האָט זיך צעלאַכט. שרה, מיטן גלאָז מילך אין דער לינקער האַנט, האָט זיך אַ לאַכעדיקע געריסן פון אים, זיך געוועדט, און אַזוי מאַמעדיק געשריגן:

— משוגענער; משוגענער! משוגענער!

די צוויי קינדער האָבן מער נישט געדאַרפט. געזען, ווי דער טאַטע טאַנצט מיט דער מאַמען, האָבן זיי זיך אַ שטעל אויף געטון, זיך ביידע אַרומגענומען ביי די העלזלעך און גענומען שפּרינגען ווילד פון פרייד. אָט די שפּרינגענדיקע קינדער מיט קעפּלעך אָפּגעטונקט אין ווייסע, געקרייזלטע פעדערלעך, ווי פריש-געפאַלענע שנייעלעך, די העמדלעך ביז די קניעלעך, מיט גאָלע, ווייסע הענטלעך, האָבן זיי אויסגעקוקט, ווי מלאכימלעך וואָלטן דאָ אַריינגעשוועבט אין דער חושכדיקער שטוב אַריין און פאַריאָגט די ביטערע שרעק.

— דערבאַרם זיך, נאָטע! די קינדער וועלן זיך פאַרקילן נאָטע! ביסט משוגע געוואָרן?

זי האָט זיך אַ ריס אַרויס געטון פון זיינע אָרעמס, צוריק איינגעדעקט די קינדער, און סאַפּנדיק נאָך אַלץ געשריגן אויף זיין משוגעת: פלוצלינג אינמיטן העלן טאָג גאָר טאַנצן. אָבער אין האַרצן האָט עס איר הנאה געטון: פאָרט אַ מאַנספּאַרשוין... פונקט ווי אַ קינד.

אַזוי זענען אַוועקגעגאַנגען טעג און נעכט. די היץ האָט זיך מיט די קינדער געשפּילט, ווי אַ זון-שטראַל מיט אַ שטיקל גלאָז. אָט זענען זיי געלעגן פאַרשמאַכטע, מיט צעברענטע ליפּן, פון וועלכע די הויט, אַ דינע, אַ פּיצלדיקע, האָט זיך געשיילט שטיקלעכ-

ווייז, ווי פיצלעך פּאַפּיראָס-פּאַפּיר. אין אַזעלכע טעג זענען ביידע, נאָטע און שרה, געזעסן מיט פאַרבראָכענע הענט אויפן ראַנד בעט; אַראָפּגעהאָנגען די קעפּ אַזוי פאַלנדיק איבער די ברוסטן, קוים-קוים די נשמות אין די גופים; אַזוי אַרום אָפּשווייגן גאַנצע שעהן, געטון אַלץ אויף די שפּיץ פינגער, נישט אַרויסגעבראַכט קיין קלאַנג פון מויל. גלייך עפּעס אַ פּחד וואָלט אין זייערע קולות געשטעקט; געקוקט אויף די קינדער, און צו זיך אַליין אפשר צום הונדערטסטן מאָל:

— אפשר דאָך ברענגען אַ דאָקטאָר? אפשר שטילערהייט? מען זאָגט, אַז דאָקטאָר פּיקאַלסקי נעמט לאַפּקע און זאָגט נישט אויס.

— ביסט אַ יידענע! וואָס הייסט ער זאָגט נישט? ער קאָן דאָך גיין אין קרימינאַל אַריין! איבער דיינע פינף מאַרק וועט ער, מיינסטו, גיין פאַרשאָטן ווערן? זעסט דאָך קלאָר, אַז עס איז אַ טיפוס. ווּעמען מע וועט רופן, ברענגט ער גלייך ס'קעטשל.

— וואָס-זשע דען טון, נאָטע? זיי גייען דאָך מיר נעבעך אויס, מיינע אָרעמע שוואַלבן!

— זעסט דאָך, ס'אַ לייכטער טיפוס. גלייכער זיך פאַרלאָזן אויף גאָט. מיט זיין הילף וועלן זיי איבערקומען. וואָס טוט דען אַ דאָקטאָר? גאָרנישט. צו אַ טיפוס קאָן מען גאָרנישט טון.

— כ'ווייס? כ'קלער אפשר. מיר זאָלן אַזוי וויסן פון אונזערע צרות, ווי איך ווייס וואָס צו טון.

— ש-ש-ש-ש-ש, זאָל זיין שטיל, זיי שלאָפן!

אָט אַזוי איז מען אָפּגעזעסן און געהאָפט, געהאָפט און פאַרצערט געוואָרן פון דער שרעק, וואָס האָט זיך אַרומגעקלאַמערט אַרום דער ברוסט און געשטיקט.

דערפאַר, אַז די היץ איז אָפּגעטרעטן, די ליפּעלעך זענען צוריק קינדיש רויט געוואָרן, די אייגעלעך צוריק לעבעדיק, איז נאָטע ווידער גרייט געווען אַרומכאַפּן דאָס ווייב און ווידער, ווי דאַן, מיט איר טאַנצן.

אָט אין אַזעלכע גוטע טעג איז נאָטע געגאַנגען אין גאַס, ווי נחס טויב, אויסגעפינען, צי עס איז עפּעס אַביסל לייכטער גע־וואָרן, און אפשר קריגן אַביסל אַרבעט, כאָטש וואָס נישט איז צו פאַרדינען. און כאָטש ער פלעגט קומען צוריק מיט ליידיקן, אויב די קינדער האָבן זיך נאָר געשפּילט, האָט עס אים נישט געאַרט. אמת, די פּאָר מאַרק פון די מאַשינען האָבן זיך שוין אויסגעלאָזן און מען פאַרקויפט שוין ווייטער עפּעס אַ זאַך פון קופערט אַרויס. אָבער אַבי געזונט, האָט מען ווייטער געחלומט. איינמאָל איז אים אפילו געווען דורכגעפלויגן דער געדאַנק: וואָס וועל איך טון אָן מאַשינען? ווי אָן אַ האַנט. נאָר שרה האָט עס אים אויסגערעדט:

— נישקשה, ביסט אַלץ אַזאַ בריה, ווי יעדער איינער. וועסט אַרבעטן ביי יענעם, וועסטו אויך פאַרדינען אויף פּרנסה.

אָט פּאַר אַזעלכע ווערטער איז ער, נאָטע, איר אַזוי דאַנק־באַר געווען. הערנדיק דאָס, האָט ער זיך געקוקט אויף די הענט און שטיל אין זיך צוגעגעבן:

— טאַקע, גערעכט מיין שרהלע, נאָר קאָנען פאַרדינען מיט די צען פינגער אויף ברויט.

אָט אַזוי האָבן זיך נויט, שרעק און פּיין מיט זיי געשפּילט, ווי עס שפּילט זיך אַ געדיכטער, שוואַרצער וואָלקן מיט אַ מיטן־טאָגיקער זון. אָט איז זי, די שרעק, צוגעטרעטן, געדריקט, געוואָרגן, קוים־קוים אויסצוהאַלטן. נאָר אין דער לעצטער מינוט איז זי אָפּ־געטרעטן, אָפּגעטרעטן — שפּעטער שטאַרקער צודריקן. ביז. ביז איינמאָל ביינאַכט.

געווען איז עס אַזוי:

נאָטע איז אַהיימגעקומען פון גאַס אַ פריידיקער. געבראַכט מיט זיך אַ גוטע בשורה:

עפּעס שמועסט מען, אַז עס וועט זיין אַ גרויסער „פּאָדראַד“. עס וועט זיין אַזוי פיל אַרבעט, אַז עס וועט פעלן הענט. !

שרה האָט אויפגענומען די בשורה מיט אַ באַזונדערער פרייד. דאָס ביסל וועטשערע, וואָס האָט געוואַרט פאַרן מאַן אירן, האָט

איר איצטער אויסגעזען אַזוי נעבעכדיק, אַזוי אָרעם. זי האָט עס אים צוגעטראָגן צום טיש מיט אַזאַ געפּאַלנקייט, אַז זי האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין.

נאָטע איז אָבער אַרומגעפּאָרן מיטן לעפל אין דער שוואַרצער שיטערקייט, געשלונגען יעדעס שטיקעלע קאַרטאָפל מיט עפּעס אַזאַ אַפּעטיט, גלייך עס וואָלט געווען אַן אַמאָליק שטיקל געזונס. אים איז איצט זייער גוט געווען. אַ צופרידענער האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון דער ליידיקער שיסל, איז זיך צוגעגאַנגען צום בעט, געטון דאָס קינד אַ גלעט, דעם צווייטן אַ קיצל אונטערן אָרעמל: אַקוטיע, קוטיע, אַקוטיע, קוטיע, קוטיע, פון וועלכן ס׳קינד האָט זיך אַוועקגעקייקלט צו דער וואַנט מיט אַ האַרציקן לאַכן. אַזוי אַרום, האָפּערדיק איז ער געגאַנגען שלאָפן.

שרה, כאָטש באַרויקט פון דעם אַלעם, וואָס פאַרן שלאָף, איז דאָך נישט געשלאָפן. עפּעס האָט זי אין האַלב־שלאָף און האַלב־וואַך געדרימלט. אָט אין דעם דרימל האָט זיך איר עפּעס געפּלאָנטערט אין קאָפּ. מיט יעדן עפן די אויגן האָט זיך דער פּלאָנטער איבערגעריסן, און גלייך ביים צושליסן זיך ווייטער געוועבט. עפּעס האָט זי געזען אַזוי טומאַנע, אַזוי נישט קלאָר: אַ קעטשל. ווייסע מענער. מען פּאָרעט זיך אויפן הויף. מען צינדט אונטער די שטוב, איר שטוב, מען נעמט אַרויס די קינדער. אָט אירע ביידע קינדער. מען פאַרחתמעט די טיר, זי וויל שרייען, נאָר דאָס מויל איז עפּעס שטום, זי קאָן נישט רירן מיט קיין האַנט. געליימט. זי נעמט זיך אָן מיט אַלע כוחות און טוט אַ געשריי. — — —

פון דעם אייגענעם געשריי האָט זי זיך אויפגעכאַפּט אַן אָפּגעטונקענע אין שווייס. די אַרומיקע שטילקייט, די האַלב־טונקעלע שוואַרץ־רויטלעכע שיין פונם לעמפּל, די שאָטנס פון די אַרומיקע זאַכן, וואָס זענען געלעגן אַזוי מוראדיק אויסגעצויגן איבער דער פּאָדלאָגע, דאָס קוים־קוימיקע אָטעמען פון נאָטען מיט די קינדער, וואָס האָט איר איצטער געקלונגען, ווי דאָס קרעכצן פון געהרגעטע, אָט דאָס אַלץ האָט אויף איר אָנגעוואָרפן אַן אימהדיקן פחד. זי

איז געווען געלײמט. אַ מינוט האָט זיך איר געדאַכט, אַז שוין !
אַזוי וועט זי דאָ איינזינקען מיטן בעט. בלויז דאָס האַרץ האָט ביי
איר געזעצט, ווי עס וואָלט וועלן דורכזעצן דאָס ביינערנע האַרץ-
ברעטל און זיך אַרויסרייסן...

מיט אַלע כוחות האָט זי זיך, אַ באַרוועסע אינם העמד, אַ
ריס געטון און אַרויסגעלאָפן פון בעט. אַ שניידיקע קעלט איז
איצטער געשטאַנען אין שטוב. אָבער זי האָט דאָס נישט געפילט.
שנעל, ווי אַ ווינט, האָט זי אַ דריי אַרויס געטון דאָס לעמפל, און
ווי אַנטלויפנדיק פאַרן אייגענעם שאָטן, וואָס האָט זיך איר נאָכגע-
צויגן נאָך די פיס, איז זי מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם צו צו
די קינדער.

די צוויי מיידלעך זענען געלעגן אין אַ שרעקלעכן פיבער.
די היץ האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע. אָט ביי דעם פונקט
איז אַהין, אָדער אַהער. באַוווסטלאָז זענען זיי געלעגן אין דער
אַרומיקער שלאָפיקייט און פון היץ אַרויסגעבראַכט עפּעס אַזעלכע
משוגענע קלאַנגען, שטילע, שטילע ברומען, ווי זיי וואָלטן זיך
געסודעט.

ווען די מוטער איז צוגעקומען צו זיי, איז ביי איינער אויף
די ליפּעלעך, פון צווישן די ציין, געווען אַרויסגעשוימט עפּעס אַזאַ
ווייס, וואָס איז נישט געווען קיין פליסיקייט און אויך נישט קיין
האַרטס, אַ פליסיקע שוים האָט זיך איינגעטריקנט און אָפּגעזעצט...
עפּעס אַזאַ גרוי-גרינע מאַסע איבער דער גאַנצער ברייט פון
מײלכל.

די מאַמע האָט שוין מער נישט געזען גאָרנישט. איר איז
געוואָרן פינסטער אין די אויגן. אינעווייניק אין איר האָט זיך אַלץ
אָפּגעריסן. די קני האָבן זיך איר איינגעבויגן, אָט-אָט און זי גיט
אַ באַץ אַנידער אויף דער פּאָדלאָגע. אינסטינקטיוו האָט זיך איר
האַנט אויסגעשטרעקט, אָנגעכאַפּט דעם קאָפּ-שטיק פון בעט און,
נישט זי, נישט איר קול, נאָר עפּעס פון איר אַרויס, ווי אַ שד
וואָלט אַ קוויטש אַרויס געטון: נאָ—ע—טע!

דער קוויטש האָט אים אַ הויב אַרויס געטון פון בעט. צום ערשט האָט ער נישט געוווּסט, וואָס דאָ איז געשען. ער איז גע־שטאַנען אַ האַלב־נאַקעטער, בלויז פון קעלט, געגלאָצט מיט די צוויי אויגן דאָ אויף שרהן, דאָ אויפן בעט, ווו די קינדער זענען גע־לעגן. עפּעס האָט זיין מוח איצטער נישט געאַרבעט. וואָס די אויגן האָבן דערבליקט, איז געבליבן ביי די אויגן, ווייטער צום מוח איז עס נישט געגאַנגען. ער האָט אפילו נישט געדענקט, אַז ער קאָן רעדן. בלויז געשטאַנען אין די האַלב־בּרודיקע אונטערהויזן, מיט אונטערגעהאַקטע קניען און אַרויסגעשטאַרט די צוויי רויטע אייטער־דיקע אויגן זיינע. האָט ער טאַקע איצטער אויסגעזעהן, ווי איינער, וועמען ס׳משוגעת האָט אינמיטן נאַכט אַ כאַפּ געטון, אים אַ הויב געטון פון בעט, און אַ נאַקעטן, אַ בלויען, משוגענערהייט געלאָזן שטיין...

שטיל... טויט. זיי וואָלטן אפשר אַזוי איינגעזונקען.

די נאָענטע שכנים אַרום זענען אויפגעשפרונגען פון שרהס קוויטש. ווי פון אַ פייער געכאַפּט אַ לאַך, אַ בגד אויף דער איי־גענער נאַקעטקייט און געלאָפן צו נאָטעס טיר.

באַלד איז אין שטוב אָנגעשטאַנען אַ טומל. די טיר האָט גע־האַלטן אין איין סקריפּען, זיך עפענען און צומאַכן. האַלב־נאַקעטע, אַרומגענומען די לייבער מיט לאַכעס, קנאַקנדיק אַ צאָן אָן אַ צאָן, האָבן זיך אַזעלכע שמאַטיקע שאָטנס געטוליעט איינס צום אַנדערן, ווי אַ טשאַטע הינער פאַר אַ שטורם. קיינער פון זיי האָט נישט געווּוסט, וואָס איז דאָ געשען. ווער איז דאָ איינגעפאַלן? נאָטע, וואָס שטייט דאָ פאַרשטיינט, אָדער זי, שרה, וואָס קנאַקט דעם קאָפּ אירן אינם שאַרפן ראַנד פון בעט, צי גאָר די קינדער, וואָס ליגן עפּעס אַזעלכע שטילע אָן אַ שאָרך...

נאָר אָט איז שוין שרה געלעגן אין בעט מיט אַ נאַסער שמאַ־טע אויפן קאָפּ. עפּעס האָט עס זי געוואָרפן, אַז ס׳בעט האָט זיך אַזש מיט איר געטרייסלט. נאָטע האָט, אין קאַלטן פיבער, באַרווי־

סערהייט, אַרומגעטראָמפּלט, זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און האַלב-פאַרשטיקט זיך געבעטן:

— אוי, אַ דאָקטאָר! גוואַלט, יידן, רופט אַ דאָקטאָר.

דער גאַנצער אָנגעלויף איז געשטאַנען ביי די קינדערס בעט, זיך איבערגעקוקט מיט אַזוי פיל באַדייטונג... און עפּעס האָט עמי־צער אין דער שטיל אַ מורמל געטון: טיפוס...

ווי דאָס וואָרט וואָלט אַ מאָנסטער געווען. ווי אָט דער מאָנסטער וואָלט אַלעם מיט ריזיקע, אומזעבאַרע לאַפּעס אַוועקגע־שטופּט, האָבן זיי אַלע, אָט דאָס גאַנצע אָנגעלויף־עכץ, ביסלעכווייז, פּאַוואָליע, נאָטע זאָל נישט זען, זיך אַוועקגעשאַרט פון בעט. אַזוי זייטיק, סודותדיק אָנגעהויבן אַנטרינען צו ווערן אַרויס פון דער צווייטער זייט טיר.

בלויז צוויי שכנים, נאָטעס גוטע פריינט, מיט וועמען ער פלעגט אין יענע גוטע צייטן אַ טרונק טון, אַ קערטל אין אַ שבת־ביינאַכט מאַכן, זענען דאָ געבליבן אַליין, ווי צוריק פון אַ לויה אין דער שטילקייט. וואָס קומט נאָך אַ גרויסן אָנגעלויף, האָבן זיי זיך געפּאָרעט, דאָ ביי שרהן, דאָ ביים פייער. און אַז אַ פייער האָט שוין שטיל, קוים קריכנדיק, געלעקט די פליטע אינעווייניק, איז ביי זיי געבליבן — נישט וואַרטן ביזן פרימאָרגן, נאָר שוין אין דער מיטן נאַכטיקייט, נישט געקוקט, וואָס מ'טאָר נישט גיין ביי־נאַכט מיט דער הילף פון הויזהיטער, זאָל זיך איינער אַרייַנ־כאַפּן אין דער נאָענטסטער אַפּטייק און רופן דעם דאָקטאָר פּי־קאָלסקי.

אין שטילער דערוואַרטונג האָט דער איינציקער, וואָס איז איצט געבליבן מיט נאָטען, דערפילט אַ נאָגנדיקע לאַנגווייליקייט. ער האָט געקוקט אויף נאָטען, וואָס איז געשטאַנען גלייך, שטייף אויסגעצויגן, פּונקט ווי דער שאָטן זיינער ביי די פיס; אויף שרהן מיט דער נאַסער שמאַטע אַרום קאָפּ, וואָס כאָרכלט, ווי אַ גוסס. אים האָט עפּעס גענאָגט, האָט ער דערווייל שטילערהייט, שרה זאָל נישט הערן, זיך אַ קריג געטון מיט נאָטען:

— וואָס האָסטו געשוויגן, נאָטע? מיט טיפּוס שפּילט מען זיך? קאָנסט אומברענגען אַ וועלט! ס׳איז דאָך פייער!

נאָטע האָט גאָרנישט געענטפערט. ער איז געשטאַנען גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, נישט געוווסט אפילו, אַז ער שטייט, אַז ער איז גאָר דאָ, עפּעס ווי ער וואָלט נאָר וואָס געהאַט גע־קריגן מיט אַ גרויסן שטיין איבערן קאָפּ און איז פּלוצלינג צעמישט געוואָרן.

די נאַכט האָט אָנגעהויבן ווערן גרוי. אַן אַלטע, אויסגעלעב־טע האָט זי נאָך אַריינגעקוקט אין פענסטער. ביסלעכווייז האָט גע־נומען העלן, ליכטיקער ווערן. אין שטוב האָבן די שאָטנס גענומען אויסגיין, פאַרשווינדן. ס׳לעמפּל אויפן טיש האָט געברענט עפּעס אַזוי שרעקעוודיק, ווי אַ יאָרצייט־לעמפּל, נישט געוווזן, ווער עס זאָל אַ בלאָז טון און אויסלעשן דעם לעצטן סימן פון דער טרויע־ריקער נאַכט. קיינער האָט זיך נישט באַוועגט, גלייך אַלע דאָ אין שטוב וואָלטן גאָר קיינמאָל נישט געלעבט. בלויז ס׳פייער האָט אַביסעלע היימלעכער געקנאַקט אין פּליטע, און אַרויסגעשיקט פון זיך אַזאַ רויטן שיין אין דער אַרומיקער פאַרטאָגיקער גרויקייט.

אָנגעשפּאַרט אָן קאָפּשטיק פון בעט איז געשטאַנען נאָטע, דעם קאָפּ אין די הענט, ווי ער וואָלט אים אונטערגעהאַלטן, ער זאָל נישט אַראָפּפאַלן, שוואַרץ פון שווייגן. דער ייד איז געזעסן ביי דער קיך. איינגעדרימלט האָט ער אויסגעזען, ווי אַ חברה־קדישא־מאַן, ווען מ׳האָט געלאָזט היטן אַ מת. בלויז שרה האָט זיך ווי פּלוצלינג דערמאָנט און מיט די לעצטע כּוחות אַריינגע־כליפּעט אין זיך אַריין:

— מיין בראָך! מיין ווינד! וויי מיר!

נאָר אָט איז זי פאַרשטומט געבליבן. די טיר האָט זיך שטיל געעפנט און אַן אַלטער קריסט, רויק, גלייך ווי קיינמאָל גאָרנישט, האָט אַרויסגעשיקט פון זיך אַרויס אַזאַ געמיטלעכן: דזיען דאָברי!

פאַוואָליע האָט ער אויסגעטון ס׳קאַראַקולענע היטל, אַראָפּ־געמאַכט דעם ברייטן פוטערנעם קאָלנער. לאַנגזאַם, פינגער נאָך

פינגער, אַראָפּגעצויגן די שוואַרצע זאַמשענע הענטשקעס, פאַרזיכ־טיק זיי אַריינגעלייגט איןביידע קעשענעס פון פוטער. אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם, האָט ער אַרויסגענומען די פענסנע, אויסגעווישט די גלעזער מיט אַזאַ ווייך שטיקעלע זאַמש. געלאָסן זיי אַרויפגעקוועטשט אויף דער נאָז. און איצטער, זיך דערנענטערנ־דיק צום בעט, האָט ער זיך ווי צוגעזונגען: — צאָ שען סטאַלאָ? פּאָצאָ פּלאַקאַטש?

אַ פּאָר טריט אַוועק פון בעט איז ער געבליבן שטיין אַזוי האַלב־איינגעבויגן אויף אַ פּאָרנט אויס. די הענט זיינע אָנגעשפּאַרט אויף די אייגענע היפטן, האָט ער אַריבערגעקוקט צו די פּנימלעך, וואָס האָבן געפּלאַקערט פון היץ, און אַרויסגעלאָזן אַזאַ שרעקלעך שווער כאָ־כלען, ווי נאָר־וואָס געקוילעטע קעלבער.

פּאַן פּיקאַלסקי איז אַזוי געשטאַנען. אָט האָט ער געקוקט אויף די קינדער, אָט האָט ער אַ וואָרף אַריבער געטון די אויגן אַהין צו שרהן און אָט גאָר צו נאָטען, געקוקט אָט, דאַכט זיך, מיט רחמנות אויף די דאָזיקע אָפּגעריסענע באַשעפענישן. נאָר אָט האָט זיין בליק געבליצט מיט פייער, גלייך צוויי אָנגעגליטע שפּיזן וואָלטן אים געזעסן אין די אויגן און שטעכנדיק געברענט... און די, אויף וועמען די בליקן זענען געפאַלן, האָבן זיך פון ווייטאָג געקאָרטשעט, זיך געדריקט צו דער וואַנט, ווי זיי וואָלטן וועלן די ווענט זאָלן זיי איינשלינגען און ווערן נישט.

ווי לאַנג האָט דער מאָמענט געדויערט? ווער קאָן זאָגן! דאַכט זיך, אייביק! שטיל... קיין שאָרך.

נאָטע אין ווינקל, אינם שוואַרצן לאַך איינגעהילט, ווי אַ סטראַשידלע אין פעלד, איז געשטאַנען אַזוי טויט, בלויז אין מוח האָט זיך אים געגאָסן אַזאַ הייסער בליי, גלייך די געהירן וואָלטן אים צערונען געוואָרען. און דאָס לייב בריט אים אַזוי! וואָס זאָל ער טון? צולויפן אָנכאַפּן דעם דאָקטאָר? פאַלן אים צו די פיס? בעטן אים ראַטעווען! האָב רחמנות, פּאַניע דאָקטאָר! האָב רחמנות!

ער האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט. די קני זענען אים געווען, ווי שווערע קלעצער, נישט קיין בויג. שטייף! די צונג אין מויל — אַ שטיק לעדער, טרוקן, פאַרשטאַרט.

נאָר שרה האָט שטיל, קוים-קוים געשלוכצט, כאָטש זי האָט מיט די אייגענע פויסטן פאַרפּאַקט ס'מויל, האָט דאָך דאָס שניידיקע קלאָגן געזעצט איר דורך דער קעל פון האַרץ אַרויס. זי האָט זיך געוואָלט באַהערשן, איינהאַלטן דעם טרערן-גאָס, אָבער אַלץ שטאַר־קער און שטאַרקער האָט עס אַרויסגעוואָיעט פון איר, ביז זי האָט זיך אַ שליידער געטון אויף דער פּאָדלאָגע צום דאָקטאָרס פיס.

— פּאַניע דאָקטאָר, ראַטעווע מיינע שוואַלבן! האָב רחמנות! פריער גאָט, דערנאָך דו! טייערער דאָקטאָר, האַרציקער פּאַן, האָב מיטלייד! כ'וועל מיר ס'לעבן נעמען! געוואַ—אַ—אַלט! נו ע—טע! וואָס שטייסטו! וואָס בעטסטו נישט!

ווי איינער, וואָס האָט די פּאַליקע, האָט זי פּלוצים גענומען האַקן קאָפּ אָן דער פּאָדלאָגע, זיך וואַרפן און שרייען געוואַלט מיט אַזאַ יאָמערלעך קול, וואָס האָט געשניטן ס'לייב, ווי אַ זעג.

דאָקטאָר פּיקאַלסקי האָט אַראָפּגענומען זיין בליק פון די צוויי כאָרכלענדע קינדער, אַראָפּגעקוקט צו איר און שטיל פאַר זיך, פול מיט צער, געמורמלט:

— ביעדאַטשקאַ, ביעדנאַ מאַטקאַ (אָרעמע, אָרעמע מאַמע)!

ער האָט זיך אָבער באַלד, ווי צוריקגעכאַפּט. דער דאָקטאָר אין אים האָט זיך געקראַמפּט פון דעם פאַרברעך, וואָס אָט-אָ די מאַמע, וועלכע וואַלגערט זיך איצטער ביי זיינע פיס איז באַגאַנ־גען קעגן אירע אייגענע קינדער. דורך זיין מוח איז אַדורכ־געפלויגן:

— וויפיל טויזנטער לעבנס ברענגען אום די אייגענע, אויס מורא פאַרן שפּיטאָל? גאָט מיינער!

ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן. אַלץ אין אים האָט זיך געוואָרפן. ער האָט געטופּעט מיט די פיס שרהן אין פּנים אַריין:

— צאָ, מאַטקאַ יעסטעש? סוקאַ טי! פשאַקרעוו טי! אומגעבראַכט דיינע אייגענע קינדער! דו אויסוואורף! אין קרימינאַל אַריין וועסטו גיין, פאַרפוילט ווערן אין קייטן, טי, סוקאַ טי!

ס'האָט אים, דאָקטאָר פּיקאַלסקין, אָטעם פאַרפעלט, די פּיס האָבן אים געדריגעט פון כעס. די פענסנע, וואָס האָבן אים געהאָנגען אָנם גאָלדענעם קייטעלע ביים אויער, האָבן זיך געטרייסלט, פונקט ווי ער איינגאַנצן.

— אַ טי! — האָט ער, ווי פלוצלינג דערזען דעם ייד. — אַ טי! אַ טאַטע ביסטו? דו טייוול! איבערגעפירט אַזעלכע יונגע פייגעלעך! קוק! קוק, דו הינטיש בלוט, זע, ווי זיי גייען אויס!

— פאַניע דאָקטאָר, נישט איך, נישט איך. דאָס איז דער טאַטע — האָט זיך דער ייד געקאָרטשעט, אָנווייזנדיק אויף נאָטען אין ווינקל.

דאָקטאָר פּיקאַלסקי האָט שוין אָבער גאָרנישט געהערט. ער האָט שנעל אַריינגעלייגט די ברילן אין שיידל און סאַפנדיק געשריגן:

— גלייך! אָט באַלד זאַמעלדעווע איך דעם קעטשל. באַלד וועט דאָ זיין ס'קעטשל פון פאָקאָרנע גאַס.

די שעהן, וואָס דאָקטאָר פּיקאַלסקי האָט געלאָזן נאָך זיך ביי נאָטען אין שטוב, זענען געווען שטילע, טויטע, ווי אויפן בית-עולם אויפגעקליבענע.

נאָטע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אינם אייגענעם ווינקל, זיך נישט גערירט. שוואַרץ, ווי קויל. געגלאָצט אַזוי זיך אין דער שטוב אַריין.

שרה, צעשפּרייט ווי אַ קוואָקע, איז געזעסן אויפֿן ראַנד בעט לעבן די צוויי מיידעלעך אַן אויסגעשעפּטע, אַ טרוקענע. גאָרנישט האָט זי געקאָנט. גאָרנישט געוואָלט. נאָר אָט האָט גענומען אויפֿ־טליען אין איר אַ פֿונק, עפּעס אַ לעבעדיקער פֿונק, וואָס האָט זיך ביסלעכווייז צעשפּרייט, אָנגעפֿילט אין איר יעדער קעמערל, ביז זי איז שוין פֿול געוואָרן, האָט זי געטון אַ שפּרונג אויף, ווי אַ שפּרינג־מעסער:

— נאָטע, מ׳טאָר נישט שטיין! נאָטע, וואָס שטייסטו, ווי אַ גולם! וואָס שווייגט מען? מ׳דאַרף עפּעס טון.

צוזאַמען מיטן מויל, וואָס זי האָט נישט ציגעמאַכט, האָט יעדער גליד אין איר געפֿיבערט. פֿון נישט וויסן, וואָס צו טון, האָט זי זיך אויסגעקנאַקט די פֿינגער. וואָס האָבן אָפּגעקלאַפּט אַזוי ביינעריק טרוקן. אָט האָט זי גאָר געטון אַ פּויזע אַוועק פֿון בעט, שלעפּנדיק די צוויי פֿיס אין די גרויסע טשאַפּעס, גלייך אַ טשע־רעפּאַכע וואָלט זיך דאָ געררוקט אויף דער פּאָדלאָגע. און אָט איז זי גאָר געבליבן שטיין אינמיטן שטוב אַ שטילע, זיך פֿאַרטראַכט. דערנאָך:

— נאָטע, כ׳גיי צולייגן די קינדער קאַלטע קאָמפּרעסלעך צו די קעפּלעך. זיי ליגן דאָך אין אַזאַ פֿאַל. האַ, נאָטע? וואָס ענט־פֿערסטו נישט, נאָטע? כ׳וועל מיר אַ מעשה אָנטון! געוואַלט, וואָס שטייסטו אַזוי?

נאָטעס פֿאַרחלשטע שטיין אויף איין אָרט, זיין גלאָצן מיט די אויגן און ס׳נישט ענטפֿערן זיינס, האָבן זי אַ הויב געטון אַהין צום פֿענסטער צו, וווּ ער איז געשטאַנען. זי האָט אים אָנגעכאַפּט פֿאַר די לאַצן, געטרייסלט און געשריגן:

— אַ בראָך איז מיר, נאָטע! וואָס איז דיר, דו חלשסט? נאָטע, ענטפֿער מיר!

נאָטע האָט אויפֿגעהויבן די אויגן אויף איר, אַזאַ ווייכן קוק געטון:

— ניין, שרהלע, ס׳איז מיר גאָרנישט. שרעק דיך נישט.

— ווי איז מיר, אַ מאַנסביל דו ביסט! אַ שטרוי. אַלץ נעבעך אויף מיר. זאָג מיר נאָטע, זאָל איך זיי צולייגן קאַלטע קאָמפּרעסלעך? וואָס קאָן דאָ שאַדטן? האַ, וואָס זאָגסטו?

— דו פרעגסט מיך, ווייס איך, וואָס ס'איז גוט? וואָס זאָגסטו קאָמפּרעסלעך? ס'וועט זיי נישט שאַדטן, שרהלע? ביסט דאָך אַ מאַמע, איך זאָל וויסן?

— זעסטו, נאָטעשי, כ'וועל זיי צולייגן קאָמפּרעסלעך, מיט זיין ליבן נאָמענס הילף. און דו וואָלסט אפשר געגאַנגען אין שול אַריין, וואָלסט געשטעלט ליכט. כ'ווייס? האָט שוין גאָט דעם גאַנצן צאָרן אויף אונז אויסגעגאָסן? וועסט זען, נאָטעשי, דער אויבער־שטער וועט זיך אויף אונז מרחם זיין! פאַרן דאָקטאָר האָט ער אַ גרויסע דר'ערד. ס'קעטשל וועט קומען, וועל איך זיי גאָרנישט די שוועל אַריבערלאָזן. גיי, נאָטעשי!

— אָבער נאָטע איז נישט געגאַנגען. ער האָט גאָר צעהאַקט נאָך אַ בענקל, געמאַכט אַביסל פייער, און ווייל שרה האָט זיך געפּאָרעט מיט די נאַסע האַנטיכער אויף און אָפּ די קינדערס קעפּלעך, האָט ער עפּעס אַרויפגעבראַכט, צוגעוואַרעמט און געפרעגט שרהן:

— אפשר אַ קאַפּעלע מילך? האַ די ליפּעלעך זענען זיי אַזוי פאַרשרפּעט.

— חלילה! אין אַזאַ היץ? אוי, ביסט דאָך גאָר אַ נאַר, נאָטע.

נאָטע און שרה זענען געזעסן אויפן ראַנד בעט. די נאַכט איז שוין פון לאַנג געווען צוגעפאַלן. אַ פיינלעכע פינסטערניש איז גע־לעגן אויסגעשפּרייט איבער דער שטוב. דורך די אייזיקע שויבן

האָט זיך אַ שוואַכער אָפּשיין פונם דרויסנדיקן שניי דורכגעגליטשט. שטיל, ס׳אָטעמען פון פיר נפשות האָט אין דער פינסטערער שטיל־קייט עפּעס אַזוי אָפּגעפּייפט, גלייך שדים וואָלטן דאָ ערגעץ אויף דינינקע פייפלעך געפּייפט. נישט שרה און נישט נאָטע האָבן איצ־טער פון עפּעס געטראַכט. זיי זענען בּיידע געזעסן פוסטע, אויס־געליידיקטע. וואָס ס׳זאָל שוין איצטער נישט געשען, וואָלטן זיי נישט פּעיק געווען אפילו זיך אונטערצוהייבן. אייגנטלעך האָבן זיי איצט כמעט, ווי נישט געלעבט. ערגעץ אין זיי האָט נאָך געטליעט אַ קליין פונקעלע, אַ פונקעלע אַזאַ, וואָס ס׳וואָלט פיל לייכטער געווען אינגאַנצן צו פאַרלעשן, איידער עס אויפצובלאָזן און לעבע־דיק מאַכן. און דאָך! און דאָך איז געגוג געווען, אַז צו זייערע טעמפּע געהערן זאָל זיך דערטראָגן בלויז דער אָפּקלאַנג פון פער־דישע פּאָדקאָווע‏ס, דאָס רעדער־געדריי אַ נם האַרטן שטיינערנעם ברוק, אַז זייערע פאַרחלשטע הערצער זאָלן נעמען זעצן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז אָט און זיי פּלאַצן.

נאָך איידער שרה און נאָטע האָבן זיך אויפגעשטעלט אַ בליק צו טון דורכן פענסטער, ווער דאָס איז מיט אַזאַ געהילך פאַרפאָרן אין הויף אַריין, האָט זיך שוין די טיר געטון אַ פּראַל אַריין, און דעם הויז־וועכטערס קול, ווי אַ וואַלעק איבער דער פּאָדלאָגע, האָט זיך געטון אַ קאָלער אַדורך: — טוטאַי, פּאַניע דאָקטאָרזשע !

ווי שאָטנס האָבן זיך עטלעכע פיגורן אַריינגעשלייכט אין דער פינסטערער שטוב אַריין. פון דער פינסטערניש האָבן זיך זייערע ווייסע כאַלאַטן אַזוי תכריכימדיק אַרויסגעשניטן. ווייסע פיגורן אין דער שטוביקער פינסטערניש, גלייך מתים וואָלטן פון זייערע קברים אַרויס און אַהער, צו נאָטען מיט שרהן.

ער האָט ליכטיק געמאַכט אין שטוב? ביידע האָבן זיך דאָך נישט אַוועקגערירט פון בעט, געוואָלט עס פאַרשטעלן מיט די אייגענע פּלייצעס. ווער־זשע האָט דאָך געמאַכט ליכטיק? אָט שטייען זיי דאָך, די „ווייסע" דאָקטוירים ביים בעט, באַטראַכטן די קינדער, רעדן צו זיך, און נישט נאָטע, נישט שרה, גיבן אפילו אַ טריט. ערשט, ווען זיי האָבן אַפּערגענומען ס'עלטערע קינד, עס גוט איינגעוויקלט, אַז בלויז ס'פּאַרשפּיצטע נעזל האָט זיך אַרויסגעזען, און גענומען גיין, ערשט דאַן האָט זיך שרה, ווי אויפגעכאַפּט פון אַ שווערן שלאָף און אויסגעבראָכן:

— ליבע, טייערע מענטשן, ראַטעוועט!

אייגנטלעך האָט זי נישט געוווּסט. וואָס זי וויל. דאָס, וואָס זיי נעמען נאָר איינס און ס'קלענערע לאָזן זיי איבער, האָט איר צעמישט. זאָל זי בעטן, מ'זאָל ס'אַנדערע אויך נעמען? אָדער אפשר מ'זאָל ביידע לאָזן?

— ליבע, טייערע דאָקטוירים, ראַטעוועט!

קאַלט, בייז, ווי מיט אַ טעמפּער זעג אָפּגעשניטן, האָט מען איר אַ שליידער געטון צוויי ווערטער:

— זאַ פּוזשנאָ! (צו שפּעט!)

נאָטע, ווי געליימט, איז געבליבן אין שטוב. ער האָט געקוקט אויפן קאָפּשנדיקן נאכט־לעמפּל, אויף דער טרויעריקער שאָטנדיקייט, וואָס איז געלעגן אין אַלע ווינקעלעך, אויף זיך אַליין, זיין אייגענער נעבעכדיקייט, זיך איינגעהערט צו די יאָמערלעכע געוואַלטן אויפן הויף פון זיין שרהן, ווי זי דראַפּעט זיך נאָך דעם אַוועקפאָרנדיקן „קעטשל". ער האָט זיך דערמאָנט אָנם קינד, וואָס מ'האָט אים געלאָזן אין שטוב. ער האָט זיך דערנענטערט צום בעט, זיך באַגעגנט מיטן קינדס בליק, וואָס האָט אים געבריט, אים האָט זיך געדאַכט, אַז ס'קינד וואַרפט אים איצט אויף, אַז ער האָט עס אַליין פאַרשפּילט. ער האָט עס נישט געקאָנט אויסהאַלטן. עפּעס ווי אַ קוואַל וואָלט זיך ביי אים פון דער טיפעניש אַ ריס געטון

און אַרויסגעשפּאַרט דורך די אויגן. פון זיך אַליין, ווי אַן אונטער־געהאַקטער בוים, איז ער געטון אַ פאַל אַראָפּ אויף די קני, פאַר־וואָרפן דעם קאָפּ אויפן בעט און יאָמערלעך געקלאָגט...

שרה איז אַריינגעקומען יאָמערדיק, מיט פאַרבראָכענע הענט, ווי פון אַ לויה, גרייט אויפצוזינגען. אָבער זי איז, ווי פאַרשטומט געבליבן פונם צער, וואָס האָט אַראָפּגעווייַנט פון נאָטעס פּלייצע, פון אָט דעם ליגנדיקן שוואַרצן פּאַק — איר נאָטע. זי איז גע־שטאַנען אינמיטן שטוב. קיין טריט נישט. נישט אַהין, נישט אַהער.

נאָטע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— שרה? וואָס שטייסטו אינמיטן שטוב? וואָס זעצסטו זיך נישט?

שרה האָט אים אָנגעקוקט. די שטילע ווייכקייט אין זיין קול האָט זי געשראָקן. זי האָט זיך צוגעשלייכט.

— נאָטע, ביסט קראַנק?

— ניין, ס'איז מיר גאָרנישט. אָבער, שרהשי, וואָס טוט מען ווייטער?

דער „וואָס טוט מען ווייטער" האָט איר דערמאָנט אָן איר אייגן געזאַנג, וואָס איז איר געבליבן שטיין אין האַלז ביים אַריינ־קומען, און זי האָט אָנגעהויבן אויפסניי מיט אַ ניגון, אַזוי חורבן־ירושלימדיק, ווי תשעה באב.

— ווייַ איז מיר, וואָס טוט מען, וואָס הויבט מען אָן צו טון, צו וואָס האָב איך גענדאַרפט עמעצן האָרכן? דו, נאָטע, דו האָסט מיך געקוילעט! מורא געהאַט פאַרן קעטשל! נישט גערופן קיין דאָקטאָר! ווייַ מיר, מיט אייגענע הענט. כ'וועל דאָך גאָר קיין פאַרענטפער נישט האָבן פאַר גאָט. דו! נאָר דו, נאָטע! דו ביסט דער מערדער!

דאָס דאָזיקע געזאַנג שרהס האָט אים, נאָטען, געטריבן הין און צוריק איבער דער שטוב, ווי אַ שאַרפע בייטש אַן אומגליק־לעכן הונט. יעדעס וואָרט אירס האָט אים געבריט, ווי גליענדיקע

אייזנס. ער האָט אָבער קיין האַרץ און קיין כּוח נישט געהאַט איר צו ענטפערן, ער האָט נאָר בלויז נאָך יעדן וואָרט אירס פאַרגי-כערט זיין שפּרייז, ביז ער איז שוין איצטער פּשוט געלאָפן, ווי אַ משוגענער, אויף און אָפּ אין אַ פאַרשלאָסענער קאַמער. אונטער יעדן טריט נאָטעס האָט די פּאָדלאָגע געקרעכצט אַזוי יאָמערלעך, ווי זיין געמיט.

— וואָס לויפסטו אַזוי אַרום, נאָטע? מ׳דאַרף אפשר ברענגען אַ דאָקטאָר! האָסט נאָך עטלעכע מאַרקן?

דער געדאַנק האָט זיך באַהאָפטן אָן נאָטעס מוח:

– אפשר טאַקע רופן אַ דאָקטאָר? וואָס איז שוין דאָ מורא צו האָבן?

ער האָט אַריינגערוקט די האַנט אין בוזעם-קעשענע, אַרויסגע-שלעפּט עטלעכע צעקנייטשטע פּאַפּירלעך, זיי אויסגעגלייכט, געכאַפּט אויף זיך דעם שוואַרצן לאַך זיינעם און צוגעהאַקט די טיר הינטער זיך.

די מינוטן, וואָס נאָטע איז נישט געווען אין שטוב, זענען פאַר איר געווען אייביקייטן. זי האָט נישט געוווּסט, וואָס מיט זיך צו טון? ס׳האָט זי געהויבן. דער געדאַנק, אַז „ס׳קעטשל״ האָט צוגענומען ס׳קינד, אַז ס׳קינד איז דאָרטן איצטער אַליין ביי די רוצחים אין די הענט. האָט איר געשרפהט. זי איז שוין גרייט גע-ווען צו לויפן אַהין אויף פּאָקאָרנע גאַס צום שפּיטאָל צו, טאָמער וועט מען זי אַריינלאָזן צום קינד אירן. זי האָט זיך אָבער באַלד אַ קוק אום געטון אויפן גוססדיקן קינד, וואָס איז געלעגן אין בעט, דאָ לעבן איר, אַז זי זאָל צעפרעסן ווערן פון הילפלאָזיקייט. זי האָט נישט געקענט איינזיצן. יעדע ווייל איז זי צוגעלאָפן צום פענסטער, אַרויסגעשטאַרצט די צוויי אויגן אין דער נאַכטיקער פינסטערניש. אָט, האָט זיך איר געדאַכט, הערט זי די טריט. זי האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, נאָכגעפאָלגט די טריט, וואָס האָבן זיך געטראָגן דורכן קאָרידאָר פון די טרעפּ, העכער, העכער, אָט, אָט, נאָר ס׳האָט זיך גאָר געעפנט אַ צווייטע טיר און איינגעשלונגען דעם גאַנג. נאָך אַזאַ אָנשטרענגען אַלע חושים, איז זי צוריקגעפאַלן פאַר אַ מינוט, נאָר אָט האָט עס איר ווידער אַ שטאָך געטון און

י האָט ווידער גענומען שפּאַנען פון פענסטער צו דער טיר און צוריק, אַזוי פאַרשפּיצט מיט אַלע חושים, ווי אַ קאַץ, ביי וועמען מ'האָט נאָר וואָס אַוועקגענומען די יונגע אירע, זי אָפּגעשלאָגן דאָ אין שטוב, און זי דראַפּעט זיך אַרום די ווענט און זוכט אַ לאָך, אַ שפּאַלט זיך אַרויסצורייסן אַהין...

נאָטע איז געקומען צוריק אַליין, אָן אַ דאָקטאָר. שווער היינט צו קריגן אַ דאָקטאָר. מ'האָט אים צוגעזאָגט, „מ'וועט שיקן". ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד בעט אַ מידער, אַ צוריקגעפאַלענער. אויך שרה איז איצטער געזעסן אַ שטילע, אַן אויסגעטרוקנטע, ווי אַ שישקע, נישט נאָר אָן טרערן, נאָר אויך אָן ווערטער. מער נישט, די אויגן האָבן ביי זיי געפיבערט, געשפּרונגען הין און צוריק, זיך אַלע ווייל אָפּגעשטעלט אויפן קינד, וואָס איז, אַ נישטצוגענומענס, געבליבן דאָ אין בעט אַליין, ווי פאַריתומט מיט אַ שמייכעלע אויף די בלויע ליפּעלעך, אַ שפּילעוודיק שמייכעלע, אַזאַ רויקס, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם סוף פון אַ יונג קינדיש לעבן...

אויף זייערע הענט, אויף שרהס און נאָטעס הענט, איז ס'קינד געשטאָרבן. ס'איז אייגנטלעך נישט געשטאָרבן, ס'איז בלויז אויסגעגאַנגען, ווי אַ קליין ליכטל, מיט אַ שמייכעלע, אַזאַ גלעטנדיק, רויִק שמייכעלע איז עס אויסגעגאַנגען. ס'איז געווען אָט אַזוי:

נאָטע און שרה זענען ‒ געזעסן מידע, שטילע, ווי פאַרטראָגענע. קיין שאָרך. די נאַכט האָט זיך געצויגן מיט אַזאַ חושכדיקער לאַנגקייט. פון אַלעם אַרום האָט אַראָפּגעווייעט מיט בית־עולם. אין די אויערן ביי זיי האָט פון שטילקייט אַזש געקלונגען. פון דעם געקלאַנג האָט זיך אַרויסגעשיילט אַזוי שטיל, קוים־קוים, ווי אַ שטילינק, קליין וואַסערל וואָלט געפּליסטערט.

— מאַמע.

זיי האָבן זיך אַ דריי אום געטון, ווי זיי וואָלטן פּלוצים לעבעדיק געוואָרן. זיי האָבן זיך געבויגן נענטער:

— וואָס איז, טאָכטערשי?

אַ פּאָר גרויסע, רויקע אויגן האָבן געקוקט אויף זיי אַזוי סאַמעט-ווייך, אַזוי רויק, זאַנפט, שוין לאַנג, ווי זיי האָבן נישט געהערט—מאַמע.

— וואָס ווילסטו, טאָכטערשי?

ס׳קינד האָט אויסגעשטרעקט אַ פּאָר הענטלעך, דאַרע, פּי-בערדיקע, געוווּנקען מיט די אויגן, אַזוי ווייטאָגדיק רויק, אַז ס׳האָט אַזש ס׳האַרץ אויסגעריסן:

— נעם מיך, מאַמע.

זיי האָבן זיך ביידע איבערגעקוקט. נישט געוווּסט, וואָס צו טון. דאָ האָט פּלוצים שרה געטון אַזאַ וויקל אַרום ס׳קינד אינם איבערבעט און צוזאַמען מיטן איבערבעט, פּאָרזיכטיק, עס נישט אָפּצודעקן, האָט זי עס געטון אַ הויב צו זיך אויף די הענט, ווי ס׳וואָלט געווען אַ פּיצעלע צום זויגן.

אַ פּאָר מינוט האָט ס׳קינד שווייגנדיק געקוקט אויף זיי-דאַן צוגעמאַכט די אויגעלעך, פאַרדרייט ס׳קעפּל מיט די ליפּע׳לעך צו דער מוטערס ברוסט, ווי ס׳וואָלט גענומען זויגן און איינגעשלאָפן. איינגעשלאָפן און שוין מער נישט אויפגעשטאַנען...

— — — — — — — — — — — — —

שבעה זענען שרה און נאָטע נישט געזעסן ביי זיך אין שטוב. גלייך ווי דער שוואַרצער וואָגן איז אַריינגעפאָרן אין הויף און די צוויי יידן אין די פלאַכע, שוואַרצע קאַפּעלושן מיט זייערע לאַנגע, שוואַרצע קאַפּאָטעס האָבן געטון אַזוי גיך-גיך אַ רוק

אַריין ס׳שוואַרצע קעסטל אין וואָגן אַריין, ווי ס׳וואָלט געווען עפּעס אַ שופלאָד בלויז, אָט־אָ דאָס שוואַרצע קעסטל, אין וועלכן זייער שיינדעלע איז איצטער געלעגן אַ דאַרס, אַ פּאַרמעטענס מיט פֿאַרגלייזטע אויגעלעך, ווי ביי אַ הינדל נאָך דער שחיטה. אָט פּונקט דאַן זענען אַריינגעקומען אַ גאַנצע כאָפּטע גויים אין ווייסע כאַלאַטן, אָנגעשאָטן אַזאַ שטינקענדיקן פּראָשעק, וואָס רייסט אין האַלז, אַרויסגעשלעפּט ס׳שוואַרצע שטרוי פון די נאַקעט־אָפּגעדעקטע בעטן, צעוואָרפן אַלץ אינמיטן שטוב און עס אונטער־געצונדן, ווי מ׳צינדט אונטער ס׳חמץ ערב פּסח. אַ ווײַלע זענען זיי אַזוי געשטאַנען אַרום דעם רויכיקן אָנפלאַמיקן פייער אומבאַ־וועגלעך, עפּעס ווי אַ כאָר מתים וואָלטן זיך פלוצים פאַרקליבן צו נאָטען אין שטוב און פּראַווען אָט ביי דעם רויכיקן פייער עפּעס אַ נישט־דאָאיקע, אַן אַנדער וועלטיקע־סעודה...

נאָטע און שרה האָבן דאָס אַלץ נישט געזען. ווען זיי זע־נען צוריקגעקומען, צעבראָכענע, איינגעבויגענע אבלים, איז שוין זייער שטוב געווען אָפּגעשלאָסן, פאַרחתמעט מיט אַ שילדל פון דרויסן: אָט יענץ „טיפוס־שילדל״, וואָס וואָרנט דעם פאַרבייגייער פאַר דער פּעסט...

איצטער זענען זיי ביידע געשטאַנען אונטער דער פאַר־חתמעטער טיר אינם פינסטערן קאָרידאָר, ווי אַרויסגעוואָרפענע קרעציקע הינט. וווּ גייט מען? זיי האָבן זיך ביידע שטום און פול מיט צער אָנגעקוקט. נאָר אָט האָט נאָטע שטיל, אָבער דרייסט, ווי ער וואָלט פלוצלינג אַ נייעם כּוח דערפילט אין זיך, אַ זאָג געטון:

— שרה! לאָמיר אויסטון די שיך. אבלים זענען מיר. מ׳דאַרף זיצן שבעה!

שטיל, אָן אַ וואָרט, ווי אַ שאָטן, האָט שרה נאָכגעטון אַלץ, וואָס איר מאַן, זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד. די פּלייצעס צו דער טיר, אָט אַזוי די קנאָכיקע פּיס אויפגעשטעלט, ווי קראָקוועס, די קעפּ אַראָפּגעהאָנגען צווישן די קני, האָבן זיי

ביידע אויסגעזען, ווי צוויי אַרויסגעוואָרפענע הורבעס שמאַטעס, פאַרגעסענע, וואָס וואַרטן, דער שמאַטע-קלויבער זאָל זיי קומען צו-נעמען פון דער טיר...

שכנים זענען פאַרבייגעגאַנגען. זיך אָפּגעשטעלט, געשאָקלט מיט די קעפּ, טייל פון אמתן צער, טייל פון יוצא וועגן, זיי געטרייסט, אַראָפּגערעדט אויף זייערע, נאָטעס און שרהס, קאָפּ אַרויף.

ביסלעכווייז איז אין הויז געוואָרן אַ גערודער. שרהס און נאָטעס זיצן אינם פינסטערן קאָרידאָר אין דער קעלט האָט קיי-נעם נישט געלאָזט רוען. איטלעכער האָט פאָרגעלייגט. דער צוויי-טער זאָל זיי אַריינגעמען אויף איבער דער שבעה צו זיך אין שטוב. אָבער יענער האָט גלייך געענטפערט:

— פאַרוואָס נישט ביי אייך? וואָס גיט איר עצות? איר זייט דאָך אַ נאָענטער שכן, אַ טיר אין אַ טיר.

נאָר אָט אינמיטן געטומל איז אַרויסגעלאָפן אַ שכן סאַפּנ-דיק און מיטן גאַנצן כוח, גלייך מ׳וואָלט אים געוואָרגן, אויס-געשריגן:

— כ׳האָב שוין, קריגט זיך נישט, כ׳האָב שוין!

קיינער האָט נישט געוווסט, וואָס ער האָט שוין. ער איז געקומען אַביסל צו זיך, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און אַרויס:

— איר רייסט זיך דאָ: ביי דיר, ביי מיר, האָב איך גע-זען, אַז פונם רייסן וועט גאָרנישט זיין, בין איך געלאָפן צום ווירט, האָט ער געהייסן נעמען די שטוב אונטן, וואָס שטייט ליידיק, ביז די „קאָמיסיע" וועט אויפּחתמענען זייער שטוב. נאָר ביז וואָס-ווען איז דאָרטן, ווי אין אַ העק. מ׳דאַרף מאַכן אַביסל פייער. מ׳קאָן דאָך געכאַפּט ווערן פון קעלט.

כאָטש אין דער ניי-פאַרקליבענער שטוב האָט איצט גע-ברענט אַ פייער און צעשפּריצט אַ וואַרעמע היימלעכקייט אַרום, זענען דאָך נאָטע און שרה געזעסן פאַרשטופּט אין אַ ווינקעלע,

שטומע, אָן לעבן, ווי צוויי קראַנק־געפאַלענע הינער אין אַ מגפה, פאַרוואַרפן די קעפּ, אָט־אָט און ס׳איז זייער סוף.

זיי האָבן נישט געזען דאָס קיך־בענקל, וואָס מ׳האָט אַני־דערגעשטעלט לעבן זיי, אויף וועלכן ס׳איז געשטאַנען מילך, ברויט, וואָס לעבעדיקע באַשעפענישן דאַרפן האָבן. גאָרנישט האָבן זיי געוואָלט און באַדאַרפט. בלויז איין זאַך: מ׳זאָל זיי לאָזן אַליין, זאָל אויפהערן דער געטומל, זאָל מען זיי לאָזן אַליין אין זייער שטומען צער.

ס׳איז אַוועק אַ טאָג און צוויי. ביי שׂרהן האָט זיך עפּעס ווי אַ נייער טרערן־קוואַל געעפנט. זי האָט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט אַלץ, וואָס איז מיט איר פאָרגעקומען אין די לעצטע טעג. אָן ווערטער איז זי געזעסן און געקלאָגט. עפּעס גאָרנישט, ווי אַ יידענע. נאָטען האָט זיך געדאַכט, אַז שטענדיק וועט זי שוין אַזוי קלאָגן, אַז קיינמאָל וועט שוין דער יאָמער נישט אויפהערן. ער איז אויפגעשטאַנען פונם פוסנבענקעלע, אויף וועלכן ער איז געזעסן, אַביסל אויסגעגלייכט דעם רוקן, וואָס האָט אַזוי ווייטאָג־דיק געבראָכן. צוגעגאַנגען צו שׂרהן, האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ אַרויף צו זיך, אַ ווײַלע געקוקט אויף דעם אויסגעווייקטן פּנים אירן, אויף די רויטע אויגן, פון וועלכע נישט קיין טרערן, נאָר גאַנצע ריינעס בלוט, ס׳האָט געפלאָסן אַראָפּ צום אָדערדיקן האַלז צו.

— שׂרה, הער אויף צו וויינען! מ׳טאָר נישט אַזוי פיל קלאָגן. דאַרפסט נאָך זיין אַ מאַמע. ס׳קינד וועט מיט גאָטס הילף אַרויס געזונט פון שפּיטאָל. דו הערסט, שׂרה? הער אויף צו קלאָגן!

— אוי, נאָטע, ס׳האָט אונז אַ בראָך געטראָפן, ווי קאָן

איך אויפהערן, אַז די טרערן גיסן אַליין. אוי ווי, נאָטע, ווער ווייסט, וואָס ס'קינד אין שפּיטאָל מאַכט. נאָטע, גאָט ווייסט, צי מ'האָבן נאָך אַ קינד.

זי האָט אויפסניי צוזאַמענגעבראָכן. מיטן קאָפּ אָן פּאָדלאָגע געקלאַפּט אַזוי עקשנותדיק!

נאָטע, איבער איר איבערגעבויגן, האָט איר געגלעט די צע־ווייקטע באַקן, זיך געבעטן:

— שרהשי, דערבאַרם דיך, האָב רחמנות אויף דיינע יונגע יאָרן. געדענק, ס'קינד דאַרף אַ מאַמע. האָב רחמנות אויף מיר, ווערסט דאָך מיך אומברענגען מיט דיין קלאָגן.

זי איז שטיל געבליבן פּאַר אַ ווייל. נאָר פּלוצלינג האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַרויפגעלייגט אויף אים אַ פּאָר אויגן גלייך ווי זי וואָלט אים, נאָטען, ערשט באַמערקט, גלייך ער וואָלט אַ פרעמדער דאָ געווען. זי האָט געקוקט אויף אים, געקוקט אויף אים מיט אַזאַ אַרויסגעזעצטקייט, גלייך די גאַנצע וועלט משוגעת וואָלט אַרויסגעפּלאַקערט פון די אויגן אירע.

אַזוי גלאָצנדיק האָט זי געטון אַ שפּרונג אויף, אַ פלי צו צו דער טיר און אַזוי יאָמערלעך, מיט אַזוי פיל משוגעת אויסגע־צויגן אַזוי אין איין טאָן:

— מ־יי־ן ק־י־נ־ד!

נאָטע האָט אַ שפּרונג נאָך געטון, געכאַפּט זי פּאַר אַ האַנט:

— שרה, וואָס איז מיט דיר? ווו לויפסטו? שרה, קוק זיך אַרום, אין די זאָקן? זיצסט דאָך שבעה, שרה, מ'טאָר דאָך נישט אַרויס פון שטוב.

— נ־י־ן, לאָז מיך! לאָז מיך! מיין קינד!

איין גאָט ווייסט, ווי שווער נאָטען איז אָנגעקומען איר איינ־צוהאַלטן איבער דער שבעה אין שטוב.

שרה האָט זיך געריסן און געריסן, ביז ענדלעך, אויפן פינפטן טאָג, האָט זי זיך דאָך אַ ריס געטון, און ווי אַ צעווילדעוועט

פערד, וואָס האָט געלאָזן דעם וואָגן מיט אַ מאַסע הינטער זיך, איז זי געלאָפן דורך די גאַסן אָן אַן אָפּשטעל, אַהין אויף פּאָקאָרנע גאַס צו דער רויטער מויער...

טאָג נאָך טאָג, גאַנצע טעג און נעכט, האָט שרה זיך אַרומגעשלעפּט אונטערן רויטן טויער. כאָטש מ׳האָט זי געטריבן פונדאַנען, איז זי דאָך, ווי אַ פליג אַרום אַ שטיקל צוקער, אַליין צוריקגעקומען צום טויער. און ביי יעדן עפן ס׳קליינע אייזערנע טירל, האָט זי אַזאַ קאַצישן שמעק אַריין געטון, געקוקט די אַרויסקומערס אַזוי פיבערדיק אין די אויגן אַריין. זי האָט דאָך געוווּסט, אַז די דאָזיקע ווייסן נישט, וואָס איר קינד טוט. פונדעסטוועגן האָט זי נישט פאַרפעלט קיינעם צו פרעגן, און אַז מ׳האָט איר אינדערמיט אַ טרייב געטון, האָט זי, ווי אַן איבערגעשראָקענע הון, אַ שפרונג געטון מיט דער האַלבער פראַגע אין מויל, גלייך ווייטער צוריקצוקומען צום טויער.

אַזוי טאָג-איין, טאָג-אויס, מיטן אויפבלויען פון טאָג איז זי געקומען און אין האַלבער נאַכט אַהיימגעטריבן געוואָרן.

די שטוב האָט איצטער, נישט זי, שרה, נאָר ער, נאָטע, געהיט. שרה האָט אַלץ פון זיך אַראָפּגעוואָרפן, האָט ער דאָך איצטער געמוזט זען, ס׳זאָל זיין מיט וואָס די נשמה אין גוף צו דערהאַלטן.

פונקט ווי פריער שרה פאַר אים, אַזוי האָט ער זיך איצטער פאַר איר געהיט, זי זאָל נישט ווייסן, וואָס אַלץ ער האָט שוין אַרויסגעשלעפּט פון שאַנק און קופערט און דאָרטן אויף דער „וואָלוווקע” עס פאַרטאַכלעוועט.

ביי יעדן מאָל צוגיין צום קופערט, אַרויסצושלעפּן עפּעס

אַ העמד אירס אָדער אַ ווייס ליילעך, אַ גלאַט אויסגעפּרעסט ליי-לעך, ווי אַ קאָרט, האָט אים אַ שניט געטון אין האַרץ. ער האָט אָבער זיך געהיט, זי זאָל כאָטש דאָס נישט זען. אים האָט גע-שראָקן, זי זאָל אים נישט פלוצלינג אַ פרעג טון: — ווו נעמסטו?

שרהן איז אָבער דאָס נישט געלעגן אין קאָפּ. ס׳ביסל וואַרעמס, וואָס ער ברענגט איר אַרויס און נויט עס אין איר אַריין, אַרט זי ווייניק. ביי איר איז רעכט געוועזן, ער זאָל זי אָפּלאָזן. זי וואָלט אַזוי אַרומגעקראָכן אָט דאָ אָן אַ לעפל וואַרעם וואַסער אין מויל. אַז זי דאַרף עס נישט. אַז זי האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, וואָס עס מיינט אַזוינס „הונגער". מער נישט, אַז ס׳ווערט איר גוט קאַלט, זי ווערט פאַרשטייפט דאָ, ביים טויער, קריכט זי אַזוי פאַמעלעך אַריבער — אַזוי קוים זיך רוקנדיק, ווי עפּעס אַ באַשעפעניש אָן פיס — אַנטקעגן שפיטאָל אין קליינעם טיי-הייזעלע, נעמט אַ גלאָז אָפּגעפאַרבט וואַסער, וואָס זעט אויס ווי טיי, שטעלט זיך אַוועק ביי דער שויבן-טיר, שטייט מיטן הייסן גלאָז צווישןביידע הענט, זופּט אַזוי פויל, אַזוי פויל, בלויז די אויגן פיבערן דורך דער שויב דורך. די צוויי אויסגעווייינטע גלעזערנע אויגן דורכן שויב אַהין אויף דער רויטער מויער אַרויף.

אין טיי-הייזל קאָן מען שוין „ס׳ווייבל פון דער טיר". אַזוי רופט מען זי שוין. שרה אָבער הערט דאָס נישט און ווייסט עס נישט. זי איז, ווי אַ תּם, ווי צעדולט. און ביי נאָטען אַנטפאַלט טאַקע דער מאַמעס מילך, ווען ער קוקט אויף אירע פאַרגלייזטע אויגן. אים שטעלן זיך פאַר די „קעמערלעך", און זי, שרה, אַ משוגע-נע, שטייט דאָרטן אונטער די גראַטעס אָפּגעשלאָסן און גלאָצט אַרויס אַ פאַר אויגן, וואָס קאָנען משוגע מאַכן יעדן איינעם, וועל-כער זעט זי נאָר.

נאָטע האָט אויף זיך געפילט אַ שטאַרקע אחריות זי אָפּצו-היטן. דער צער אין אים אַליין איז, ווי פאַרשטומט געוואָרן. ער איז געוועזן צופיל פאַרנומען מיטן אָפּהיטן שרהן, מיטן אַריינטענהן אין איר:

— שרהשי, געדענק אָן גאָט, קום אַהיים. וואָס עסטו זיך דאָ אַרומדרייען. זעסט דאָך, מ׳לאָזט נישט אַריין. כ׳האָב דאָ געפרעגט די וועכטערקע. האָסט דאָך געהערט: ס׳קינד איז שוין באַלד אַריבער דעם קריזיס. עסט זען, שרהשי, גאָט עט העלפן. קום אַהיים, עסט דאָך פאַלן אויף די פיס.

בעת אַזאַ איינטענהן מיט שרהן פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן רעדלעך אַרום זיי און אים, נאָטען געבן גערעכט, אים צוהעלפן. נאָר זי, שרה, פלעגט שטיין, גלאָצן אויף אַלעם מיט די גלע־זערנע אויגן; נישט אַרויסברענגען אפילו איין וואָרט, בלויז שטאַרן. און פלוצלינג טון אַ צעשטופּ ס׳רעדל, זיך דורכשפאַרן, און ווייטער שפּאַנען הין און צוריק גיך־גיך, אויף און אָפּ דער מויער.

אָט נאָך אַזאַ סצענע איז נאָטע אַהיימגעגאַנגען פאַרחושכט, צעבראָכן, פאַר אַ ווײַלע געשטאַנען ביי דער טיר, געקוקט אויף דער האַלב־ליידיקער שטוב, וואָס איז אים איצטער אַזוי פרעמד, אַז ס׳יאָגט אים אַרויס אין דער וועלט אַריין.

ער איז געשטאַנען. נאָר אָט האָט ער, אַליין נישט וויסנ־דיק, אָנגעהויבן שפּאַנען אויף און אָפּ איבער דער שטוב, אָט אַזוי ווי שרה פאַר דער מויער דאָרטן, שפּאַנען גיך־גיך און ברעכן זיך די פינגער, וואָס קנאַקן אָפּ אַזוי ביינערדיק טרוקן.

נאָר אָט האָט אים עפּעס אַ בליץ אויף געטון אין מוח, וואָס איז אים כסדר לער און טעמפּ. ער איז געבליבן שטיין ביים קוימען, אַ זיפץ געטון און זיך גענומען פּאָרקען אין די טעפּ.

ער איז דאָ געשטאַנען. נאָר עפּעס האָט אים געצויגן אַהין פאַר דער מויער. ס׳האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז דאָרטן איז עפּעס געשען.

ווי מאָדנע. ס׳האָט אים געצויגן אַהין און ער איז דאָך דאָ געשטאַנען און זיך געפּאָרקעט ביים טאָפּ. אַרויסגענומען אַ קאַר־טאָפל, געפּרוווט מיטן לעפל, — האַרט, זי צוריק אַריינגעוואָרפן אין טאָפּ. פאַר אַ מינוט נאָכגעקוקט דעם קאָכיקן בלעזל, זיך

איינגעהערט צו דעם קאַרטאָפלדיקן בול־בול, וואָס די פּאַרע האָט פונם טאָפּ אַרויסגעטראָגן.

ס'איז געוואָרן שטיל, נאָר אים האָט געקלונגען אין די אויערן. פונם זודיקן טאָפּ קאַרטאָפליעס איז דאָס מוראדיקע שרייען אַרויסגעקומען אַזוי הייזעריק, אַזוי טעמפּ... נאָר ער האָט דאָך געהערט :—נאָטע, ל־ו־י־ף !...

ווי אַ ווינט — אַ פּלי. אַ זעץ די טיר הינטער זיך און גע־לאָפן, געלאָפן אַהין צו דער מויער אָן אָטעם, ווי שרה דאַן אינ־מיטן דער שבעה.

דאָרט אויף פּאָקאָרנע גאַס אַרום מויער איז דער טראָטואַר געווען אָפּגעשאַרט, ליידיק, גלייך ווי גאָרנישט וואָלט דאָ געווען. נאָטע האָט דאָס אינם לויפן געזען.

אָבער ביים טיי־הייזל איז געווען שוואַרץ פון מענטשן־מיטן גאַנצן אימפּעט פון זיין געלויף, האָט זיך נאָטע געטון אַ שפּאַר אַריין אין טירל.

איצטער איז שוין געווען גאָרנישט. שרה איז געלעגן אויף עטלעכע צוזאַמענגערוקטע בענקלעך ביי דער וואַנט אויסגעצויגן. די אויגן האַלב־אָפן אַרויף צום סופיט־צו, ווי אין לייכטן דרעמל. די אונטערשטע ליפּ האָט אַביסל געדריגעט, ווי אַ הערבסט־בלעטל אין ווינט. די נאָז אַביסל אויסגעשפּיצט בלוילעך־שוואַרץ. איין האַנט אירע, די לינקע — פאַרקרעמפּט אין אַ ביילי־קער פויסט — האָט זי געהאַלטן אויפן שמאַטיקן בויך. די צווייטע, די רעכטע האַנט, האָט אַראָפּגעהאָנגען פון די בענקלעך אַראָפּ, ווי אַן אָפּגעבראָכענע צווייג פון אַן אונטערגעהאַקטן בוים. די פיס אויסגעקרומט, האַלב אויסגעצויגן. אין קאָנוולסיע איז זי געלעגן און געגאָרגלט פון האַלז אַרויס, גלייך זי וואָלט געשווענקט דעם גאָרגל.

אַרום איז געווען ענג צום דערשטיקט ווערן. דאַכט זיך, די גאַנצע גאַס מענטשן האָבן זיך דאָ אַריינגעשפּאַרט און רייבן זיך אַ פלייצע אָן אַ פלייצע.

דער באַלעבאָס, דאָס אָפּגעריסענע, ברודיקע יידל, איז אַרומגעקראָכן אין געדרענג, אונטערפּאָנפּנדיק מיט דער נאָז:

— ני, גייט שוין, גייט שוין, געניג שוין. ווי לאַנג איז דער שיעור? ברײַנע! ווי ביסטו דאָרטן! מעט דאָך מען צע־טראָגן! אָפּגעלייגט זעך אויף מיר, שוין גענוג? רב ייד, ס'אייער וואַאַב? נעמט אַ דראָזשקע און פירט זי אַהיים. וואָס עט זי דאָ ליגן, גיכער דאַבאַרמט אַאַך. מעט דאָך מער אָנהענגען אַ חתימה אויפן געוועלבי. וואָס שטייט איר, רב ייד! כאָטש נעם אַ שעפל און מעלק אים אויס. גענוג, ני. סעט דאָך קימען די „קאָמיסיע".

נאָטען האָבן די דאָזיקע רייד דעם יידלס, ווי געכאַפּט פאַר די אויערן און אים אַרויסגעריסן פון אַ לעטאַרגישן שלאָף. ער האָט אַ קוק געטון אויף איר, אויף שרהן, אַ קוק אויפן יידל, וואָס שטייט דאָ לעבן אים, מונטערט אים, ווי אַ פאַרחלשטן, און אַ שטאַרקער חשק, עפּעס אַזאַ פייערדיקער באַגער האָט אים אַרומגעכאַפּט, אַ באַגער צו דערלאַנגען דעם יידל אַזאַ שאָס אין דער פּאָנפּעוואַטער נאָז אַריין, ער זאָל זיך אויסציען אָט־אָ־דאָ אויף דער פּאָדלאָגע לעבן די בענקלעך, ווו ס'ליגט איצטער זיין שרה.

פאַר דער טיר איז דערווייל צוגעפאָרן אַ דראָזשקע. ברײַנע, דאָס קליינטשיקע באַלעבאָסטעלע, אין אַ קלייד ביז צו דער ערד, אין אַן אַלט, געל, אויסגעקראָכן שייטל אויפן קאָפּ, ווי די פעל פון אַ געפּגרטער קאַץ, האָט זיך אַזוי קעציש ווייך אַדורכ־געשאַרט, צו צו שרהן און גלייך צו דער וואַנט אַ זאָג געטון:

— שוין! שוין דאָ אַ דראָזשקע.

נאָר אָט האָט זי דערזען נאָטען, האָט זי זיך אַ כאַפּ גע־טון:

— אָט אידאָך דער מאַן! וואָס־זשע שטייט עך? באַ מיער אידאָך ניש קאַ הענדיש. באַ מיער אידאָך אַ געוועלעב, כעדאָך אימקימען מיט די פינוסע.

נאָטע האָט זיך נישט קיין ריר געטון, געשטאַנען פאַרלוירן און געקוקט אַרום זיך, ווי ער וואָלט זיין אַרומגערינגלט צווישן הינט...

נאָר אָט האָבן זיך עטלעכע יידן צוגערוקט צו שרהן. זי אונטערגעהויבן, ווי אַ קלאָץ, זי דורכגעטראָגן דעם געדרענג, זי אַרויפגעלייגט פאַוואָליע אויפן ווייכן געזעס אין דער גאַנצער ברייט, אַוועקגעזעצט נאָטען איר אונטערצוהאַלטן דעם קאָפּ און געהייסן דעם דראָזשקאַזש פאָרן.

דער בלוי-באַכאַלאַטלטער ייד מיט די ווייסע, מאַטע קנעפּ איבער זיין גאַנצער לענג, האָט אַ פוילן הויב-אונטער געטון דעם שווערן גלאַנציקן קאַשקעט מיטן דראָזשקאַרסקן נומער, און אַזוי הייזעריקלעך, בערדיק אַ פרעג געטון:

— העי, רב קרוב, ווער עט צאָלן?

— אָט איז דאָך דער מאַן!

דער דראָזקאַרזש האָט זיך איצטער אַ בויג אויס געטון אויף אַהינטער צו נאָטען צו:

— וווּ אַהין? רב ייד!

— אויף סטאַווקע 16. נאָר פאַוואָליע, כ'בעט אייך, ווי גאָט איז אייך ליב.

די גרינע בלייכקייט פון שרהס פנים, די קברדיקע רויקייט, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון אירע אויגן, פון איר גאַנץ וועזן, האָבן אויף אים אָנגעוואָרפן אַ פחד. אַ קאַלטער שווייס האָט אים אָפּגעגאָסן ביי יעדן פּיצעלע געדאַנק: אָט-אָט, אַ האָרך, אַן אָטעם און אויס. און ער בלייבט אַליין... פון טויט-שרעק האָט דאָס האַרץ זיך אים אָפּגעשטעלט.

שרה איז געלעגן אַ ווייסע, אַ רויקע. זי האָט נישט געזען נאָטען, נישט באַנומען זיין קלאָגן. איר איז איצט געווען גוט. אַזאַ רויקע גוטסקייט האָט אַרויסגעשטראָמט פון יעדן אבר אירן. ביי איר איז איצט געווען שבת. אויפגערוימט אין שטוב, אַזוי כּסחדיק ריין און קלאָר. און ביידע מיידעלעך, אָנגעטוענע אין ווייסע קליידעלעך מיט רויטן אַטלאַס־באַנד אין די הענטלעך, וואַרטן, זי זאָל זיי אויפקעמען און מאַכן זיי רויטע שלייפן אין די דינע זיידן־ווייכע האָר זייערע. און ער, נאָטע אירער, שטייט דאָרטן ביים שפּיגל, דאָס ווייסע העמד פּעכלט אויף אים, פאַר־בינדט זיך דעם שוואַרצן זיידענעם שניפּס, און אָט איז ער פּאַרטיק, און אַלע גייען זיי שפּאַצירן אַזוי רויק, אַזוי רויק. און אַרום איז שטיל. און אין גאָרטן איז אַלץ אַזוי גרין, אַזוי שיין. און די דינע שטיינדעלעך אינמיטן וועג בלאַנקען, אַזוי שיין, אַזוי שיין, און אַזוי פיל מענטשן...

זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, ווי זי וואָלט נאָטען גע־נומען אונטערן אָרעם, און שטיל, רויק אַזוי רויק אַרויסגעפּלי־סטערט:

— נאָטע!

ער האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ. מיט שרעקיקע אויגן געקוקט אויף איר, זיך איינגעהערט, געוואָלט כאַפּן, וואָס זי רעדט, אָבער ער האָט נישט באַנומען קיין איינציק וואָרט אירס. גלייך אַ שטומע וואָלט עפּעס געמורמלט. אים איז קלאָר גע־וואָרן, אַז זי, שרה איז איצטער דאָ נישטאָ, אַז זי איז איצטער אין אַן אַנדער וועלט. ער האָט עס דערקענט אָן דעם שמייכל, וואָס איז אַזוי ליב געווען אויסגעשפּרייט אויף איר פּנים. אַ געדאַנ־קעלע אַ דינס, ווי אַ שפּיזל, האָט אים אַ שטאָך געטון: זי אויפוועקן! ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין האַרץ צו פאַר־טרייבן דעם מנוחהדיקן שבת פון איר פּנים. פאַר אַ ווײַלע איז ער געבליבן טעמפּ, גאָרנישט נעטראַכט, ווי דער מוח וואָלט אים טרוקן געווען. נאָר אָט האָט ער דערפילט אַ ווייטאָגדיקע

מידקײט אין די קני. דער װײטאָג איז אים צעלאָפן איבערן גאַנצן לײב. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער שטײט אױף די קני בײם בעט לעבן שרהן שױן זײער לאַנג. ער איז אױפגעשטאַנען, זיך אַביסל אױסגעגלײכט און זיך צוריקגעזעצט אױפן ראַנד פון בעט.

שרהס קרענק און שפּעטער איר שטיל, מנוחהדיק אױסגײן, דאָס אַנטשלאָפן װערן אױף זײנע הענט, האָט אים, נאָטען, שױן אינ־גאַנצן צורעכט געמאַכט. ער איז געװאָרן גרױ; זײן הױכער גוף האָט זיך אײנגעבױגן, גלײך װי אַ שװערער פּאַק, אַזאַ, װאָס קײנער זעט נישט, װאָלט אים כּסדר ליגן אױף זײנע פּלײצעס. ער איז געװאָרן רױק, אױך אױף אים איז לעצטנס געקומען אַזאַ זיסע מנוחה... אים האָט גאָרנישט געאַרט. ער האָט זיך נישט געאײלט אין ערגעץ. עס איז אים אַלץ אײנס געװען, װוּ ער איז — אין שטוב אָדער דרױסן. װאָס איז די נפקא־מינה? װעמען האָט ער אין שטוב? װעמען האָט ער אין דרױסן? ער פּלעגט דערדורך, פון זינט יענעם טאָג אָן, װען ער האָט געזען, װי מען לאָזט שרהן אַראָפּ אין גרוב אַרײן, זיצן גאַנצע טעג אַזױ גלײכ־גילטיק, זיך נישט צורירן צו קײן זאַך; נישט טראַכטן, בלױז די אױגן, זײנע רױטע, געשװירענע אױגן, פּלעגן אַרומשװימען אין די װײסע אױגן־לעכער הין און צוריק, אַזױ תּמעװאַטע רױק... אַרומגליטשן זיך!

קײנער האָט אים די שטילקײט נישט געשטערט. קײנער האָט זיך נישט באַװיזן איבער זײן שװעל. אַזױ גאַנצע טעג.

נאָר אײנמאָל איז אין זײן פּוסטן קאָפּ עפּעס אַדורכגעלאָפן. אַדורך — און נישט געװאָרן... אַזױ עטלעכע מאָל, ביז עס האָט

זיך אין זיין מוח אויסגעשיילט אַ געדאַנק אַזאַ, אַזאַ פראַגע, גלייך ווי עמעץ וואָלט אים געזעסן הינטערן אויער און אים אָנ־געפרעגט:

— וואָס זיצסטו אַזוי, נאָטע? וואָס וועט זיין פון דיין זיצן?

אָט די פראַגע האָט זיך אין זיין מוח איבערגעשפּאָלטן, אויסגעשיילט אַנדערע געדאַנקען, איינס פון אַנדערן, אַזוי זיך קייטלענדיק אין אַ גאַנצן געוועב פון פרעגענישן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן ראָיען, ווי ווערים, איינס איבערן אַנדערן, איינס אויפן אַנדערן און אָנגעמאַכט אין נאָטעס קאָפּ אַזאַ פּלאָנטער, אַז עס האָט אים אַזש אַ הויב געטון פונם ראַנד בעט, אויף וועלכן ער איז געזעסן.

נאָטע האָט ערשט איצט, פון זינט יענעם טאָג אָן, דער־פילט, אַז עס איז אים עפּעס אַזוי פּאַסקודנע ביטער אין מויל; אַזוי קלעפּיק ביטער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז שוין אייניקע טעג, ווי ער האָט גאָרנישט געהאַט אין זיין מויל. צוזאַמען מיט דעם דערמאָנען זיך, האָט אים דער פאַרטרוקנטער גומען געמאָנט אַ טרונק, אַביסל וואַסער...

ער האָט אָפּגעלעבט. אים איז געוואָרן קלאָר אין מוח. ערשט איצט האָט ער דערזען פאַר זיך די אויסגעליידיקטע שטוב זיינע; ווי חושכדיק דאָס ביסל צעריבענע שטרוי פון די בעטן ליגט, אַזוי נאַקעט אַזוי אָפּגעדעקט נאַקעט, אָן אַ שטיקל ליי־לעך צו פאַרדעקן די שאַנד... ער איז צו צום קופערט—פּוסט, אויסגעליידיקט... בלויז עפּעס אַביסל שמאַטעס ליגן אָנגעוואָרפן. ער האָט זיך ערשט דערמאָנט, אַז ער האָט אַליין ביסלעכווייז אַלץ אַרויסגעשלעפּט און געטראָגן אַהין אויף דער וואָלוווקע אויס־בייטן פאַר עטלעכע שמאַטעדיקע מאַרקן...

עס האָט איך אַ שטאָך געטון, ווי מיט אַ מעסער אויף אַ וווּנד... פונסניי האָט ער ווידער איבערגעלעבט דעם גאַנצן גרויל זיינעם, ווי אָט איצט ערשט וואָלט עס געווען, אָט דאָס שטילע

אױסגײן פֿונם קינד; דאָס אַװעקנעמען דאָס צװײטע אין שפּיטאָל און שױן — מער עס נישט געזען; שרהס אַנטשלאָפֿן װערן אױף זײַנע הענט — אױף זײַנע הענט, װי אַ שטילע הון...

און איצטער? איצטער איז ער אַלײן; אַלײן אױף דער גאַנ-צער װעלט. אַלײן אין דער חושכדיקער שטוב, מיט די נאַקעטע אָפּגעדעקטע בעטן, מיט דער אױסגעלײדיקטער שאַנק... צו װאָס דאָס אַלץ? פֿאַר װעמען? אָ! װען ער קען מאַכן אַ סוף? אָט אַזױ-אָ מיט אַ שטריק..

ער האָט ביטער געקלאָגט. אַ קװאַל, אַ טרערנדיקער קװאַל האָט זיך בײַ אים געעפֿנט און געגאָסן דורך די אײטערדיקע אױגן זײַנע, װי דורך צװײ רינעס. אָ, װי ער האָט איצטער מיטן גאַנצן האַרץ געבעטן אױף זיך דעם טױט! װי ער האָט דאָס געגאַרט, אַז שלעפֿנדיק זיך איבער די גאַסן, זאָל אים אַ טראַמװײ צעשנײַדן און מאַכן אַ סוף!... אַ סוף! אָבער דער סוף קומט נישט. אַלײן מאַכן אַ סוף האָט נאָטע נישט געקענט.

די נאַכט איז צוגעפֿאַלן. פּונקט װי די פֿריערדיקע האָט ער אױך די איצטיקע נאַכט נישט געזען. ער איז װידער געװען פֿאַרזונקען אין אַ טיפֿן צער. ער איז צוריק אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ פֿאַרגעסנהײט אַזאַ, װאָס איז — טױט, טױט און דאָך לעבן; לעבן, און דאָך טױט...

בײַם ערשטן בליאַסק פֿון באַגינען האָט נאָטע פֿאַרלאָזן די שטוב. ער האָט זיך אָנגעהױבן שלעפּן איבער די װאַרשעװער גאַסן צום פּראַגער בית-עולם, אַהין צו זײַן שרהן. ער איז בכיװן געגאַנ-גען אינמיטן װעג, אױף דער טראַמװײ-ליניע. מיטן האַרץ האָט ער געװאָלט, אַז איצטער, גײענדיק צו זײַן שרהס קבר, זאָל אַ טראַמװײ אָנלױפֿן און איבער אים אַריבער. נאָר פּונקטסטװעגן, אַז ער האָט דערהערט דאָס שװערע קלינגען פֿון אַ טראַמװײ הינטער אים, האָט עס אים אינסטינקטיװ געטון אַ קערעװע אַראָפּ אין דער זײַט, גלײַך װי אַ פּאָר געזונטע הענט װאָלטן אים אַ שטעל אַװעק געטון קוקן,

ווי דער טראַמוויי לויפט פאַר זיין פּנים דורך. אים האָט דאָס פאַרדראָסן, עס האָט אים ווי געטון. עס האָט פון אים אַרויסגע־שריגן עפּעס אַזאַ פאָרוואורף: אַז ער אַנטלויפט אַליין אַראָפּ אין דער זייט, אַז ער וויל נישט שטאַרבן. ער האָט דערפאַר מיט נאָך מער אַנטשלאָסנהייט גענומען שפּאַנען אויף דער ליניע, געוואָלט זיך פאַרטיפן אין עפּעס, כדי נישט צו הערן דאָס קלינגען. עס האָט אים אָבער נישט געהאָלפן. עס האָט אים דאָך אַראָפּגעטראָגן אָן אַ זייט...

איינמאָל איז ער טאַקע נישט אַראָפּ. דאָס קלינגען איז אים נאָכגעגאַנגען הינטער דער פּלייצע. אָט, אָט און ער ליגט שוין... אין די אויערן האָבן אים געקלונגען טעמפּע גלעקער... ער האָט געפילט, ווי אַ שווייס זעצט אים טראָפּנווייז אַרויס אויפן שטערן. די האָר ווערן אים שטייף, אָט, אָט... און – אַ פּאָר שטאַרקע הענט האָבן אים געטון אַ שלעפּ אַראָפּ אין דער זייט מיט אַ גע־שריי: — וואָס, טויב ביסטו?

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען נאָטע איז געקומען אויפן בית־עולם. ער האָט גענומען וואַנדערן דורך די שמאָלע סטעזשקעלעך אַוועק אין יענעם עק דאָרטן. ער האָט זיך אַלע ווײַלע אָנגעשטויסן אָן אַן אַנדער עלנדע לויה. אַזעלכע אָרעמע לויות צוויי, דריי מענטשן... פּונקט ווי זיין שרהס לויה...

זיין שרה! אָט־אָ דאָ ליגט זי, אונטער דעם בערגעלע ערד, וואָס האָט זיך דורך די עטלעכע טעג אַזוי פיל אַראָפּגעזעצט, גע־וואָרן נידריקער, פלאַכער...

ער האָט זיך קוים אָנגעבויגן, זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר צוקאָפּנס, אָט דאָרטן, ווו דאָס קליינע ברעטעלע האָט געשטע־ט, דאָס קליינע ברעטעלע, וואָס האָט אויף זיך געטראָגן און אַראָפּ־געוויזן איר, שרהס, נאָמען. נאָטע האָט דאָס איבערגעלייענט איין מאָל און נאָך אַמאָל, געקוקט אַראָפּ אַזוי שטיל און טרויעריק אויפן לאַנגן בערגל ערד. אים האָט זיך געדאַכט, ער זעט זי, שרהן, דורך

דער ערד אַדורך, ווי דורך אַ גלאָז. זי ליגט אויסגעצויגן. דער שפּיציקער ווייסער הויב אויפן קאָפּ. די צוויי שאַרבנס אויף די אויגן, און פון אונטער די שאַרבנס קוקט נאָך אַפער יענע גוטסקייט, יענע רויקייט, ווי בעתן אַנטשלאָפן ווערן ביי אים אויף די הענט. אים דאַכט זיך, אַז זי שלאָפט, און אַז דער קאָפּ ברעכט איר פון אַרונטערהענגען פונם זעקעלע זאַמד, וואָס אונטערן קאַרק...

שעהן זענען אַוועק אין אַזאַ טיפן, צערדיקן שווייגן. נאָר אָט האָט זיך פלוצלינג פון זיינע ליפן אַראָפּגעקייקלט אַזאַ זאָג אויפן בערגעלע אַרויף:

— דיר איז ווילער, שרה... דיר איז שוין ווילער...

אויף סטאַוועקע גאַס האָט אַ פרילינגדיקער טאָג זיך דערנענטערט צום סוף. דער שניי איז שוין געווען צעגאַנגען. אין די בלאָטיקע ריטשקעס האָבן זיך קינדער געראָיעט. טיר און פענסטער האָבן זיך געעפנט. אויף סטאַוועקע גאַס האָט זיך די אָרעמקייט צעלייגט אויסער די שטובן... די סטאַוועקע גאַס האָט זיך אָפּגעדעקט.

אין דער אַנטקעגנדיקער טונקלקייט, ווייט איינער פון דער צווייטער, האָבן גאַז-לאַמטערן זיך געצונדן, זיך געצונדן און געשליידערט פון זיך אַזעלכע בלאַסע שווינדזיכטיקע פלעמלעך... אין דער זייט, אין אַ טיר פון אַ ליידיק, גראָשנדיק געוועלבל, איז געשטאַנען אַ ייד און געהיטן די ליידיקע פּאָליצעס מיטן חושכדיקן קאַגאַניקל, וואָס האָט צאַנקנדיק געוואָרפן אַרום זיך שאָטנס, אַזעלכע לאַנגע אויסגעצויגענע שאָטנס...

צווישן שלייכנדיקע שאָטנס האָט נאָטע, איינגעטוליעט זיין צעבראָכענעם גוף אין שמאַטיקן לאַך, זיך דורכגעשלעפּט אויף סטאַוועקע גאַס. ער איז אַריין אין אַ פאַרקאַנדיקן טויער, שטיל זיך גע-

שלעפט איבער די גרויסע שטיינער אײַנמיטן הויף, אַהין אין יענעם עק אַריין צו זיין פאַרוואָרפן שטיבל.

זיין שטיבל... די בודע, וואָס לעבן אָפּטריט... אויף זיין באַגרעבעניש, האָט שוין איצטער געהאָנגען אַ שלאָס...

אין פלוג האָט זיך נאָטע נישט געכאַפּט. ער האָט גענומען ווי אויפצושליסן. ער האָט אָבער באַמערקט, אַז דאָס איז עפּעס אַ פרעמד שלאָס. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַוועקגייענדיק האָט ער געלאָזט די טיר אָפן. אים איז קלאָר געוואָרן...

ער איז אַזוי געשטאַנען אַ ווײַלע אין פינסטערן פּעדער־הויז אָנגעשפּאַרט אָן דער צוגעשלאָסענער טיר. אַזאַ שאַרפער ווײ־טאָג האָט אים גענאָגט דאָס האַרץ, אַזוי פיינלעך גענאָגט... די שטעקלדיקע פיס זיינע האָבן זיך אים געבויגן, געדריגעט אונטער זיין אויסגעמאָרעטן, באַשמאַטעטן גוף. אין קאָפּ, אַרום די שלייפן, האָט עס געהאַקט, ווי מיט האַמערס. און דאָס געהאַק האָט אים אָפּגעקלונגען אין זיינע אויערן מיט אַזאַ זשום, אַז ש צום טויב ווערן.

ער איז אַרויס פאַר דער טיר, צום פענסטער, ווו צענומען אויף שטיקער זעגען געשטאַנען זיינע צוויי בעטן, די שאַנק און דער הויכער קופערט אַ פוסטער, מיט זיין אַרומגערייפטן בויך, געשוואָלן, ווי די געשוואָלענע בייכער ביי די הונגעריקע קינדער פון סטאַוועקע גאַס... אויך דאָס ביסל צעריבענע, ברוינלעך־רויט צעפוילטע שטרוי איז געלעגן אין אַזאַ נעבעכדיק קופּקעלע, אַרויס־געוואָרפן, פאַרלאָזט...

ער איז געשטאַנען, געקוקט אויפן אָרעמען ביסל איבערבליי־בעכטס פון זיין שטוב, און עס האָט ביי אים געוויינט די נשמה... פון זיך אַליין האָט עס אים אַ צי געטון. ער איז געבליבן זיצן, דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, שטום פון צער.

אַרום האָט זיך געשפּרייט אַ פינסטערע נאַכט. ווייט אַראָפּ־צו דער גאַס צו, אין באַווינטן הויז האָבן פון אָרימע שטיבער אַרויסגעקוקט נעבעכדיקע ביסלעך ליכט.

קיינער האָט נישט געזען נאָטען, נאָטע האָט נישט געזען קיינעם. פאַרלאָזן, אַרויסגעוואָרפן, ווי אַ פאַרשיווע קאַץ, איז געזעסן אַ מענטש, דער לעצטער פון זיין שטוב, אין וועמען בלויז איין פונק לעבן, נאָר איין פונק לעבן האָט זיך געצאַפּלט און נישט געוואָלט פאַרלאָשן ווערן.

סוף זומער

סוף זומער. אין אָטוואָצק שטייען איצט קירצערע טעג. די פרימאָרגנס זענען קילע. ערשט אין האַלבן טאָג שפּאַרן זיך דורך די זון-שטראַלן דורך די געדיכטע ביימער, ווערט וואַרעמער. און אין דער וואַרעמקייט שמעלצן זיך סאָסנעס. ריטשקעלעך פּעך-קלעפּיקער „זשיוויצע" ציען זיך אונטער און איבער די גאָלדיק-ברוינע הויטן פון די הויכע ביימער און צערונען איבערן זאַמד אין אַזעלכע ווונדערלעכע פאָרמען און ליניעס.

סוף זומער... די לופט איז איצט אַ שאַרפע. ריחות פון קלעפּיקן סאָסנע-זאַפט און צייטיקע פרוכט פאַרשיכורן און שלעפּן איין...

און עס איז שטילער איצט אין אָטוואָצק. די דאַטשניקעס זענען זיך צעפאָרן. בלויז דאָ און דאָרט, אויף זייטיקע שליאַכן, ציט נאָר אַ פורל הויך אָנגעלאָדן מיט זאַכן, דעם פּאַק בעט-געוואַנט, ווי אַ ווייסער, אָנגעבלאָזענער פּענכער גאָר פון אויבן. ס'פערדל שלעפּט די פיס אין די טיפע זאַמדן. די רעדער קרעכצן נאָך אַביסל שמירעכטס און דער גוי מיטן בייטשל אויפן אַקסל שלעפּט נאָך זיינע בלאָטיקע, באָרוויסע פיס מיט די פאַרשאַרצטע, לייוונטענע הויזן: וויאָ! וויאָ! העט!

אַהיימגעפאָרן די דאַטשניקעס! געבליבן בלויז די, וואָס מוזן דאָ בלייבן...

אויך טאָבטשע האָט דאָ געמוזט בלייבן... געהייסן האָט עס

בלויז אויף איבער ווינטער... נאָר אַזויווי ס׳איז נישט דער ערשטער, ווייסט זי, אַז ס׳איז נאָך נישט דער לעצטער. און אפשר יאָ? ווער ווייסט?...

טאָבטשע איז דין און קינדיש. דינע אַקסלען און דינע הענט מיט לאַנגע, דינע פינגער. איר פּנים איז צאַרט און רויק, ווי די קינדערשע פּנימער אויף אַלטע געמעלן. זי האָט גרויסע, ברוינע אויגן, וואָס זענען פייכט און ווייך און קוקן רויק און קלוג און אַ צאַרטער טרויער טיקט זיך אין זיי...

טאָבטשע איז שוין צוואָנציק יאָר, כאָטש זי זעט אויס פון פּופּצן. און אירע באַקן אַרום די קנאָכנס גליען, גלייך אונטער דער הויט וואָלט עפּעס געברענט... און היינט גליען אירע באַקן נאָך פייערדיקער. זי איז אומרויק, טאָבטשע, עפּעס אַזוי מאָדנע אומרויק...

פרייטיק. מאָרגן איז טאָבטשעס „אימענינעס״. זי ריכט זיך היינט אויף געסט. און צווישן זיי – יוסף! כאָטש ער איז דאָ דאָ, זעט זי אים אַזוי זעלטן און דאָס אויך בגנבה, ער זאָל נישט וויסן און קיינער זאָל נישט וויסן. און געוואָלט וואָלט זי דווקא אים זאָגן אָט אַזוי פּראָסט: יוסף, כ׳האָב אייך ליב, שטאַרק ליב, וואָס קומט מיר דערפאַר? כ׳ווייס, איר וועט מיט מיר נישט חתונה האָבן. נאָר ווער וויל עס דען? סיי ווי וועט עס שוין לאַנג נישט געדויערן... טאָ קומט כאָטש צו מיר. זייט מיט מיר. קאָנט איר מיך נישט אַביסל ליב האָבן? כאָטש אַביסל?.. און מ׳זאָגט דאָך, אַז בחורים גייען צו גאַסן-פרויען... אַזוי וואָלט זי אים געוואָלט זאָגן. אָבער ווי קען זי דאָס, אַז ער איז אַזוי שעמעוודיק... אָ, ווען ער וואָלט געווען אַ מאַן!

זי איז היינט אויפגעשטאַנען פרי, פריער ווי געוויינלעך. מיט אַ ברען, ווייט אַריבער אירע כּוחות, האָט זי גענומען אויפרוימען איר צימערל מיטן קיכל. ביי יעדער זאַך, וואָס זי האָט געטון, האָט זי געדענקט, אַז יוסף וועט דאָ זיין און עס זען. דאָס רוימען, וואָס געוויינלעך איז עס פאַר איר אַן אָפּקומעניש, איז איצט פאַר איר געווען אַ וווּנדערלעך, אָנגענעמע זאַך. זי האָט פאַרגעסן, אַז זי טאָר זיך נישט אָנשטרענגען און וואָלט באַדאַרפט אַ גויע זאָל עס טון. נאָר דאָס איז דאָך געוויינלעך... אָבער נישט היינט, ווען יוסף וועט דאָ זיין. און דער אמת איז דאָך: פאַר וועמען מאַכט זי דען די גאַנצע „אימענינעס", פאַר זיך? אָדער די איבריקע גייען איר אָן? זי ווייסט דאָך אַמבעסטן, אַז דאָס איז דער איינציקער אופן אַהערצוקריגן יוספן. זאָל זיין, אַז זי וועט אים נישט האָבן דאָ אַליין... אָבער זיין וועט ער דאָך... און אפשר?...

אינם גאַנצן קלומפּער געדאַנקען, האָט זי נישט פאַרגעסן אַרויסצונעמען די ווייסע, געהאָפּטענע דעקע, דער איינציקער אָנדענק פון דער מוטער, און איבערגעדעקט ס'אייזערנע בעטל. די עטלעכע ביכלעך אויפן געפלאָכטענעם עטאַזשערקעלע האָט זי ספּעציעל איבערגעשטעלט, אַביסעלע אָנגעבויגן, איינס אָנם אַנדערן לייכט אָנגעשפּאַרט. בלויז איינס, איר ליבלינג, מולטאַטוליס מעשהלעך, האָט זי געלאָזן גאָר פון אויבן, אָפן, זאָל ער זען, וואָס זי לייענט...

דערנאָך, אַז זי האָט מיט דער נאַסער שמאַטע אויסגעווישט די פּאָדלאָגע און צעעפנט טיר און פענסטער, האָט זי זיך צוגעזעצט ביים טישל און גענומען מאַכן פון ווייס און גרין קרעפּ־פּאַפּיר אַ טישטיכל צום טישל און אַ פּאָר פויערהענגלעך צום פענסטער.

מיטן שערל האָבן אירע דינע פינגער גיך געשניטן, געפרענזלט און דערנאָך געקלעפּט.

אַז זי האָט שוין געהאַט די פויערהענגלעך אויפגעהאָנגען און דאָס טישל איבערגעדעקט, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אינמיטן שטוב באַטראַכטן און אָנקוועלן.

דערווייל האָט זיך דורך די אָפענע פענסטער און טיר אַריי-

געכאַפּט אַ קליין ווינטעלע, וואָס האָט זיך פאַרגנבעט צווישן די פּרענזעלעך פון די פּאַפּירענע פויערהענגלעך און גענומען בלאָזן און שאָרכלען. טאָבטשען האָט דאָס שאָרכלען הנאה געטון. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי שטייט אין אַ פעלד פון זאַנגען און דער ווינט האָט זיך דאָס פאַרקליבן און בלאָזט און יאָגט אַזוי די קעפּלעך הין און צוריק...

אינמיטן שאָרכלען פון ווינט האָט זיך פון דרויסן דערטראָגן אַ געקלאַפּערײַ, אַ דין און טרוקן געקלאַפּערײַ, ווי עמיץ וואָלט דאָרטן, אין דרויסן, ריטמיש געקלאַפּט אויף צוויי טרוקענע שטעקעלעך. דאָס קלאַפּן איז טאָבטשען באַקאַנט. שוין עטלעכע טעג, ווי דער בושל אויפן הויכן בוים איבער איר דאַך רעדט דאָס אַזוי, קלאַפּנדיק מיטן לאַנגן שנאָבל צו זײַנע אונטערגעוואַקסענע קינדער וועגן אַרויסקלײַבן זיך פון נעסט און אַוועק פונדאַנען, אַוועק ערגעץ ווײַט, ווײַט פאַרן גאַנצן, לאַנגן ווינטער...

אויך דער באָטשאַן פליט שוין אַוועק!...

ס׳איז איר געוואָרן אומהיימלעך, גלײַך זי וואָלט שוין געווען איינע אַליין, אַליין מיט די פּאַרהאַקטע לאָדנס, אַליין מיטן קילן זיך ווייגנדיקן וואַלד... „עפּעס, דאַכט זיך, קיל געוואָרן”, האָט זי געזאָגט אויפן קול, ווי זי וואָלט געזוכט אַ באַרעכטיקונג פאַרן סוועטערל, וואָס זי האָט גענומען אָנטון, דערבײַ האָט זי גענומען פאַרמאַכן צוריק ס׳פענסטער. דאָ, קוקנדיק ווידער אויף די פויערהענגלעך, איז איר אײַנגעפאַלן: „אוי! אפשר אויסשניידן צוויי באָטשאַנעס אויף ביידע עקן פויערהענגלעך? אַזוי איינער אַנטקעגן אַנדערן מיט די לאַנגע שנאָבלען און הויכע, דינע פיס. און אַז יענע פון בוים וועלן פאַרלאָזן די נעסט, וועלן די צוויי באָטשאַנעס בלײַבן מיט איר דאָ אין אָטוואָצק אַ גאַנציטשקן ווינטער”...

דאַכט זיך אַזאַ פּשוטע, אַזאַ קינדישע זאַך, נאָר וויפיל פרייד אָט דער געדאַנק, אָט דער קינדישער אײַנפאַל האָט געגעבן דער אײַנזאַמער, קראַנקער טאָבטשען!

ווידער האָבן אירע בלייכע, דינע פינגער געאַרבעט מיטן

שערל. אַ שניט און שוין איז דאָ אַ קאָפּ, אַ דין, לאַנג קעפּל, מיט אַ לאַנגן שנאָבל. נאָך אַ שניט אַן אויג! און אַזוי אַ שניט אַהער, אַ שניט אַהין — און שוין קוקט אַראָפּ אַ הויכער, שטאָלצער פויגל, מיט אַ לאַנגן שנאָבל, איין פיסל, אַ דינס, אַ הויכס, אַביסל איינגעבויגן ביי דער קני, ווי אינמיטן שפּרייזן... דער צווייטער אַנטקעגן דעם האַלט ס׳קעפּל אַראָפּגעבויגן, מיטן לאַנגן שנאָבל ביי די פיס, ווי ער וואָלט געזוכט אַ ווערמל, אַ ווערמל פאַר די קינדער אין נעסט אַריין...

טאָבּטשע האָט דערפילט אַ זוניקע פרייד אין האַרצן, קוקנדיק אויף די פויגלען, אירע פויגלען, וואָס ווען פון איר נישט אַוועקפליען און זי לאָזן דאָ אַליין.

נישט לאַנג, אפשר אַ מינוט נאָר, האָט די פרייד ביי איר אָנגעהאַלטן. באַלד האָט זי דערפילט אַ שטאָך. זי האָט אַ הוסט געטון און גלייך נאָך איינעם און איידער נאָך זי האָט צייט געהאַט אַ טראַכט צו טון, אַז „ס׳קומט״, איז איר שוין געווען ענג אין האַלז. זי איז זיך פאַרגאַנגען און געבליבן מיט אַן אָפן מויל און אַרויסגעשטאַרטע אויגן. איר צונג האָט געשטעקט אין דרויסן, ווי אַ קאָרעק, מיט אַ ווייס-גרויער שוים אַרום די ליפּן.

אַזוי איז זי געשטאַנען אינמיטן צימער, מיט איין האַנט צוגעהאַלטן ס׳האַרץ, די צווייטע, אויסגעשטרעקט אין דער לופט, ווי זי וואָלט ווען די וואַנט צושלעפּן צו זיך, זי זאָל נישט אומפאַלן, ביז ענדלעך זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

ביסלעכווייז האָט עס איר נאָכגעלאָזט. זי האָט נאָך אַלץ געהוסט, אָבער שוין געציילטע, מיט איבעררייסן.

ערשט איצט האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי האָט זיך צופיל פאַרגאַלאָפּירט. אַז זי האָט נישט געטאָרט אין איין מאָל זיך אַזוי פיל אָנאַרבעטן. און בגעגעסן האָט זי אויך גאָרנישט, בלויז ס׳ביסל מילך אינדערפרי. אַוועק די פויערהענגלעך! פאַרגעסן אָן טישטיכל! און אָט ערשט האָט עס דאָך איר געגעבן אַזויפיל פרייד!... און

איצט צוריק די לונגען. ווי שרעקלעך ס׳איז צו געדענקען, אַז מ׳האָט אברים...

אַלץ אַרום איז איר געוואָרן איבריק. זי איז אַרויסגעקראָכן פאַר דער טיר, ווי אַ קראַנקע הון, וואָס שלעפּט זיך קוים אויף די פיסלעך, און האַלט ס׳קעפּל אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד, ווי „לאָמיך געמאַך״...

אין דרויסן איז שוין געווען האַלבער טאָג. די זון האָט זיך שוין געהאַט דורכגעקריגן דורך די געדיכטע סאָסנעס און געלעגן אויסגעשפּרייט איבערן ליכטיקן זאַמד מיט אַזאַ שפע, אַז ס׳האָט אַזש געבלענדט אין די אויגן. ס׳איז פּשוט אַ מחיה זיך איינצוגראָבן אין דעם בריענדיקן זאַמד, שאַרן מיט די פיס, אָננעמען פולע זשמעניעס און שיטן פון איין פויסט אין דער אַנדערער, אַזעלכע דינינקע שטראָמעלעך, ווי דינינקע, ווייסע, זיידענע פעדימלעך... אַפילו דאָס טאָר זי דאָך נישט. נאָר וואָס מעג זי דען יאָ?

אויף דער ווייסער, בעריאָזענער וואַלד־באַנק, וואָס איז איצט געשטאַנען אין האַלב־שאָטן, האָט זיך טאָבטשע אַוועקגעזעצט. איר איז געוואָרן וואַרעם און גוט. פון דער וואַרעמקייט האָט זיך צע־שמאָלצן און ס׳איז אָפּגעגאַנגען דער אומעט. זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן אָנלען, פאַרמאַכט די אויגן און דורך די פאַרמאַכטע לעדנדלעך, האָט זי געזען יוספס ווייס געזיכט, ווי ס׳וואָלט גע־שוועבט אין דער בלענדנדער ליכטיקייט...

אַ מאָדנע פוילקייט האָט זיך איר צעגאָסן איבער אַלע גלידער... אָט אַזוי מוז אויף פילן אַ קעצל, וואָס וואַרעמט זיך אונטער דער זון, נאָר אַ קעצל איז אַזוי גוט! ס׳דאַרף זיך נישט שעמען און נישט פאַרענטפערן... אַז ס׳וויל קריכט עס פויל צו צו אַ נאָענטן, אפשר אַמאָל צו אַ ליבן, און טוליעט זיך צו אַזוי פּשוט... וואָלט זי געוואַגט זיך צוצוטוליען צו יוספן?... „אַך, פּאַסקודנע! און די אַלע רעדן נאָך פון פרייער ליבע און פרייער האַלטונג״... זי האָט געעפנט די אויגן און געזשמורעט אין בלענדנדיקן ליכט. „פון דעסטוועגן איז גוט! ביינאַכט, צוליב די געסט, וואָס דאַרפן

קומען, וועט זי זען יוספן און מאָרגן וועט ער דאָ זיין לאַנג”...

„און אפשר” ?

ס'האָט איר גענומען ברעכן דער קאַרק פון ליגן אָנגעשפּאַרט אָן דער האַרטער באַנק. דערבײַ האָט זי געטראַכט: סײַ ווי אַלץ איינס... זי איז אויפגעשטאַנען און זיך געטון אַ ציִ אויס אויפן ברייענדיקן זאַמד אַזוי גלייך, מיטן פּנים צו דער זון. דערנאָך האָט זי זיך איבערגעקייקלט מיטן פּנים אַראָפּ, אַוועקגעשליידערט די שטעק-שיך און מיט נאַקעטע פיס און פאַרשאַרצטע הענט זיך גע־באָדן אין הייסן זאַמד, ווי אין אַ טייך, מאַכנדיק רינעלעך און קאַנאַלן און טיפע גריבער, אָט ווי אַמאָל, ווען זי איז געווען אַ קליין מיידעלע.

ביסלעכווייז האָט זיך די זון פאַררוקט. אַז מ'האָט זיך אויפגע־שטעלט, האָט מען נאָך געקענט זען, ווי זי גליט איבער די גרינע קעפ פון די סאָסנעס. אָבער דאָ, ליגנדיק אויפן זאַמד, האָבן זיך שוין געצויגן שאָטנס... ס'איז געוואָרן קיל. אַ שישקע איז איר אַראָפּגע־פאַלן אויפן פוס. זי איז אויפגעשטאַנען און געטראַכט: „היינט, צוליב דעם יום־טוב, וועט זי זיך שוין נישט דרייען קיין קאָפּ, נאָר עסן אַ פרייטאָג־צונאַכטסטיק מאָלצייט ביי דער ליטוואַטשקע אין פּענסיאָנאַט”.

זי האָט זיך גענומען אָנטון. דערווייל האָט זיך אַרייַנגע־שלעפּט דער געלער מענדל מיט די צוויי קאַנען אין ביידע הענט־ווייזט אויס, שוין ס'פּאַרנאַכטיקע געמעלק.

— אַזוי פרי, ר' מענדל ?

— פרי־י־י ? מ'צינדט שוין באַלד ליכט !

זי האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן :

— איר נאַרט מיך אָפּ.

— איהן אָפּנאַרן? חלילה! טיען זי אַ קיק אָפּן הימל. די זין זעצט זיך שוין.

רעדנדיק צו טאָבטשען, האָט דערווייל דער ייד געשאַרט זיינע גרויסע שטיוואַלעס איבערן צימער, געפונען ס'טעפּל און גע־פרעגט: „איפל? אַ קווערטל"?

— אוי, האָט איר מיר אָנגעטראָגן אַ באַרג זאַמד! פאַרוואָס רייבט איר נישט אָפּ די פיס? איך האָב זיך נאָר-וואָס אָנגעאַרבעט צום טויט!

— איי, זאַיען זי געזינט! ס'דען זאַמד? גאָלד, ריין גאָלד איז עס דעך! ני, איפל שוין? אַ קווערטל?

— צוויי קוואַרט, אַ סוף, אַן עק, אָנגעטראָגן מיר אַ שטוב מיט זאַמד.

זי האָט דאָס געזאָגט כמעט מיט רוגזה און שוין שטייענדיק אין סוועטערל, מיטן סענקאָטן וואַלד-שטעקן אין האַנט, האָט זי שוין גאָר אין אַן אַנדערן טאָן צוגעגעבן: „מיין שוועסטער און אַ חברטע קומען אַרויס היינט ביינאַכט און נאָך געסט וועל איך האָבן מאָרגן"...

צו וואָס זי האָט דאָס געזאָגט, האָט זי אַליין נישט געוווּסט און ס'האָט איר טאַקע באַלד אַליין באַנג געטון. „וואָס דאַרף איך אַזאַ ייד דערציילן מעשהס"?

דער געלער מענדל, מעסטנדיק די מילך, כאָטש ס'נישט קיין נייעס ביי אים, ער הערט עס אַלע מאָל און זעט עס אַליין אויך, האָט אויפגעהויבן די אויגן, געבליבן מיטן פולן קווערטל אין האַנט, ווי מיט אַ כוס קידוש צו מאַכן, האָט ער, שאָקלענדיק דעם קאָפּ געזאָגט: „היינט ביינאַכט, פרייטאָג-צינאַכטס! שבת! איי ווײ, מייד-לעך, מיידלעך"!

ער האָט זיך שיער צעזונגען, ווי אַ מגיד, מענדל. נאָר טאָב־טשע האָט אים אונטערגעיאָגט, חוץ דעם איז טאַקע שפּעט און ער דאַרף נאָך צעטראָגן די קאַנען מילך פאַר ליכט-צינדן, האָט ער

געכאַפּט די קאַנען און שוין גייענדיק. אָנשטאָט אַ גוטן טאָג, גאָר געבּרומט: „איי, איי, מיידלעך, גויעס, גויעס"...

באַלד נאָך אים איז אויך טאָבּטשע אַרויס.

אין וואַלד איז געווען טונקל, אַ גרינע טונקלקייט, און קיל און שטיל. די זון איז שוין געווען ערגעץ ווייט פון יענער זייט וואַלד. בלויז דאָרטן, ווו די בוימער זענען געווען שיטער, האָט זיך דורכגעריסן אַ סנאָפּ פייער, וואָס האָט געטון אַ בלענד פאַר די אויגן.

טאָבּטשע איז געגאַנגען מיטן שמאָלן סטעזשקעלע, ביים ברעג וואַלד, צייטנווייז אויך טיפער אין וואַלד. זי האָט געפילט אַן אמת פאַרגעניגן צו טרעטן אין די קופּעס פאַרגעלטע, אַראָפּגעפאַלענע נאָדלען, וואָס האָבן פאַרשלונגען אירע שטילע טריט און געמאַכט אירע זוילן אַזוי גליטשיק, אַזוי ריין. טרוקענע שישקעס האָבן זיך איר געוואַלגערט פאַר די פיס. עטלעכע האָט זי אויפגעהויבן און געשפּילט מיט זיי, ווי מיט פּילקעס.

גייענדיק אין דער טיפער שטילקייט, האָט זי פּלוצים באַמערקט, אַז אַרום און אַרום זענען אַלע וויליעס ליידיק און טייל האָבן שוין אפילו פאַרקלאַפּט טיר און לאָדן פאַרן לאַנגן ווינטער. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן און געטראַכט: „ווי גיך די נאַכט איז צוגעפאַלן". איצט איז איר שוין אויך געוואָרן אויפּפאַלנד, אַז זי באַמערקט נישט איבערן גאַנצן וועג קיין לעבעדיקן „דוך". ס'איז איר איינגעפאַלן, אַז זי איז צו ווייט פאַרוואָרפן און אַליין. „מ'קאָן זי ביינאַכט באַפאַלן און ס'זאָל זיך נישט געפינען קיין מענטש איר צו הערן". „די אַלטע גויע, די באַלעבאָסטע? מ'קאָן זי אַרויס־טראָגן מיטן בעט"...

טאָבּטשען איז באַפאַלן אַ קילע אומהיימלעכקייט. אַזאַ, וואָס קאָרטשעט און שווידערט צוזאַמען. דער וואַלד איז איר מיט איין מאָל געוואָרן ענג... איר האָט זיך געדאַכט, אַז פון אַלע זייטן לויערט עפּעס אויף איר. זי האָט געהאַלטן אין איין אַרומקוקן זיך.

ווי זיך צו באַשיצן, האָט זי צוזאַמענגענומען ביידע עקן פונם דינעם שאַל און גענומען שפּאַנען גיכער.

אָבער מאָדנע, ווי אירע חושים זענען דאָס פּלוצים פאַר־שפּיצט געוואָרן! זי האָט איצט באַנומען יעדן שאָרך אין וואַלד. אַפילו די פּלושענע טריט פון אַ העזעלע, וואָס איז פאַרבייגע־שפּרונגען, אַ שטיק ווייט פון איר. כאָטש ס׳איז שוין שוין געווען פאַרשוווּנדן ערגעץ אין טיפן וואַלד, האָט זי נאָך אַלץ געקוקט אַהין, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי ס׳איז נישט געווען עפּעס אַנדערש... מאָדנע, אַן אַנדערש מאָל, וואָלט דאָך טאָבטשע עס נאָכגעלאָפן און געפּאַטשט מיט די הענט און עס גערופן. איצט אָבער האָט דער שאָרך פון גראָז איר געפּאַקט פאַרן האַלז און שטיקט זי און לאָזט איר נישט אָטעמען. אָט דראַפּען זיך צוויי וויעוויאָרקעס איבער אַ הויכער סאָסנע, יאָגן זיך פון איין צווייג אויף דער אַנדערער, אַוודאי איבער אַ ווילד ניסעלע. מיט וויפל הנאה וואָלט דאָס טאָבטשע אין זיי געצילט אירע שישקעס! איצט אָבער פילט זי דאָס גראַבלען פון זייערע נעגעלעך, איבער די צווייגן, ווי ריב־אייזנס וואָלטן איר געקראַצט איבער דער הוילער פּלייצע...

זי האָט זיך גיך אַראָפּגענומען פון סטעזשקעלע, אַרויף אויפן ברייטן וועג. פון אירע טריט האָט זיך אויפגעהויבן אַ טרוקענער שטויב. דאָ איבערן מיטן וועג, איז געווען ליכטיקער. דער הימל, כאָטש אַ פאַרנאַכטיקער, האָט צוגעגעבן היימלעכקייט. פון ביידע זייטן וועג האָט זיך אַפילו געצויגן דער טונקעלער, פוסטער וואַלד, האָט זי זיך דאָך געפילט דאָ פרייער, ווי אינעווייניק.

ענדלעך, פון דערווייטנס, דאָרט, ווו ס׳קרייצן זיך די וועגן, האָט זיך אַריינגעדרייט איר אַנטקעגן דער לאָמער סטאַך מיט די צוויי קי. סטאַך האָט געהאָפּעט: האָפּ. האָפּ! מיט יעדן אַראָפּ־שטעל דעם קורצערן פוס זיינעם פאַרקרימט זיך ביי אים, נישט בלויז די היפט און אַקסל, נאָר אַפילו זיין שטרוי־באַוואַקסן פּנים.

אַז סטאַך איז צוגעקומען נאָענט, האָט ער אַראָפּגענומען

ס׳בלויע, אויסגעריבענע היטל און צעשמייכלט ס׳רונדיקע, באַוואַק-סענע פּנים. פון איין אויער צום צווייטן מיט אַ חניפהדיקן: „דאָברי וויעטשור, פּאַניענקאָ״!

צו וואָס זאָל זי לייקענען, טאָבשע? כאָטש זי האָט, „פון יענעם מאָל אָן״, אַ ספּעציעלן ווידערגעפיל צו אָט דעם לאָמען „ברודאַס״, האָט זי זיך דאָך איצט דערפרייט זעענדיק אים. זי האָט זיך דערפילט. ווי זי וואָלט פלוצים באַפרייט געוואָרן פון אַ שווערן פּאַק משא, וואָס האָט זי שיער דערדריקט, וואָרום טיפע שרעק דריקט שווערער, ווי אַ שווערע משא. און עס איז געווען טיפע, קורטשנדיקע שרעק, וואָס האָט ביז איצט געדריקט טאָבטשען.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט: „דאָברי וויעטשור, סטאַכו, דאָברי וויעטשור״!

די קי, דערזעענדיק אַ נייעם מענטש, האָבן אויסגעדרייט די שווערע קעפּ, געקוקט מיט די גרויסע, פייכטע אויגן צו טאָב-טשען: „מ—מו—ו—ו!״

דער ווייס-געפלעקטער קאָפּ פון דער שוואַרצער קו, האָט זיך געשטרעקט צו איר. זי האָט אים געגלעט צווישן די הערנער, אונ-טערגעשטעלט איר האַנט אונטער דער פייכטער מאָרדע, איר גע-קוקט גלייך אין די גרויסע, מאַטאָווע אויגן אַריין און גערעדט צו איר, ווי צו אַ קינד, מיט ווען זי שפּילט זיך: אַ סך מילך גע-בראַכט? קיעלע, קיעלע!

די קו האָט איר אַ וואַרעמען לעק געטון אין דער האַנט, ווי זי וואָלט איר געענטפערט: „אַ סך, אַ סך!״

טאָבטשע האָט זיך מיטן טיכל געווישט די פייכטע האַנט און דערביי געזען, ווי סטאַך נעמט נישט אַראָפּ קיין אויג פון איר, האָט זי אים געזאָגט: „אייל אַהיים, סטאַכו! שוין שפּעט! שוין צייט צו מעלקן״!

סטאַכס באַוואַקסן פּנים מיט דער שאַרפער נאָז, האָט זיגעריש און צופרידן געשמייכלט: „שוין געמאָלקן, פּאַניענקאָ, שוין געמאָלקן״.

און פּלוצים האָט ער גאַנץ דרייסט געטון אַ האָפּ צו: „אַ יאַק פּאַניענקאָ, נאָך נאַס די האַנט? זאָל די פּאַניענקאַ מיר געבן. איך וועל אָפּווישן”...

טאָבטשע האָט באַמערקט, אַז אונטער דעם שמייכל פֿון זיין באַוואַקסן פּנים, זעט זיך, דאַכט זיך, אַזאַ גערייצטקייט, ווי ביי אַ הונט, וואָס גייט נישט נאָר בילן, נאָר וועט באַלד אַ ביס טון, און כאָטש זי האָט אים געזאָגט: „ניע, דזשיענקויע, שוין טרוקן, דאָבראַנאָץ”, — שטייט ער נאָך אַלץ און רירט זיך נישט פֿון אָרט...

זי האָט זיך אָפּגערוקט און גענומען גיין און דערביי אָנגעשטרענגט זיך צוגעהערט, ווי ער רירט זיך אַלץ נישט פֿון אָרט. שפּעטער שוין, אָפּגייענדיק אַ שטיק וועג, האָט זי ענדלעך געהערט, ווי ער נעמט האָפּען ווייטער מיט די צוויי קי. ס׳איז איר איצט קלאָר געוואָרן אַ סך זאַכן און הויפּטזעכלעך זיין דאַמאָלסטיק אַוועקפּויזן אין זאַמד, ווען זי איז געלעגן אַ נאַקעטע אַליין און זיך געבאַקן אויף דער זון. זי האָט אַ שוידער געטון פֿון דעם געדאַנק... נאָר מאָדנע, זי האָט פֿונדעסטוועגן געטראַכט, אַז ער האָט אַ שיינע, אַן אמת פּוילישע נאָז און אויך „זייער גוט, וואָס יוסטינקע קומט היינט און אַנגאַ, זי וועט נישט דאַרפֿן שלאָפֿן אַליין”... „אַ לאָמער אַפילו, ער מוז אָבער זיין אַ גוטער...

פֿון זינט אַ קורצער צייט האָט זיך די שוואַרצע מאַניע אינגאַנצן געענדערט. איידער זי איז געוואָרן פֿאַרוואַלטערין פֿון דער אַרבעטער־קיך, איז זי געווען אויסגעטריקנט, ווי אַ שישקע. פּונקט ווי מ׳קאָן איבערציילן די אונטערגעהויבענע, שטעכיקע ווענטלעך פֿון אַ שישקע, אַזוי האָט מען געקאָנט איבערציילן די ריפּן אונטער איר הויט.

איר פּנים איז געווען אַ דרייעק — אַ שפּיציקע גאָמבע,

צוויי שפּיציקע קנאָכנס און אַ לאַנגער, ווייסער שטערן, איבער וועלכן דריי דינינקע, קלוגע קנייטשעלעך זענען געלאָפן פון איין ווינקל צום צווייטן. אונטערן שטערן, טיף אין די ווינקלען, ווי קלוגע, וואַכע פייגל אין די נעסטן, זענען געזעסן צוויי ברוינלעך־שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן דערציילט פון אַ סך דערפאַרונג און טרויעריקע טעג.

און דערפאַרונג האָט מאַניע געהאַט אַ סך... מאַניע איז שוין אַריבער די צווייטע זייט דרייסיק. זי איז שוין לאַנג אין דער באַוועגונג, נאָך פון די אומלעגאַלע צייטן, געדענקט ס׳פינפטע יאָר. זי קאָן זען אַ סך און שווייגן נאָך מער. און אַפילו היינט, ווען מ׳מעג שוין דערציילן, איז זי נאָך אַלץ קאָנספּיראַטיוו... אָפּטמאָל דאַכט זיך, אַז דער ווייסער שרונט, וואָס טיילט אַזוי פינטקלעך פונאַנדער אירע שוואַרצע, גלאַטע האָר אויף צוויי גלייכע טיילן, טיילט נישט נאָר פונאַנדער אירע האָר אויפן קאָפּ, נאָר אויך די דערפאַרונג אינעווייניק אין קאָפּ.

מאַניע איז אַ שניידערין און איר האַרץ־ברעטל איז פּונקט אַזוי דאַר און פלאַך, ווי ס׳מאַשין־ברעטל, אויף וועלכן זי נייט. זי איז געזונט, מאַניע... אַזוי זאָגט זי, נאָר זי רעדט שטיל, הייזעריק.

אָבער אָט האָט מען זי אויסגעקליבן פאַר פאַרוואַלטערין איבער דער אַרבעטע ר־קין, איז, זינט זי איז אַריינגעקראָכן אינ׳ם ווייסן, דאָקטאָרסקן כאַלאַט, האָט זי זיך אינגאַנצן פאַרענדערט. דער דריי־עק פון פנים איז פאַרשוואונדן. די קנאַכנס לעבן די אויגן האָבן זיך באַהאַלטן אונטער פליישיקע קישעלעך. איר הויכער גוף, וואָס איז שטענדיק געווען פאַרהוילן, אונטער די לאַנגע, שוואַרצע, ביזן האַלז פאַרקנעפּלטע קליידער, שיילט זיך, נייך, רייסט זיך איצטער פון אונטערן ווייסן כאַלאַט אַפער... איר פלאַך האַרץ־ברעטל איז פלוצים אויפגעלאָפן און ס׳איז געוואָרן צוויי ריזיקע, אָנגעבלאָזענע פּענכערס, וואָס באַמבלען זיך איר ביי יעדן שטעל פון אַ פוס...

הונגעריקע, וואָס קומען מיט די חושכדיקע טעפּ אין קיך אַריין, האָבן אַפילו געמורמלט: ט'אָסטו, הונגערן נעבעך די חברים און ווערן ברייטער, ווי לענגער"...

אָבער אַ געניט אויג האָט געקענט זען, אַז דאָס געשווילט מאַניע אַזוי... אַז אָט, אָט קריכט ס'געשווילעכץ אַריבער די אויגן און וועט זיי צושליסן, אויף אייביק צושליסן...

נו, האָט די פאַרוואַלטונג גענומען מאַניען און זי אַוועקגעזעצט אין אָטוואָצק. זיצט זי דאָ איצט אַ געבליבענע, פּונקט ווי טאָבטשע, וואַלגערט זיך אין זאַמד, מאַכט רינוועס און קאַנאַלן און אָטעמט וואלד־לופט...

היינט האָט זיך מאַניע אויך געפוילט עפּעס אַליין צו פאָרן ביי די טעפּלעך. אויך צו איר דאַרף מען היינט קומען. אמת, אויסער לאָזערן, קיינער נישט. אָבער ווען נאָך דאַרף זי? שלעכט איז נאָר, וואָס נישט אַלע שבת קאָן ער קומען. אָבער היינט, איז זי זיכער, וועט ער יאָ קומען. גייט זי דאָס איצט אַ פרייטאָג־צונאַכטסטיקע, אויפן שמאָלן טראָטואַר, די שוואַרצע האָר גלאַנצן ביי איר נאָך שטאַרקער, ווי זיי וואָלטן געוועזן אויסגעווייקט אין אייל, דער שוואַרצער שאַל, מיט די קאָלירטע בלימלעך אַרום די שפּיצן, איז איר לייכט פאַרוואָרפן אויף די אויסגערונדיקטע אַקסלען, רוקט זי זיך דאָס פון יענער זייט, אַנטקעגן טאָבטשען, שטעלט די פיס אַזוי קלאָציק, צוזי שווער, פּונקט ווי אַ שווערע, אָנגעשטאָפּטע גאַנז.

טאָבטשע האָט זיך שנעל צו איר דערנענטערט גלייך מיטן פּזמון: „כ'האָב נאָר וואָס געטראַכט פון אייך, מאַניע"!

— פון מיר, כאָטש עפּעס גוטס?

— כ'האָב געטראַכט, אַז מיר דאַרפן וווינען צוזאַמען.

— פלוצלינג!

ביידע האָבן זיך איצט אַריינגעדרייט אין דער גאַס רעכטס.

טאָבטשע האָט, גייענדיק לעבן מאַניען, אויף איר זיך אָנגעשפּאַרט, ווי אַ קאַפּריזנע קינד אַמאָל אָן אַ מאַמען. „יאָ", האָט זי פאַרגע־זעצט, „טאַקי פלוצלינג! ביז איצט איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז אַלע ווילדעס אין מיין „אָקאָליצע" זענען שוין פאַרקלאַפּט. חוץ דער קריסטין איז זיין קיין לעבעדיקער „דוך" נישטאָ. ס'איז מיך היינט באַפאַלן אַזאַ פּחד, אַז טאָמער קומט נישט יוסטינע, גיי איך נישט אַהיים שלאָפן, „כיבע" איר וועט מיט מיר מיטגיין.

מאַניע האָט די גאַנצע צייט איבער דעם פּזמון געקוקט זייַ־טיק אַראָפּ, אויף דער קליינער טאָבטשען, מיט אַזאַ חוזקדיק שמייַ־כעלע אַרום אירע דינע ליפּן:

— פאַר וועמען האָסטו עס אַזוי מורא? אַרום מיר זענען אויך אַלע ווילדעס פאַרמאַכט. ס'טאַקע אַביסל אומהיימלעך, אָבער מורא? נאַריש קעצל!

— וואָס זאָל איך זיך שעמען? כ'האָב טאַקע מורא! און סטאַך... איר הערט, מאַניע —

מאַניע האָט שוין ווייטער נישט געהערט. נאָר זיך שטאַרק און אויף אַ קול זיך צעלאַכט: „אוי כ'אָ נישט קיין זאַאַטן! פאַר סטאַכן"? זי האָט זיך עקסטרע איינגעבויגן, געקוקט דער פאַרוווּנ־דערטער טאָבטשען גלייך אין די אויגן אַריין: „פאַרן לאָמען סטאַך? פאַר דעם קולאַס? ער איז דאָך אין יענעם עק! טאָבטשע, דו ווייסט דען, וואָס דו רעדסט"?

טאָבטשע האָט זיך געפילט געטראָפן פון דעם אויסלאַכן זי, נאָך איידער זי האָט אפילו דערציילט וואָס און ווען. פון דער שוואַרצער מאַניען, פון אַזאַ ערנסטער חברטע, האָט זי גע־מעגט דערוואַרטן מער אויפמערקזאַמקייט. זי האָט דערפאַר זיך געטון אַ רוק אָפּ פון איר, אַזוי פאָרויס, ווי זי וואָלט איר געוואַלט פאַרשטעלן ס'ווייטעריקע גיין און, קוקנדיק איר קריגעריש אין די אויגן אַריין, איר אָפּגעענטפערט:

— מאַניע, איך ווייס שוין גאָר. איר מיינט נאָר, אַז איך בין אַ קינד. אָט דער לאָמער קולאַס, יאָ, יאָ, דער לאָמער קולאַס."

טרעפט אַ שטייגער, וואָס דער לאָמער קולאַס האָט געקאָנט!

מאַניע האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרינטערעסירטע אויגן, געבליבן, שטיין ביים טירל פון דער ליטוואַטשקעס ווילקע:

„נו, וואָס דער קולאַס”?

— וואָלט איר זיך פאָרגעשטעלט? איך ליג די וואָך און וואַרעם זיך אין זאַמד, כ׳בין געלעגן ביז דער טאַליע נאַקעט, הער איך, ווי עפּעס רוקט זיך. כ׳טו זיך אַ דריי אויס, ערשט דער קולאַס פויזעט אַוועק פון לעבן מיר, ווי אַן איבערגעשראָקענע שלאַנג. ער ווייסט נישט, אַז איך האָב אים געזען. און דאָס איז געווען אינמיטן העלן טאָג...

— וואָס דו רעדסט? אַזוי האָט ער זיך „אָדוואַזשעט”? זעסטו, טאָבטשע, ס׳געפעלט מיר דווקא פון אַזאַ קאַליקע די דרייסטקייט... אָבער וואָס טוסטו איצטער דאָ? גייסט אוודאי אויך עסן צו דער ליטוואַטשקע?

— כ׳בין געווען פויל און...

זי האָט איר געוואָלט דערציילן וועגן ליגן אויפן זאַמד. נאָר מאַניע האָט איר גיך איבערגעריסן:

— וואָס?! האָסט שוין ווידער געהאַט אַ „נאַפּאַד”?

— יאָ, כ׳האָב זיך אָנגעאַרבעט און ס׳איז מיר געגעבן אַ טרעט צו, כ׳האָב געמיינט, כ׳בין פאַרביי.

דערווייל איז געוואָרן נאַכט. דורך דער ליטוואַטשקעס פענ־סטער האָבן אַרויסגעבלאַנקט פינף מעשענע לייכטער מיט געצונ־דענע שבת-ליכט. אַרום, אין די וואַלדיקע ווילעס, האָבן זיך גע־פלעמלט פענסטער, אין וועלכע יידן האָבן זיך געשאָקלט, ווי דינע סאָסנעס אין ווינט.

אויף די טראָטואַרן האָבן שפּאַצירט שבתדיקע טעכטער מיט בנעימותדיקע טריט. אַרום זיי האָבן יונגעלייטלעך אין סאַמע־טענע און זיידענע היטעלעך, אנטרונענע פון די שטיבלעך, אַזוי נישט דרייסט זיך אַרומגעפּאָרעט...

סיי טאָבטשע, סיי מאַניע, וואָס זענען שוין לאַנג געווען

אַוועק פון שבת. (טאָבטשע, אין יתומים־הויז, האָט דאָס קיינמאָל נישט געהאַט) האָבן ביידע דערפילט אַזאַ שבתדיקע מנוחה, אַז ס׳איז זיי אַ שאָד געווען אַליין אַריינגיין און זיך אָנעסן. „וועלן ליבערשט וואַרטן״. דערווייל זענען זיי אויך אַוועק אַזוי שבתדיק שפּאַצירן.

אין אַ פּענסיאָנאַט, נישט ווייט פון דער ליטוואַטשקעס גאָרקיכל, זיצן די צוויי חברים, מנחם און יוסף. טאָבטשע וואָלט איצט שטאַרק חשק געהאַט אַהינגיין זיי זען. (מיינען, מיינט זי יוספן, נאָר זאָגט — ביידן) גייט זי דאָס איצטער לעבן מאַניעס אָרעם, שווייגט און שעמט זיך איר דאָס פּאָרצולייגן, עפּעס ווי זי וואָלט געווען אַ שעמעוודיק כּלה־מיידל, און מאַניע — איר מאַמע.

און אַרום זיי, אויף די טראָטואַרן, אין דער טונקלקייט פון בוימער, שפּאַצירן פּאָרלעך „אַזוי שיין״ באַק צו באַק, די פינגער פאַרקלאַמערט, אַזוי שטייף, און שלינגען איינער דעם אַנדערנס אָטעם...

טאָבטשע קוקט זיי נאָך מיט אַזוי פיל קנאה! דערביי זעט זי זיך פאַרהאַקט אין די פיר ווענט, „ווער ווייסט ביז ווען. און אפשר שוין אייביק אַזוי... נאָר ווי לאַנג וועט דער אייביק אָנהאַלטן? נאָך עטלעכע בלוט־שטורצן... און יוסף אין פּענסיאָנאַט און אויך מנחם״. אָס אַזוי טראַכטנדיק, גיט זי פּלוצים אַ זאָג:

— איר ווייסט, מאַניע, אַ שאָד אַזעלכע יינגלעך. בלוט און מילך און שוין, מוזן שוין ליגן אין אָטוואָצק. מנחם קריגט איין בלוט־שטורץ נאָכן צווייטן און... (זי האָט דאָ געוואָלט באַדויערן אויך און טאַקע הויפּטזעכלעך יוספן, נאָר זיך צוריקגעכאַפּט, ווי מורא האָבנדיק פאַר מאַניעס געניט און פּראַקטיש אויג — אַ שאָד, וואָס אַ באַוועגונג מאַכט אַ תל פון אַזעלכע טייערע יינגלעך!

מאַניע האָט פאַרהאַלטן איר טראָט, פון דער זייט אַראָפּגע־קוקט אויף טאָבטשעס קליין, פאַרריסן נעזל, אויף וועלכן אַ דיניג־קער שאָטן, ווי אַ האָריק פרעגזעלע פון דער דערנעבנדיקער סאָסנע, האָט זיך אַזוי וווּנדערלעך געוויגט. שאַרף, ווי זי וואָלט ביי איר עפּעס געמאָנט, האָט זי איר געפרעגט:

— טאָבטשע און איך? און מיין לעבן? האָט מיך ווער געגייט? פונקט ווי מע נייט זיי! טאָבטשע, צווינגט ווער די קליינע פלי־געלעך אין דער פינסטערער נאַכט צו באַלאַגערן ס'ברענענדיקע ליכט? — זי האָט זיך אָבער געכאַפּט, אַז די פליגעלעך ווייסן נישט, וואָס זיי טוען, און מיר ווייסן דאָך יאָ. — אמת — האָט זי פאָרגעזעצט — די פליגעלעך טוען דאָס, נישט וויסנדיק די געפאַר, אָבער ס'ציט זיי צום ליכט! אַזוי צווינגט קיינער אונז נישט! וואָלט נישט בעסער געווען די פליגעלעך זאָלן שלאָפן אין דער פינסטער?.. זיי ציט אָבער צום ליכט אפילו, ווען זיי ווערן פאַר־ברענט... — זי איז געבליבן אַ ווײַלע שטיל, האָט אונטערגעהויבן טאָבטשעס דאַר, אַרויצגעשאַרצט גאָמבעלע, וואָס האָט איצט, צוזאַמען מיט די אויגן, געקוקט אַוועק ווייט־ווייט און זיך, דאַכט זיך, גאָרנישט צוגעהערט, וואָס מאַניע רעדט צו איר און אין איר ווייטער אַריינגערעדט: — טאָבטשע! ס'איז דיר פרעמד, איך ווייס דאָס, אָבער דאַרפסט עס וויסן! די באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס איז דאָס ליכט און מיר זענען די פליגעלעך. בעסער פאַרברענט ווערן אין ליכט, איידער שלאָפן אין דער פינסטער...

טאָבטשעס פנים האָט דאַ, אין מאַניעס האַנט־פלאַך, זיך אויפגעכאַפּט און איר געדאַנק איז צוריקגעקומען פון ערגעץ ווייט, וווּ זי האָט נאָר וואָס געהאַט טיפע און דרייסטע איבערלעבענישן מיט יוספן... מיט פינטלנעדיקע אויגן האָט זי געקוקט אויף מאַניעס גרויסן, געשוואָלענעם פנים, וואָס איז געווען אָפּגעגאָסן מיטן ליכט פון דער עלעקטרישער לאַמטער פון אַנטקעגן. זי האָט זיך באַמיט צוריקצוכאַפּן דעם פאָדעם פון מאַניעס געדאַנקען: „פליגעלעך, קאָמף"...

— יאָ, איר ווייסט דאָך בעסער, מאַניע, אפשר זענט איר גערעכט... ס איז דאָך אָבער פּאָרט אַ שאָד! מנחם איז ערשט צוויי און צוואָנציק און יוסף נאָר איין און צוואָנציק. און ווער ווייסט, צי זיי וועלן זיך קאָנען אַרויסרייסן?

— און איך קאָן זיך אַרויסרייסן? אַריין קיין אָטוואָצק — איז פאַרפאַלן!

זיי האָבן ווידער גענומען גיין. און מערקווירדיק, ווי טאָבּטשעס מויל און געדאַנק זענען זיך דאָס צעפאָרן אין באַזונדערע זייטן! מיטן מויל האָט זי ערנסט און מיט געפיל באַדויערט: „יאָ, גערעכט. פליגעלעך, זענגען זיך אָפּ, פליען צוריק"... און אין געדאַנק האָט זי אויפגעשווידערט: „איך בין האָפנונגסלאָז און ער, יוסף, בלויז אָנגערירט"... מיטן גאַנצן האַרץ וואָלט זי געוואָלט, ס'זאָל זיין פאַרקערט, יוסף זאָל זיין דער געפערלעכער, זאָל קריגן עטלעכע בלוט-שטורצן און מנחם זאָל אינגיכן אַוועקפאָרן. זי האָט זיך אפילו אַליין געמאַכט פאָרוווּרף: „האָסט נישט ליב יוספן, אויב קאָנסט אים אַזעלכעס ווינטשן"... זי האָט דאָך אָבער געוווּסט, אַז ס'איז נישט אַזוי! אַז ווייל זי האָט אים אַזוי ליב, ווינטשט זי אים דאָס... „וואָרום וואָס וועט זי האָבן, אַז ער וועט אַ געזונטער צוריק אַוועקפאָרן? אַזוי אָבער"?...

ס'איז איר געוואָרן הייס פון דעם געדאַנקען-פלאָנטער. זי האָט געוואָלט אַרויס פון דעם געוועב, ווי אַ פאַרפּלאָנטערט פליגעלע פון דעם שפינען-נעץ. זי האָט אַרויפגעקוקט צו מאַניען. יענע איז איצט געגאַנגען אַ שטילע, אַ פאַרטראַכטע, גלייך קיינער וואָלט גאָר לעבן איר נישט געווען.

— זאָגט מיר, מאַניע, האָט איר נישט ליב די צוויי באַטעמטע ייִנגלעך?

פאַר מאַניען איז די פראַגע געקומען פלוצים, ווי פון הימל אַראָפּ. מאַניע האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל: „צי איך האָב זיי ליב? אוודאי האָב איך זיי ליב".

— ניין, איך מיין נישט דאָס. איך מיין, וועמען האָט איר בעסער ליב?

מאַניע, פאַרשטייענדיק גוט, ווו דאָס „קעצל" צילט, האָט זיך מיט איר געררייצט: „כ'האָבביידע נישט ליב".

— איר פאַרשטייט מיך נישט...

— נאַריש מיידל, איך פאַרשטיי דיך שוין גאָר! — האָט זיך מאַניע הויך צעלאַכט, און זעענדיק, ווי טאָבטשע „קריגט די קאָלירן", האָט זי צוגעלייגט: — שאַדט נישט, דאַרפסט זיך נישט שעמען. מ'קען ליב האָבן אַזאַ יינגל, ווי מנחם (זי האָט ספּעציעל געזאָגט מנחם מיטן געפיל, וואָס דערפאַרענע ווייבער האָבן, ווען זיי געפינען אַרונטערצורייסן ס'לעצטע ביסל בושה ביי אַ יונג, שעמעוודיק מיידל. איצט, „הייסט עס, וועט זיך ס'קעצל מוזן „פּשי־זנאַוועו"...).

טאָבטשע האָט זיך נישט געכאַפּט אויף מאַניעס כיטרעקייט. גאַנץ אומשולדיק האָט זי איר געענטפערט: „ניין, נישט מנחם".

— אַזוי? יוסף גאָר? וואָס־זשע האָלסטו אין איין באַוווּנדערן מנחמס שאַרפע, קלוגע אויגן, זיין שוואַרצע געלאָקטע טשופּרינע?...

טאָבטשע האָט זי געגומען פעסטער אונטערן אָרעם. אירע אויגן זענען געוועזן פייכט און געקוקט אַוועק ווייט־ווייט און, ווי זי וואָלט גערעדט אין דער ווייטקייט אַריין:

— מנחם, כ'האָב אים אַזוי פיינט! ר'איז אַזוי ציניש? ר'האָט אַ צונג, ווי אַ שאַרף מעסער! — זי האָט אָנגעלענט דעם קאָפּ אָן מאַניעס אַקסל. — אָבער יוסף! ער איז אַזוי צאַרט און טוט אייך קיינמאָל נישט ווי... ער קוקט, דאַכט זיך, אַזוי פאַרחלומט און דאָך זעט ער אַזוי אַלץ און פאַרשטייט אייך אַזוי גוט... — דער־נאָך, ווי זי וואָלט זיך אויפגעוועקט פון אַ ליבן חלום. — מאַניע, זאָלן מיר אפשר אַרויפגיין און זיי מיטרופן צום באַן?

מאַניע האָט געהאַט הנאה, וואָס „ס'קעצל" איז שוין „צע־גאָסן"... כמעט ציניש האָט זי איר געזאָגט: „אַז מ'וויל אַזוי שטאַרק, גייט מען„...

טאָבטשע האָט זיך דערפילט, ווי אָפּגעגאָסן. זי האָט נעבעך פאַרלוירן געשטאַמלט: „כ׳האָב געמיינט... איך ווייס? כ׳האָב געמיינט, איר האָט געוואָלט זיי מיטרופן"...

מנחם און יוסף האָבן צוגעמאַכט הינטער זיך די פּירטקע פונם גערטל. וואָס צוימט אַרום זייער פּענסיאָנאַט. אָפּגייענדיק עטלעכע טריט, זאָגט מנחם:

— זעסט, יוסף, מיר דאַכט זיך, אַז די גאַנז מיטן הינדל קריכן אַהער.

— מנחם! האָסטו געקריגן אַ צונג, פּשוט אַ חלף! וואָס זאָל זי טון? ז׳איז דאָך געשוואָלן.

מנחם האָט צופרידן געשמייכלט מיט די ציגיינערישע אויגן: „ווער הייסט זי דען טון? אָבער זי קריכט, ווי אַ גאַנז, צי נישט? אדרבה, קוק אַליין, ווי זי שטעלט די פּאָלקעס. און די קליינטשיקע ביי איר זייט, זעט זי נישט אויס, ווי אַ קליין הינדעלע אַן אייַנציקס, וואָס די שווערע גאַנז האָט אויסגעזועסן, און ס׳שלעפּט זיך נעבעך נאָך דער פרעמדער, שווערער מאַמע. אדרבה, זאָג אַליין!

יוספן איז דווקא דער פאַרגלייך יאָ געפעלן. ס׳האָט אים געשטיקט צום לאַכן, אָבער דער רחמנות צו ביידע האָט גובר געווען: „זיי בעסער שטיל, מנחם, דיין רעדן קאָן זיי דערהרגענען"...

פונדעסטוועגן, אַז די צוויי פּאָרלעך האָבן זיך באַגעגנט, האָט מנחם איינגעהאַלטן די שאַרפע צונג און גאַנץ רויק געפרעגט: „איצט? דאָ אַרום? מסתמא עפּעס נייעס, חברטעס"?

די מיידלעך האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעדרייט אויף זייער וועג צוריק צוזאַמען מיט די צוויי חברים. איצט, גייענדיק אַלע פיר אינמיטן גאַס, האָט מאַגיע אָנגעקוקט טאָבטשען: „גלייב מיר,

זיי ווייסן גאָרנישט״? און, אויסדרייענדיק זיך צו די חברים, איז זי געטון אַ באַץ אַרויס אויף גיך, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, טאָמער וועט איר טאָבטשע פאַרביטן: „אַ סיורפּריז פאַר אייך! אין אַ נאָווינע האָט טאָבטשע מאָרגן — „מינינעס״. זי מאַכט, זאָג איך אייך, אַ גאַנצן באַל. יוסטינקע דאַרף באַלד קומען און נאָך חברטעס...

ביידע, סיי טאָבטשע, סיי יוסף, האָבן געפּילט דעם חוזק אין מאַניעס דערציילן. טאָבטשען האָט דאָס פאַרווייטאָגט אַזש ביז טרערן. ווען זי שעמט זיך נישט, לאָזט זי אָפּ איר אָרעם און גייט אַריבער אין דער אַנדערער זייט צו יוספן... מנחם דאַקעגן האָט ביי דער בשורה אָנגעשטעלט זיינע שוואַרצע, לויפנדיקע אויגן אַזוי שעלמיש אויף דער קליינער טאָבטשען און מיט זיין גאַנצן סאַרקאַזם זי געפרעגט:

— נאָך אוודאי אין די „נאַשטשעס״*), האַ, טאָבטשע?...

פונוואַנען האָט זיך צו טאָבטשען גענומען די פּלוצימדיקע דרייסטקייט, צו געבן מנחמען פּונקט אַזאַ איראָנישן ענטפער אָפּ: „שוין אַרויס פון די נאַשטשעס! צופרידן״? נאָר, ווייזט אויס, אַז דאָס איז געווען מיטן לעצטן ביסל ווידערשטאַנדס־כּוח. וואָס זי האָט נאָך געהאַט, וויל גלייך נאָך דעם האָט זי אָפּגעלאָזט מאַניעס אָרעם, געבליבן איין טריט הינטערשטעליק, אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און זיך שטיל, אָבער טיף, צעוויינט...

יוספן האָט מנחמס פרעגעלע נאָך מער פאַרווייטאָגט, ווי טאָבטשען. „ער האָט אים אָבער געבעטן איינצוהאַלטן די צונג״... פון דעם און טאָבטשעס בלייבן הינטערשטעליק האָט ער זיך דער־פילט ענג, ווי אין אַ קלעם. ער האָט אַרויסגענומען ס׳זייגערל, אויסגענוצט דעם פּאַקט, וואָס ס׳איז פינסטער, געבליבן שטיין אַ טריט, דערנאָך זיך צוגערוקט דערמיט צום לאַמטער, וואָס איז גע־ווען אין דער זייט לעבן טאָבטשען, אויך זי האָט זיך פאַרהאַלטן.

---

*) „נאַשטשעס״: פאַר די צוואָנציקער.

דערנאָך, שוין גייענדיק גלייך מיט איר, האָט ער צוגערופן „חברים, שוין שפּעט, באַלד קומט אַריין די באַן״!

נקמה איז אַ פּאַסקודנע געפיל, אָבער אַ זיס געפיל... דאָס האָט טאָבטשע גוט געוווּסט. אינמיטן טומל פון דער אָנקומענדיקער באַן, גלייך ווי מ׳האָט זיך אַרומגעזען, אַז געקומען זענען בלויז יוסטינקע און אַננאַ און אַז לאָזער איז צו מאַניען אויך היינט נישט געקומען: האָט די קראַנקע טאָבטשע דערפילט, ווי מ׳וואָלט איר צוגעלייגט אַ קילן פלאַסטער צו אַ ברענענדיקער וווּנד... זי האָט געוווּסט, אַז שפּעטער וועט זי, מסתמא, ווידער רחמנות האָבן אויף דער קראַנ־קער, איינזאַמער מאַניען, פּונקט ווי זי האָט רחמנות אויף איר אייגענער איינזאַמקייט. נאָר ווער וויל דען וויסן פון שפּעטער! דערווייל קילט זי זיך איר בלוט. „גוט אַזוי! זאָל זי זיך אויך וואַלגערן אויפן געלעגער, ווי זי״...

און געקילט האָט זי זיך נישט בלויז, וואָס חבר לאָזער איז נישט געקומען צו מאַניען, נאָר וואָס מאַניע מאַכט זיך כלומרשט „געפּגרט״ און פרעגט גאָר אויף לאָזערס באַקאַנטע, גלייך זי וואָלט אים, לאָזערן, גאָרנישט געקענט... „ט׳האָסטו דיר״, האָט זיך טאָב־טשע געטראַכט, „די חברטע פון פינפטן יאָר, די רעוואָלוציאָנערקע פון סיביר! אַליין שעמט זי זיך צו פרעגן אויפן געליבטן און לאַכט פון יענעם״...

מאַניעס רעוואָלוציאָנערישקייט און אויטאָריטעט האָט איצט מער געליטן אין טאָבטשעס אויגן, ווי זי וואָלט אַ שטייגער פלוצים אויסגעפונען, אַז מאַניע האָט זיך דערשראָקן און אַנטלאָפן פון די באַריקאַדן...

טאָבטשעס פאַרטראַכטקייט, איר גיין אַליין פון הינטן מיטן גאָמבעלע אויף דער ברוסט, האָט באַלד געווירקט. די געקומענע

האָבן אויפגעהערט דערציילן. און די האָבן אויפגעהערט פרעגן. ס׳איז געוואָרן שטיל, קיל און שטיל. דער הימל איז געווען לויטער און געשפּיזלט מיט קאַלטע שטערן. איינגעשרומפּן די ביימער, קאַלט! און די ווילדע שלאָפן אונטער שוועך-פאַרהאַקטע לאָדנס...

די שוועסטער, יוסטינקע, האָט זיך אומגעקוקט און געזען, אַז טאָבטשע טראָגט אויף זיך אַ לייכטן שאַל און בלויז אַ דין סוועטערל:

— וועסט זיך פאַרקילן, טאָבטשע, נאַ, טו אָן מיין מאַנטל.

טאָבטשען האָט זיך געדאַכט, אַז די שוועסטער שטרייכט דאָ אונטער פאַר אַלעמען, אויך פאַר יוספן: „פאַרגעס נישט, טאָבטשע! איך בין געזונט און דו ביסט קראַנק״!... אַליין אויף זיך זאָגט זי טאַקע, אַז „שוין נישט לאַנג, אפשר נאָך עטלעכע בלוט-שטורצן״. אָבער ס׳קרענקט זי, ווען אַנדערע שטרייכן דאָס אונטער. ספּעציעל געזונטע... און נאָך זי, די שוועסטער... זי וואָלט אוודאי נישט געוואָלט, די שוועסטער זאָל זיין אויף איר אָרט... פונדעסטוועגן קרענקט זי, וואָס דווקא זי האָט נעדאַרפט „ירשענען די מאַמעס סוכאָטעס״ און יענע, „אַ לייבלעכע שוועסטער״ איז געזונט... „אָבער טאַקע פולקאָם געזונט״... „זי וואָלט כאָטש געמעגט שווייגן״! טאָבטשען האָט דערפאַר די שוועסטערס פלוצימדיקע אויפמערקזאַמקייט איצט, נאָך מאַניעס און מנחמס שטעכעלירן, נאָך שאַרפער פאַרדראָסן. זי האָט זיך אַ וואָרף געטון: „לאָז מיך צורו! קיינעם איז נישט קאַלט, נאָר מיר״?

ווי וויניק מענטשן האָבן איינזעעניש מיט יענעמס געפילן. מ׳ווערט געטריי און איבערגעגעבן, כאָטש די איבערגעגעבנקייט דערהרגעט... אויך איצט זענען אַלע פלוצים איר געטריי געוואָרן. אַלע, חוץ יוסף. כמעט אַלע האָבן מיט איר איינגעטענהט: „ס׳געפערלעך פאַר איך, טאָבטשע, זיך איצט צו פאַרקילן״... בלויז איין יוסף, דער גוטער, ליבער יוסף, האָט גאָרנישט גערעדט. ער האָט בלויז אויסגעטון ס׳רעקל: „טוט אָן, טאָבטשע, ס׳וועט אייך גאָר נישט שאַדטן אַזוי אויך. אָבער צו וואָס זיין איינגעשפּאַרט״...

זי האָט עס אָנגעטון. איצט, אַז יענע זענען דערווייל אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט און זי איז געבליבן מיט אים אַליין, וויניקסטנס יענע זאָלן נישט הערן, וואָס זי זאָגט, האָט זי אים, דורך דער וואַלדיקער פינסטערניש, געקוקט אַזוי נאָענט אין די אויגן אַריין, אַז זי האָט אַזש דערפילט זיין אָטעם... דאַכט, זיך איר גאַנץ האַרץ האָט זי אַריינגעלייגט אין דעם ווייכן בליק אירן. אָבער געזאָגט האָט זי אים גאָרנישט מער, ווי „ס׳וועט דאָך אייך זיין קאַלט, יוסף״. און זאָגן וואָלט זי דאַך אים געוואָלט אַזוי פיל!...

— ניין טאָבטשע, איך טראָג דאָך אַ וואַרעם לייבל...

„ווי איינפאַך. ווי האַרציק ער זאָגט דאָס, יוסף״. זיין שטיל און פשוט רעדן, אָן שטעכענישן, קלינגט איצטער טאָבטשען, אין דער אַרומער, וואַלדיקער שטילקייט עפּעס, ווי אַ וווּנדערליכער סוד, וואָס וויגט איין, אָבער פאַרשלעפערט נישט... פאַרקערט, וואַכט אויף דאָס גאַנצע וועזן און שטרעקט ממש אויס די אָרעמס אַרומצונעמען און אים דריקן צו זיך, אַזוי שטאַרק, אַזוי פעסט... אָ! ווען זי קאָן דאָס... „דערנאָך וואָלט זי געשטאָרבן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן״... דערווייל אָבער האָט זי געוואַגט און אַרויפגעוואָרפן איר שאַל אויך אויף יוספס אַקסלען און אַזוי אַרום אים צוגעשלעפּט צו זיך...

טאָבטשעס שטיבל באָדט זיך איצטער אין אַ שטילער, ווייס־מאַטאָווער פערל־ליכט. אינמיטן טונקל־בלויען הימל שווימט אַ האַלבע לבנה, ווי אַ פערלמוטערן שיפעלע, און שווימט און שווימט. און בליציקע שטערן, ווי ליכטנדיקע אויגן, שווימען מיט, שווימען מיט. איבערן העל־געלן זאַמד ליגן ווייכע שאָטנס פון סאָסנעס, ווי שטילע הירשן, און שלאָפן. שטיל אַרום. אַ שטיל, איינגעדרימלט לעבן...

איינגעהאַלטן, מיט ווייכע טריט, ווי נישט איבערצורייסן דעם שטילן חלום, וואָס אין איר און אַרום איר, האָט טאָבטשע אַרויסגעבראַכט אַ קאָלדרע, זי פֿאַרשפּרייט איבערן ליכטיקן זאַמד און זיך אַראָפּגעזעצט. זי האָט אויך יוספֿן אַראָפּגעצויגן צו זיך... ער האָט זיך נאָכגעגעבן און דערביי געקוקט, ווי זיין שאָטן ברעכט זיך איבער און פֿאַלט אַ טויטער לעבן אים אויף דער קאָלדרע... דערנאָך האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט אין אַ ראָד.

מנחם האָט די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגענומען זיין דורכדרינגנדיק אויג פֿון יוספֿן און טאָבטשען. ער האָט אַלץ געזען. דאָס סצענקעלע פֿריער, ווי טאָבטשע האָט אים איינגעהילט אין שאַל (ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פֿון לאַכן, אַפֿילו איצט ביים בלויזן דערמאָנען זיך). איר איצטיק אַראָפּשלעפּן אים צו זיך, ווי אַ „צעיורן שטיק טייג" און ווי „דער אינטעליגענט" איז דאָס איצט „צעגאָסן געוואָרן" פֿון דער לבנה... ער האָט געפֿילט, אַז ער דאַרף עפּעס זאָגן, אויב נישט אויפֿן „הינדלס" חשבון, איז כאָטש אים, יוספֿן, אַ שטאָך טון:

— ט'אָסטו אַ קעמפֿער! ר'אָט דערזען דעם הינטער־חלק פֿון דער לבנה, פֿאַלט ער אַוועק אַ געחלשטער אויף דער באַריקאַדע...— דערביי האָט ער געלאַכט, מיט זיין שאַרפֿן, דראָבנעם געלעכטערל, כאָטש ר'האָט געוווּסט, אַז ער שניידט, נישט נאָר „ס'הינדל", נאָר אויך אים, יוספֿן, ווי מיט מעסערס.

יוספֿ, מורא האָבנדיק, ס'זאָל נישט ווידער זיך איבערחזרן דאָס, וואָס פֿריער, האָט זיך געמאַכט, ווי נישט אים מיינט מען, נאָר געזאָגט גאָר: „חברים, אויב מ'קאָן נישט שווייגן... (דאָס האָט בעדאַרפֿט זיין אַ שטאָך צוריק מנחמען) טאָ זאָל מען זיך דערציילן מעשהס, אייגענע איבערלעבונגען, פֿון דער באַוועגונג, נאָר שטיל, שטיל און דער ערשטער, דערצייל טאַקע דו, מנחם!

דערציילט האָבן אַלע, איינער נאָכן אַנדערן לויט דער רייע, נאָר אָן אויג האָט מען געהאַלטן אויף מאַניען און ספּעציעל יוספֿ. שוין לאַנג, ווי ער זוכט אַ געלעגנהייט צו הערן די לאָקנדע גע־

שיכטע, וואָס אַזאַ אַלטע חברטע אין דער באַוועגונג מוז האָבן צו דערציילן. דערפֿאַר, וואָס נענטער צו מאַניען, אַלץ מער איז ביי איר געשטיגן דער נייגיר, ביז ענדלעך זי האָט אָנגעהויבן. און דערציילט האָט זי לאַנג און מיט אַ סדר. אָנגעהויבן פֿון ווען זי איז געווען אַ קליין מיידעלע אין שטוב, דערנאָך צו דער מאַשין, פֿון מאַשין צו דער בירזשע, פֿון דער בירזשע אין דער פּאָליציי, דערנאָך צום געריכט, דערנאָך דער פּאַוויאַק, דערנאָך אַ לאַנגער, לאַנגער וועג און צום לעצט סיביר...

און נישט וויסנדיק אַליין האָט זי דאָ אַהער, קיין אָטוואָצק, אַריבערגעבראַכט די סיבירער פֿרעסט און טיפֿע שנייען און מוראדיקן געבריל פֿון וואָיענדיקע וועלף.

זי האָט דערציילט רויק און שטיל, אָט ווי זי וואָלט זיך אַראָפּגערעדט פֿון האַרץ. אירע אויגן האָבן געקוקט אַוועק ווייט, ווי זי וואָלט אַלץ ווידער געזען, דערביי האָבן אירע ווייסע, לאַנגע, ביינעריקע פֿינגער זיך קאָנוווּלסיוו געוואָרפֿן איבער איר שוואַרצער שויס, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ווייסע שלענגלעך וויקלען זיך דאָס און וואַרפֿן זיך פֿון גרויס ווייטאָג. ווען זי איז אַנטשוויגן געוואָרן האָבן זיך אַלע געכאַפּט, אַז ס'איז קאַלט...

מ'איז אַריין אין שטוב. טאָבטשע האָט אָנגעצונדן ס'לעמפּל. אַ שוואַכע, געלע שיין איז געפֿאַלן און זיך אויסגעשפּרייט איבערן שטיבל. אונטער די פּיס האָבן זיך געפּלאָנטערט שאַרפֿע, דיקע שאָטנס.

ערשט איצט האָט זיך יוסטינע דערמאָנט, אַז זי איז געקומען צו קראַנקע און אַז זי האָט געבראַכט גוטע זאַכן. פֿאַר איין וועג האָט זי זיך שוין דערמאָנט, אַז טאָבטשע האָט שוין באַדאַרפֿט שלאָפֿן און מנחם אויך... שטיל אין זיך האָט זי זיך געיאַדעט, וואָס זי האָט דערלאָזט צו דער „ויאַך-נאַכט“. אַ געדאַנק האָט איר אָנגעהויבן צו בריען: „ווער ווייס, אויב דאָס וועט גלאַטיק אָפּלויפֿן“... זי האָט גענומען מאַכן טיי. אויסער אַננען, וועלכע איז דאָ געווען די געזונטסטע פֿון אַלע, האָט זי קיינעם זיך נישט געלאָזט

צוהעלפן. אננאַ האָט טאַקע באַלד געגומען ווייזן, אַז אויסער איר און אפשר אויך יוסטינע, איז קיינער נישט געזונט און אַז זיי מוזן פּאָלגן און זיך אויסזעצן, ווי קינדער אויפן בעטל און זי וועט שוין אַלץ דערלאַנגען, אַלץ, טיי און מילך און מאַקאַראָנען. יוסטינע האָט אפילו געבראַכט לכבוד דער קראַנקער שוועסטערס אימינינעס אַ פּודלע שאָקאָלאַדן, וואָס זי האָט טאַקע שוין איצט, ווי אַ פּאַרגי־טיקונג פאַר דער ביז־איצטיקער טרויעריקער שטימונג, געעפנט. ס'איז געוואָרן וואַרעם און לעבעדיק. טאָבטשע האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און האָט זיך פאַרהוסט. צום ערשט לייכט, איינצלנע הוסטלעך, דערנאָך אַלץ געדיכטער און מער, ביז איר צונג איז ווידער גע־בליבן שטעקן דרויסן, ווי אַ רויטלעך־ווייסער קאָרעק וואָלט איר פאַרשטאָפּט ס'מויל. די אויגן ווידער פאַרגלייזט און אַרויסגעזעצט, ווי אינדערפרי.

מאַניע, לעבן איר, האָט איר געגלעט איבער דער פּלייצע, ווי זי וואָלט איר געוואָלט דעם הוסט אַראָפּשאַרן. יוסטינע האָט זיך מיט די נעגל געריסן די באַקן. אננאַ איז געבליבן, ווי פאַר־שטיינערט, מיט אַ שאָקאָלאַדקע ביים מויל...

דער איינציקער, וואָס האָט געוווּסט, וואָס ער טוט, איז גע־ווען מנחם. קודם האָט ער קאָמאַנדעוועט מיט מאַניען, זי זאָל זי נישט אָוועקלייגן, נאָר האַלטן אויפגעזעצט. יוספן האָט ער געשיקט גיך נאָך קאַלט וואַסער. אַליין האָט ער אָנגעגרייט אַ האַנטוך און אַזוי גיך, ווי דער הוסט איז נאָר אַריבער, האָט ער זי געלייגט אין דער גאַנצער פלאַך אָן אַ קישן, און גלייך גענומען לייגן קאַל־טע האַנטיכער אַרום האַלז.

אַלע, אפילו מאַניע, האָבן געפאָלגט זיינע באַפעלן. מ'האָט אפילו נישט געטראַכט, צי ס'איז גוט, וואָס ער טוט. און וואָס איז דען יאָ גוט? ווען „ס'דאַרף קומען". שטילערהייט האָט ער איינ־גערוימט אננען: „ווער ווייס, אויב ס'וועט געלינגען צו פאַרהאַלטן אַ בלוט־שטורץ.

בעת מנחם און אננאַ האָבן זיך דאָ געפּאָרעט ביים אויס־

דרינגען אַ טוך און זיך דערוויײל געסודעט, האָט יוסטינע געטון אַ קוויטש.

אַ דין שנירעלע בלוט, ווי אַ רויטער, זיידענער פאָדים, האָט אַרויסגעשטראָמט פון טאָבטשעס מויל. נאָר איידער יוסף האָט עס צייט געהאַט צו זען, האָט מנחם עס שוין געהאַט אָפּגעווישט. דאָס רויטע ווערמל האָט זיך אָבער נישט געלאָזט פאַרווישן. גלייך האָט אַרויסגעשטראָמט אַן אַנדערס, דאָס מאָל איבער דער לענג פון מויל. מנחם האָט געשיקט ווידער עס פאַרווישט, דערביי האָט ער גע־טראַכט, אַז זי, טאָבטשע, איז נאָך געפערלעכער, ווי ער... נאָכן דריטן מאָל אָפּווישן דאָס רויטע פעדעמל אַרום איר מויל, האָט ער שוין פאַרלוירן די רויקייט. „עפּעס גאָרנישט, ווי ביי אים". איצט האָט ער שוין נישט געטופּעט אויף די ווייבער פאַר זייער „הי־סטעריע". ער האָט שוין אפילו געטראַכט צו הייסן יוספן מיט אַנגאַן גיך לויפן נאָך אַ דאָקטאָר. דערוויײל אָבער איז אים איינגעפאַלן זי אויפזועצן. ער האָט געטון אַ ווונק צו יוספן. בעת יוסף האָט זי אונטערגעהאַלטן, האָט ער דערוויײל פון די קישנס געמאַכט אַן אָנ־לען. פאַוואָליע האָבן זיי זי אָנגעשפאַרט אָן די קישנס. טאָבטשע האָט דערפילט יוספס הענט. זי האָט אויפגעעפנט די אויגן און לייכט אָנגענומען יוספס האַנט. ער האָט זיך אַ צאַפּל געטון: „כ׳טו אייך וויי"?

טאָבטשע האָט אים אָנגעקוקט מיט אַזעלכע ווייכע אויגן. אַרום איר קינדיש מויל האָט געצאַנקט און אויסגעגאַנגען אַ דיניג־קער שמייכל. זי האָט אים געוואָלט ענטפערן. אָבער יוסף האָט איר פאַרשטעלט ס׳מויל מיט זיין האַנט־פלאַך: „רעדט נישט איצט, שפּעטער"! זי האָט לייכט זיין האַנט אַוועקגענומען פון איר מויל, אים אַ ציי געטון צו זיך. ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד פון איר בעטל און געזען, ווי איר פּנים האָט אָנגענומען אַזאַ רויקן, אַזאַ לויטערן אויסזען, גלייך זי וואָלט פּלוצים באַפרייט געוואָרן פון אַ גרויסער פּיין.

יוספן האָט אַרומגעכאַפּט אַ גרויס רחמנות אויף דעם פאַר־

לוירענעם מיידל. יאָ, ער האָט טאַקע געטראַכט: „פאַרלוירן"..
פאַרלוירן אינגאַנצן, איר לעבן, פּונקט ווי איר ליבע צו אים...
וואָס האָט ער דען מער פאַר איר, ווי רחמנות? איז אים דען
איצט נישט איבלדיק, וואָס זי האַלט זיין האַנט אין אירע בריענ-
דיקע, קינדישע הענטלעך? און ער נעמט זי נישט אַרויס בלויז
צוליב רחמנות, וואָס ער האָט צו איר. „נאָך גוט", האָט ער גע-
טראַכט, „וואָס זי קאָן נישט לייענען זיין איצטיק טראַכטן"... נאָר
זי ווייס דאָך סיי ווי, וואָס ער פילט. און אפשר צוליב אים איז
זי איצט אַזוי חרוב? ווען ער לייגט נישט פאָר צו זיצן אין קילן
דרויסן און זיך דערציילן מעשהס, וואָלט אפשר צו דעם נישט גע-
קומען? אַלע וואָלטן געווען געגאַנגען שלאָפן. איצט, ווער ווייס,
וואָס ס'דערוואַרט נאָך מנחמען... און אים אַליין שטעכן אויך די
זייטן. און זי, טאָבטשע, גלייך זי וואָלט געוווּסט, פון וואָס
ער טראַכט, גלעט אים אַזוי צאַרט די האַנט. און אירע אויגן זענען
פאַרמאַכט און איר פנים איז אַזוי בלאַס, גאָט, ווי בלאַס זי איז!
און אונטער איר צאַרטער הויט, ציט זיך אַזאַ דינינקער געוועב
פון רויטלעך-בלויע אָדערלעך, ווי אַ געפלעכט פון דינינקע שלענ-
געלעך. און ווי שווער זי אָטעמט! מיט יעדן אָטעם-צוג הויבט זיך
ס'שמאָלע האַרץ-ברעטל און די קליינע, קוים אויפגעגאַנגענע, קינ-
דישע בריסטן, וויגן זיך מיט אַראָפּ, אַרויף, אַראָפּ, אַרויף...

אין צווייטן ווינקל ביים פענסטער זענען דערווייל אַלע גע-
שטאַנען אין אַ קופּקעלע, ווי הינער אונטער אַ דעכל בעת אַ רעגן.
און דער איינציקער האָן, מנחם, האָט איינגעטענהט, אַז מ'טאָר
נישט אַוועקגיין און זי איבערלאָזן אויף די צוויי מיידלעכס הענט.

— אָבער ווו שפּאַרט מען זיך צו? — האָט מאַניע דאָך געטענהט.

אַננאַ און יוסטינע פּאָדערן דווקא, אַז זיי ביידע, די גע-
זונטע, דאַרפן נישט שלאָפן. „פון וואָס מ'וועט קאָנען, וועט מען
מאַכן אַ געלעגער פאַר די קראַנקע". אָבער מאַניע און מנחם
טענהן זייערס: „אַלע וועלן זיך צושפּאַרן. שלאָפן וועט מען סיי
ווי נישט".

טאָבטשע האָט פון דעם גערודער געעפנט די אויגן, אָנגעקוקט יוספן לאַנג און דורכדרינגלעך, דערנאָך קוים־קוים, וואָס ער האָט געהערט, האָט זי געזאָגט:

— איר וועט זיך דאָ צושפּאַרן.

יוסף האָט איר ווידער אויף גיך פאַרשטעלט ס׳מויל: „רעדט נישט"! כאָטש, ווען מ׳פרעגט אים, ווייס ער אַליין נישט, פאַרוואָס ער דערשטיקט אַזוי יעדער וואָרט אירס: צי ווייל ס׳שאַדט איר, אָדער אפשר גאָר, ווייל ער וויל נישט יענע, דאָרטן, זאָלן הערן, וואָס זי רעדט אַלץ... אָבער טאָבטשע האָט זיך מיט זיין טראַכטן נישט גערעכנט (און אפשר האָט זי אין איר איצטיקן מעמד, זיך כאָטש פאַר אַ מינוט, נישט געוואָלט רעכנען מיט קיינעם?..). שווייגנדיק, האָט זי זיך אַ לייכטן רוק געטון צו דער וואַנט און מיט אירע אויגן, אַזעלכע פאַרווייטאָגטע, אַזעלכע ווייכע, האָט זי אים אָנגעוויזן אויף דעם ליידיקן שטיקל בעט, „דאָ לעבן מיר".

אינדערפרי איז טאָבטשע אויפגעשטאַנען אַזאַ מאָדנע טרויעריקע. אייגנטלעך איז עס גאָרנישט געווען קיין טרויער, נאָר גיכער אַ גלייכגילטיקייט. אַ צושטאַנד, אין וועלכן מ׳וויל גאָרנישט, אַפילו ס׳פינטלען מיטן אויג איז איבעריק. זי איז געלעגן און געגלאָצט אין פוסטן חלל פון דער שטוב, אין וועלכער ס׳איז אויסער איר קיינער נישט געווען. אַפילו ווען יאָ, וואָלט זי סיי ווי נישט געווען באַוווסטזיניק וועגן דעם זיין. איר פנים איז כמעט געווען פאַרשטיינט מיטן דינינקן שמייכעלע, וואָס איז איר געבליבן הענגען פונם חלום, וואָס זי האָט געהאַט מיט יוספן... און דער ערשטער געדאַנק אירער איז טאַקע געווען יוסף. „ווו איז ער? ווו איז ער אויסגערונען"? פונקט ווי דער חלום! איז איר באַשערט בלויז צו

חלומען? „אפשר איז דער נעכטיקער „נאָפּאַד" אויך בלויז אַ חלום"?
זי שטרענגט אָן דעם געדאַנק, אויפן שמאָלן שטערנדל לעבן קינ-
דישן נעזל פאָרמירן זיך דריי ווערטיקאַלע קנייטשעלעך, ווי דריי
דינע, פאַרטריקנטע שניטן... „צום באַדויערן" טראַכט זי און זעט
ווידער פאַר זיך ס'נעכטיקע בילד. און ווען נישט דאָס אָנשטרענגען?
און די פריערדיקע בלוטשטורצן? אָן אָנשטרענגונג! פאַרפאַלן, פאַר-
פאַלן!... און ער האָט דאָס אַלץ געזען!"... „מאַמע, מאַמע"!

ערשט איצט, ביים אַרויסברענגען די ערשטע צוויי ווערטער
אויפן קול, האָט זי זיך דערפילט, ווי זי וואָלט נאָר וואָס געעפנט
די אויגן און דערזען, אַז זי איז אַליין, נישטאָ קיינער! צום
ערשט איז איר אומהיימלעך געוואָרן פון דעם „אַליין". באַלד
אָבער האָט עס איר הנאה געטון. „האָט כאָטש קיינער נישט גע-
הערט איר צוויי מאָל רופן „מאַמע, מאַמע"! איר אויג האָט גענו-
מען אַרומוואַנדערן איבער דער אויפגערוימטער שטוב. זי האָט
דערזען דעם געגרייטן טיש. „אַזוי פינקלדיק די גלעזער, און גלעזע-
לעך און טעלערלעך און לעפעלעך און ליקער אויך און „טשאַסט-
קעס"! „מאַמע, ווי רייך"! זי האָט זיך געוווּנדערט, ווו די
שוועסטער, יוסטינקע, האָט דאָס גענומען אויף דעם אַלעם? זי
ווייס, אַז די שוועסטער טוט אַלץ פאַר איר, כדי זי צו דער-
פרייען. „יאָ, דערפרייען, כדי זי זאָל פאַרגעסן... אַ זיסע פיל
אַרונטערצושלינגען דעם ביטערן סוף!...

און דאָך איז ס'ביסל לעבן און די באַפּוצונגען אַרום דעם
שטאַרקער פון די אַלע טויט-מחשבות. ס'אויג האָט בלויז באַדאַרפט
זיך פאַרטשעפען אָנם ציטרין-קאָלירענעם ליקער אין דער פינק-
לענדער קאַראַפינקע, אַז די אַלע מחשבות זאָלן צערינען און אַ
געוואַלטיקער באַגער פאַר „געניסן", אפילו ווען דעם לעצטן גענוס,
זאָל איר אַרומכאַפּן און אַראָפּהייבן פון בעט... געוויס טויג נישט
פאַר זי דער געטראַנק! נאָר ווער פרעגט דען? און וואָס טויג
דען יאָ? אָבער פריילעך וועט זי ווערן? זאָל זיין פאַר איין טאָג.

פאַר היינט, בלויז פאַר היינט... כאָטש דעם היינטיקן טאָג זיך פאַרגעסן! פאַרגעסן...

באָרוויס, אינם לאַנגן, ווייסן נאַכט־העמד, די האָר צעפּאַטלט, איז זי אַראָפּ פון בעט. גיך, ווי מורא האָבנדיק, מ׳זאָל נישט אַריינקומען און איר שטערן, האָט זי געטון אַ שוועב צו, אָנגעגאָסן איין גלעזל און באַלד נאָך איינס, ס׳אויסגעליידיקטע גלעזל אין איין האַנט, מיט דער אַנדערער זיך אַרויפגעשאַרט אַ פּאַסמע האָר פון פאַר די אויגן, איז זי געשטאַנען און זיך באַלעקט פון דעם זיסלעך־ביטערן געטראַנק, וואָס האָט זיך איר צעטראָגן אין אַלע גלידער מיט אַ מאָדנער וואַרעמקייט. זי האָט דערפילט, ס׳איז איר גוט, האָט זי אָנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל און איצט, שוין נישט מיט איין מאָל, נאָר ביסלעכווייז, ווי אַ געניטער טרינקער, באַלעקנדיק זיך מיט דער צונג ביי יעדן זופּ, האָט זי עס ווידער אויסגעליי־דיקט. ס׳איז איר געוואָרן ליכטיק און וואַרעם אין אַלע גלידער, גלייך אַ זון וואָלט אין איר אויפגעשיינט. איצט ערשט האָט זי דערפילט די װוּנדערליכע קילקייט, וואָס טראָגט זיך פון די זוי־בערע ברעטער דורך אירע נאַקעטע טריט, אָט ווי מחיהדיקע שטראָמען וואָלטן זיך געצויגן דורך די פינגער און פּאָדעשוועס פון די פיס איבער איר גאַנצן, צעפּאַרעטן לייב...

אויף די אַריינגעקומענע יוסטינע און אַננא האָט טאָבטשעס אַרומשפּאַנען אין לאַנגן העמד געמאַכט אַ פּאַטאַלן איינדרוק. זיי האָבן זיך דערשראָקן סיי פאַר איר פּלוצימדיקן, נאַקעטן אַרומ־מאַרשירן איבער דער שטוב און נאָך מער פאַר דעם נאַרישן, צע־פּאָרענעם שמייכעלע, וואָס האָט זיך אָפּערגעגנבעט פון אונטערן, מיט האָר פאַרדעקטן, פּנים. זיי האָבן געמיינט, אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט נאָך דער פּאַטאַלער נאַכט אַ משוגענע. און זי האָט טאַקע אויסגעזען, אויב נישט, ווי אַ משוגענע, איז ווי אַ נאַכט־וואַנדלערין, וואָס האָט פאַרלאָזן ס׳בעט און וואַנדלט אַרום אַליין נישט ווויסנדיק, ווו זי איז. באַלד אָבער האָט זיך אַננאַ שטאַרק צעלאַכט: „ס׳אַ נאַרישע מויד! שעמט זיך נישט פאַר די פיר ווענט,

ביסט צעדולט״? און יוסטינע האָט באַלד אונטערגעהאָלפן: „באָרוויס און נאַקעט? וועסט זיך דאָך פאַרקילן״!

טאָבטשע האָט זיך אָפּגעשטעלט פון איר באָרוויסן שפּאַציר. פאַרהויבען די רעכטע האַנט צום אַוועקשאַרן די האָר פון די אויגן, האָט זיך דער ברייטער אַרבל פון נאַכט-העמד פאַררוקט און ס׳איז געבליבן אַנטבלויזט אַ ווייסער, אויסגעדאַרטער עלנבויגן, מיט אַ רויט שפּיצל ביים געלענק. זי האָט אָנגעקוקט די צוויי מיידלעך, ווי זיי וואָלטן פּלוצים אויסגעוואַקסן פאַר אירע אויגן, און זי ווייסט נישט פונוואַנען. ס׳פּנים האָט נאָך אַלץ אַזוי עקזאַלטירט געשמייכלט. דערנאָך האָט זי זיך דערמאָנט, אַז מ׳האָט צו איר גערעדט. זי האָט געשטאַמלט: „באָרוויס... יאָ, אַזוי קיל... באָרוויס״.

יוסטינע האָט אָנגעהויבן אַריינפאַלן אין היסטעריקע. זי האָט זיך שוין געבראָכן די דאַרע פינגער. נאָר אַננאַ האָט זיך נישט פאַרלוירן. זי איז טאַקע געווען טעראָריזירט פון דעם מאָדנעם בילד און דעם מאָדנעם שטאַמלען טאָבטשעס. נאָר אָנשטאָט ברעכן זיך די הענט, האָט זי זיך געטון אַ שאַר צו מיט איר קורצן, אָבער מאַסיוון קערפּער, געטון אַ נעם טאָבטשען אין דער הויך און טראָגנדיק זי, ווי אַ גרויס קינד, צום בעט, האָט זי מיט אַן איבערגעשראָקן קול געזאָגט: „טו זיך בעסער אָן, טאָבטשע! זעסט אויס, ווי אַ פאַררוקטע״. און כּדי זי איבערצושרעקן, אָדער זי צוריקברענגען צום באַוווסטזיין, האָט זי צוגעגעבן: „אַ ליאַדע מינוט וועלן מנחם און יוסף אַריינפאַלן און דיך פּאַקן אין אַזאַ הולך״..

און כאָטש איבערגעשראָקן האָט זי דאָך מיט געוואַלט אַרויפגעצוווּנגען אויף זיך אַ געלעכטער: „כאַ, כאַ, כאַ! שעמסט זיך גאָרנישט פאַר יוספן״?

ס׳וואָרט יוסף האָט אויף טאָבטשען געווירקט אַ שטייגער, ווי מ׳גיט אַ דרימלענדן אַ שטאַרקן שנעל אין נאָז. זי האָט געעפנט אירע האַלב-פאַרמאַכטע אויגן, פרעגנדיק געקוקט אויף דער שוועסטער אַננען, אַרום וועמענס געזונטן האַלז זי האָט זיך נאָך

װאָס געהאַלטן אַרומגעקלאַמערט. באַלד איז איר פּנים אָפּגעגאָסן געװאָרן מיט אַ רױטקײט. אַ פֿאַרשעמטע האָט זי אײַנגענורעט דעם קאָפּ אין קישן.

אַננאַ, װעלנדיק צוריקבאַרענגען טאָבטשען אין שטימונג, האָט אין איר אַרײַנגערעדט: „נאַרישע מױד, טו זיך אָן. מיר גײען איצט פֿון שטאָט. אַ סך חברים פֿון דער היגער יוגנט װעלן הײַנט קומען װעסט זען, טאָבטשע, װי פֿרײלעך ס׳װעט הײַנט זײַן"...

האַלבער טאָג. אַ בלענדנדע זון פֿון אױבן, און אונטן, צװישן פֿיר סאָסנעס, װי אונטער אַ חופּה, איז געשטאַנען טאָבטשעס טישל. ס׳װײַסע טישטוך איז געװען פֿאַרפֿלעקט. גלעזער און טעלערלעך זענען געשטאַנען צערוקט און איבערגעקערט מיט די הינטנס אַרױף־אױף אײן טעלערל, בײַם ראַנד, איז געלעגן אַ קעפּל פֿון אַ הערינג מיט אַ צעעפֿנט מױל און געװײנט אַרױף צום בלױען הימל... אין אַ גלאָז, אין אַ געבליבן ביסל טײ, איז אַרומגעשװוּמען אַ דער־טרונקענער פּאַפּיראָס. אַ גאָפּל האָט געהאַלטן אַ לעפֿל צװישן די צײן און אים געװאָרגן... אונטערן טיש, װי צעטרײַבערטע קעלבער, האָבן זיך געװאַלגערט רונדע שאַכטלען פֿון קאָנסערװן און געטריפֿט פֿון זיך די לעצטע טראָפּנס זאַפֿט אינם געלן זאַמד אַרײַן... דער־לעבן איז אַ װײַס בענקל געלעגן איבערגעקערט מיט די װײַסע פֿיסלעך אַרױף, װי אַ טױטע ציג...

אַ שטיל, אַ געטױט לעבן...

אין טאָבטשעס שטיבל איינער אַליין ליגט מנחם. די אָנשטרענגונג פון דער לעצטער נאַכט און דאָס אַרומהוליען ביז איצט האָט אים אַוועקגעלייגט.

מאַניע ליגט ערגעץ און וויגט איר אויפגעדראָלן לייב אין אַ האַמאַק, ווי אַ שווערע, פאַרמאַטערטע פליג אין אַ שפּין־געוועב...

און יוסף און טאָבטשע זיצן אויף דער ערד, מיט די פּלייצעס אָן דער ווייס־געקאַלכטער, בלינדער וואַנט און וואַרעמען זיך אויף דער זון.

און פון אַרום, אין שטילן וואַלד, טראָגן זיך אָפּקלאַנגען פון טיפע געלעכטערן און געזאַנג. כאָטש ס׳איז שווער אויסצושיילן איין קול באַזונדער, הערט מען דאָך אַנגעס קלינגענדיק לאַכן אַזוי קלאָר, אַז ביידע, סיי יוסף, סיי טאָבטשע, טראַכטן אין דער שטיל און זענען מקנא אָט דאָס געזונטע קול...

זיי זיצן שטיל, יוסף און טאָבטשע. ביידע קוקן אַראָפּ אין זאַמד אַריין און הערן ס׳אייגענע אָטעמען. כאָטש יוסף הייבט זיינע אויגן נישט אויף, פילט ער אָבער, אַז טאָבטשע קוקט נישט בלויז אין זאַמד אַריין, נאָר אויך אויף אים... פון אירע אויגן־ווינקלען קוקט זי צו אים..

ס׳איז אים פיינלעך דאָס זיצן דאָ, זייער פיינלעך. נאָך פיינלעכער איז פאַר אים דאָס שווייגן. ער האָט איר גאָרנישט וואָס צו זאָגן. ס׳פאַרדריסט אים, וואָס אַלע זענען אַזוי אַנטרונען געוואָרן און געלאָזן אים דאָ אַליין מיט איר... אין דער פאַרלוירנקייט זיינער זענען אים די ווייטע אָפּקלאַנגען פון די טיפע געלעכטערן, ווי רעטונגס־גאַרטלען, וואָס מ׳וואַרפט אים צו פון אַלע זייטן, ער זאָל זיך ראַטעווען. זיי גרייכן אים אָבער נישט, די רעטונגס־גאַרטלען. ער ווערט דערטרונקען!...

אויך טאָבטשען איז זייער פיינלעך. זי איז, דאַכט זיך, מיט אים אַליין און דאָך נישט אַליין... „נאָר וואָס, ווען יאָ אַליין“? אַז ער זעט זי גאָר נישט!... „און אפשר איז זי גאָר אַ לאַסט פאַר

אים״? „יאָ, אַ לאַסט פאַר אים, פאַר יוסטינען... און פאַר זיך אַליין בין איך דען נישט אַ לאַסט? סיי ווי אַלץ איינס״... זי האָט אָנ־גענומען זיין האַנט, פאַוואָליע און צערטלעך זי אַרויפגעלייגט אויף איר שויס.. געוואָלט האָט זי זי צוטראָגן צו אירע ליפּן און כאָטש זי האָט דאָס נישט געטון, נאָר בלויז זי געגלעט, האָט זי אָבער אין געדאַנק, מיט פאַרמאַכטע אויגן, זי געקושט אומגעשטערט...

יוסף האָט זיך נישט געוועהרט. כאָטש געוואָלט האָט ער אַרויס־נעמען די האַנט, פּונקט ווי ר׳האָט זיך אינגאַנצן געוואָלט באַפרייען פונדאַנען. ער האָט אָבער קיין האַרץ דערצו נישט געהאַט. מאָדנע, קעגן אייגענעם ווילן האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ. זייערע בליקן האָבן זיך געטראָפן. „גאָט! ווי בלייך איר קינדיש פּנים איז געווען! בלייך, ווי די שעפּסענע ציינדלעך, צווישן די בלוילעכע דינע ליפּן״. בלויז אין אירע אויגן, די ברוינע וואַסערלעך, האָט געפינקלט אַ גלאַנץ, וואָס יוסף האָט נישט געוווּסט, צי ס׳איז אַן אינערלעכער בליאַסק, אָדער בלויז דער אָפּגלאַנץ פון דער זון, וואָס לויפט איצט אַזוי געשווינד, פון איבער זייערע קעפּ ערגעץ ווייט־ווייט אַוועק...

— יוסף, צו וואָס זענען זיי אַלע אַהערגעקומען? צו וואָס? — זי האָט דאָס געזאָגט מיט אַזוי פיל קינדישן קאַפּריז, אַז יוסף האָט זי פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט און נישט געוווּסט, וואָס איר צו ענטפערן.

— יוסף, מיר דאַכט זיך, זיי זענען דאָ אַהערגעקומען מיט אונז זיך רייצן! הערט, ווי זיי לאַכן! הערט!

— איז דאָך גוט. געזונטע מענטשן לאַכן...

— צו וואָס־זשע קומען זיי צו קראַנקע?

— מ׳האָט זיי דאָך גערופן! וואָלט איר וועלן, זיי זאָלן דאָ זיצן מיט אונז און קרעכצן? אַזוי איז עס, טאָבטשע, דער געזונטער קאָן נישט פילן דעם קראַנקן. אפשר איז גוט אַזוי? אַזוי, ווייזט אויס, איז ס׳לעבן... און וואָס, מיינט איר, וואָלט געווען, ווען אַלע זיצן דאָ מיט אונז? איר ווילט עס דען?

טאַבטשע האָט דערפילט, אין זיין צוויי מאָל אונטערשטרייכן, „איר ווילט דען, זיי זאָלן דאָ זיצן?", אַז ער ווייסט אירע געפילן צו אים, אַז ער ווייסט איר באַגער צו זיין מיט אים אַליין. דאָס און מער נאָך דער שרעקלעכער געפיל, אַז „סיי ווי וועט זי לאַנג נישט אָנטרייבן". אָט דאָס אַלץ האָט זיך געטון אַ ריס אַרויס מיט אַזאַ כוח, אַז זי האָט אים שוין מער נישט געקאָנט אונטערדריקן. זי האָט אָפּגעלאָזט, ניין! זי האָט כמעט אַוועקגעוואָרפן זיין האַנט פון איר שויס, אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ, אים אויסגעדרייט צו זיך, געקוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין (דערביי האָט יוסף מיט טיפער שרעק באַמערקט, אַז דאָס האַרץ-ברעטל מיט די קינדישע, קוים אויפגעגאַנגענע בריסטן, הייבט זיך ביי איר ווידער אַזוי קאָנ־ וולסיוו, ווי נעכטן ביינאַכט. און די אויגן ביי איר זענען געוואָרן כמעט ווילד אַרויסגעזעצט. ס'ערשטע מאָל, אַז ער זעט ביי איר אַזעלכע שרעקלעכע אויגן).

אין אַ קול, וואָס האָט אי געציטערט, אי זיך געבייזערט, קוים זיך איינהאַלטנדיק פון אַ ווילדן אויסברוך, האָט זי צו אים געטענהט:

— הערט, יוסף! ס'מיר שוין אַלץ איינס! יאָ, יאָ, וווּנדערט זיך נישט! מיך אַרט נישט, וואָס מ'וועט אויף מיר זאָגן, אפילו נישט מנחמס שאַרפע צונג. סיי ווי וועט עס שוין לאַנג נישט גע־ דויערן... כ'ווייס! איר מיינט, אַז מ'דערציילט מיר נישט, ווייס איך נישט? ניין, רעדט נישט, הערט בלויז, וואָס איך וויל זאָגן! מ'דער־ ציילט מיר נישט, וואָס דער דאָקטאָר זאָגט, אָבער כ'ווייס, אַז כ'וועל שוין לאַנג נישט לעבן... — איר קול האָט זיך איבערגעבראָכן. שוין כמעט מיט געבעט האָט זי צוגעגעבן — אָבער, יוסף טייערער, איך וויל נישט שטאַרבן אומגעלעבט. כ'וויל א יי ך האָבן. א יי ך, יוסף. כאָטש איין מאָל מיט מיר אַליין. אפילו איר האָט מיך נישט ליב... כ'וועל מיטנעמען דעם סוד מיט זיך אין קבר אַריין... וואָס אַרט אייך, יוסף?... — ווי דער כוח וואָלט זי מיט איין מאָל פאַרלאָזט, אַזוי שלאַבריק זענען אירע הענט אַראָפּגעפאַלן פון זיינע אַקסלען.

צוזאַמען מיט די הענט זענען אויך אירע אויגן, דאַכט זיך, פאַר־שעמטע אַראָפּגעפאַלן צוריק אויפן זאַמד, און איר גאַנצער קערפּער איז געוואָרן מיט איין מאָל אַראָפּגעזעצט, איינגעשרומפּן.

דאָס אַלץ איז פאַר יוספן געקומען אַזוי ספּאָנטאַן, אַזוי אומגערעכט, אַז ער איז געוואָרן כמעט מבולבל. ער האָט גאָרנישט גערעדט. זיין קאָפּ איז אים אויך צוריק אַראָפּגעפאַלן אין זאַמד אַריין. אָבער אין דער זעלבער צייט איז אין אים אויפגעגאַנגען אַ קלומפּער געפילן, געפילן פון טיפן רחמנות אויף איר יונג לעבן, וואָס אָט־אָט ענדיקט עס זיך, רחמנות אויף דעם, וואָס זי ווייס דעם שרעקלעכן סוד... און נאָך מער רחמנות צו אירע לײדן, אַז זי דאַרף אים אַזוי אָפּן זאָגן אַזאַ זאַך... און צווישן דעם ים רחמנות־געפילן איז אויך געווען, — צו וואָס זיך שעמען צוצוגעבן? — אַ קליין פּינטעלע, וואָס האָט זיך געריסן, געריסן און איז ענדלעך אַרויפּ־געשווומען אויף דער אויבערפלאַך — אַ געפיל פון באַגער... מאָדנע, נאָר וואָס האָט ער געוואָלט באַפרייען זיין האַנט פון אירע... און דאָ גאָר?... ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. „געמיין", האָט ער זיך אין געדאַנק געזאָגט. ער האָט געזוכט דאָס פּינטעלע צו פאַרשטופּן ערגעץ דאָרטן אין מוח... אָבער ניין, ס׳לאָזט זיך נישט. אַ לייכטער ציטער איז אים אַדורך דורכן לייב... ס׳מויל, אונטער איר בליק, האָט זיך קאָנוווּלסיוו אַ צאַפּל געטון. ער איז אויפגע־שטאַנען, בלויז אַ מורמל געטון, מער פאַר זיך, ווי פאַר איר: „ס׳ווערט קיל"... ער איז אַריין אין שטוב, אויפגעריסן מנחמען, ווי ער וואָלט אין אים געזוכט דעם שיצער קעגן די טיפע כוואַליעס, וואָס ווילן אים פאַרשלינגען...

שפּעטער אין טונקעלן, שטילן וואַלד, מיט מנחמען ביי דער זייט, איז דאָס אַלץ אָפּגעפאַלן און ס׳איז אים קלאָר געוואָרן: „אַהיים, גלייך מאָרגן, אַהיים"...

זיך פאַרפּלאָנטערט

מאיר געלבוים האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ פון דער מאַשין און געוואָרפן אַ בליק איבערן אייגענעם אַקסל צום זייגער צו. ער האָט עס געטון אַזוי פאָרזיכטיק, אַז דער באָס, וואָס איז געשטאַנען איבער דער איינגעבויגענער פלייצע פון צווייטן מאַשינער, האָט עס אפילו נישט באַמערקט. מער מיטן אויער, ווי מיטן ווינקל אויג, האָט ער געזען, מאיר געלבוים, אַז ער האָט נאָך מער ווי אַ שעה אַזוי צו זיצן איינגעבויגן איבער דער מאַשין און קוקן, ווי די נאָדל־שטאַנג האָפּעט אַראָפּ און אַרויף, עפּעס ווי אַ דינינק, גלאַנציק־שטאָלערן מענטשעלע, מיט אַ שפּיציק מיצל, ווי אַ קליין העלמל, וואָלט אים אַזוי משוגע געטאַנצט פאַר זיינע אויגן...

כדי צו פאַרטרייבן און „אונטעריאָגן” די שעה, האָט ער נאָך אַמאָל גענומען איבערטראַכטן די רעדע, וואָס ער דאַרף היינט ביינאַכט האַלטן אויף דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג אַלס דער פירער פון דער אָפּאָזיציע. וועט ער זיי, הייסט עס, זאָגן, וואָס ער דענקט וועגן זייער באַנדע־הערשאַפט, וועגן זייער נידער — — — דערווייל רוישט דאָ אַזוי דער מאָטאָר! און דאָס מאָנאָטאָנע שטעפּן פון די אַכט און פערציק מאַשינען קלאַפּט אים שוין אַזוי אונטערן שטערן, אַז עס דאַכט זיך אים, אַז די געהירן האָבן אויסגעטריקנט און געוואָרן, ווי קליינע, צעלעליינע אַרבעסלעך אין אַ קינדיש קלעפּערל און פונקט אַזוי קלעפּלען זיי אים דאָרטן, אין לערן שאַרבן הין און צוריק. הין און צוריק...

ער הייבט אויף די אויגן. אין דרויסן איז נאָך זיכער טאָג, און דאָ איז שוין נאַכט. די אַכט און פערציק לעמפּלעך מיט די פאַרשטויבטע שיינדלעך, וואָס זענען שוין גרוי אָנשטאָט גרין, העגגען פון סופיט, ווי דינע, אויסגעצויגענע שלאַנגען און פאַלן מיט די לויכטנדיקע קעפּ האַרט אויף די מאַשין־ברעטלעך אַראָפּ. איז איבער די מאַשינען ליכטיק און אַזוי, הייבסט אויף דעם קאָפּ, איז פינסטער. און פון אַנטקעגן, דורך די צעפּראַלטע פענסטער, קוקט אריין אַ רויטע, פאַרחושכט־געוואָרענע וואַנט. וואָס זעט אים, געלבוימען, איצטער אויס, ווי אַן אָפּגעשוונדענע נבלה, וועלכע איז שוואַרץ געוואָרן וואַלגערנדיק זיך אויצן פאַרלאָזענעם פעלד... און אויך אין יענער וואַנט זענען אַזעלכע פענסטער־לעכער און העגגענדיקע לעמפּלעך, וואָס באַגראָבן זייער ביסל ליכט אונטער זיך און לויפנדיקע מאָטאָרן מיט איינגעבויגענע פּלייצעס איבערן מאָ־נאָטאָנעם שטעפּן פון מאַשינען...

ענדליך איז שטיל געוואָרן. עמיץ האָט דאָרטן אַ ריר־געטון אין שוואַרצן קעסטל ביי דער וואַנט, האָבן די גלאַנציקע נאָדל־שטאַנגען אויפגעהערט צו טאַנצן און דער וואַל אונטער די מאַ־שינען האָט אַוועקגעחלשט, אַ ריר, נאָך אַ ריר און שוין! טויט...

פּונקט ווי ס'מאָנאָטאָנע לעבן אין שאַפּ איז מיט איין מאָל געטון אַ שטאַרב אָפּ, אַזוי האָט זיין אייגן לעבן, אין מאיר געל־בוימען, מיט איין מאָל געטון אַ לעב אויף. דער אימפּעט פון דער פאָרשטייענדיקער גענעראַל־פאַרזאַמלונג, די וויכטיקע רעדע, וואָס ער דאַרף דאָרטן היינט האַלטן, אַלץ האָט אים מיט איין מאָל גע־טון אַ כאַפּ אַרום, אַט ווי אַווירבל־ווינט כאַפּט אַמאָל אַ שטרוי־עלע און טראָגט עס און דרייט עס, אַזוי האָט עס אים מיט איין מאָל גענומען טרייבן און יאָגן גיך־גיך, ער זאָל נאָר נישט פאַר־שפּעטיקן... גאָרנישט לויט זיין געוווינהייט איז ער צו צום העגגער, וווּ דער גאַנצער קנויל אַרבעטער האָט זיך געפּאַקט, איבער אַלע־מענס קעפּ אַריבער האָט ער געכאַפּט זיין רעקל, אַפילו עס נישט אַנגעטון, בלויז עס פאַרוואָרפן איבערן לינקן אָרעם און אַרויס פון

שאַפּ און דערנאָך איבער די שטיגן, פּשוט ווי אַ קאַץ פון אַ פּלוצים־אויפגעבונדענעם זאַק אַרויס.

ער איז געלאָפן, מאיר געלבוים, כאָטש ס'איז אים געווען הייס, זייער הייס. אַלץ אויף אים האָט געקלעבט. דערצו נאָך איז ער נישט געווען ראַזירט. און די קורצינקע, האַרטע הערעלעך האָבן אים געשטאָכן ס'פּנים, ווי מ'וואָלט אים געריבן מיט ריבאייזנס. וויפיל ער האָט נישט געווישט דעם שווייס מיטן נאַסלעך, האַלב־ברודיקן טיכל, איז אַלץ מער גערונען, און די ריטשקעלעך האָבן זיך אים געקייקלט אין האַלז אַריין און געגעסן ס'לייב, פּונקט ווי קליינע, קריכנדיקע ווערעמלעך.

ער וואָלט אוודאי איצטער געלאָפן כאַפּן אַ שווים. דערביי טראַכט ער, ווי מחיהדיק ס'וואָלט געווען אָפּצואָטעמען אין קילן וואַסער און ליגן אַזוי רויק, מיטן פּנים אַרויף, און קוקן צום בלויען הימל, וואָס נעמט באַלד טונקלען, טונקלען און מיט דער טונקלקייט קומט אַזאַ קיל ווינטעלע, וואָס גלעט און צערטלט ס'צעהיצטע פּנים, איי, גוט־גוט... איז ער אָבער דער פירער פון דער אָפּאָזיציע און פון זיין רעדע, איז ער זיכער. הענגט אָפּ אַלץ, אָט טאַקע ממש אַלץ — — — וועט ער זיי, הייסט עס, זאָגן דער באַנדע...

שטופּט ער זיך, מאיר געלבוים, אין בלויזן קאָפּ מיטן רעקל אונטערן אָרעם, אין גרויס איילעניש איבערן ניו־יאָרקער שאַפּגעגנט, פון די עטלעכע און דרייסיקער גאַסן. מיט די עלנבויגנס, ווי מיט וועסלעס, מאַכט ער זיך אַ וועג אינעם געדיכטן שטראָם אַרבעטער, וואָס זענען גאָר נישט, פּונקט ווי ער, און איילן, פּונקט ווי ער, אין די לעכער פון דער אונטערגרונט־באַן, אַהיים־אַהיים... אַלץ איז אים איצט אין וועג און מאַכט אים נאָך מער נערוועז. אוממעגלעך צו גיין אויפן טראָטואַר! טראָגט ער זיך זיג־זאַגיש, אָט לויפט ער גאָר אינמיטן וועג צווישן די אויטאָמאָבילן, ווי אַ צעטומלטע הון, וואָס האָט זיך אויפגעפּענטעט און אַראָפּגעפלויגן פון וואָגן אַראָפּ גלייך אונטער די פערדישע פיס אַרונטער...

אַז יעדע מינוט איז אים איצט טייער, מאיר געלבוימען! ער דאַרף לויפן אַהיים אַזוי ווייט אַרויף־שטאָט, זיך גאָלן און באָדן און איבערטון און עסן מוז ער נאָך אויך לויפן ערגעץ. דאָס זומער־וווינונג, טראַכט ער, איז גאָר אַן אומגליק. ער ווערט אויסגעריסן אין שאַפּ און ס׳ווייב פאָרט גאָר אויף זומער־וווינונג. און ער מוז יעדן אָוונט, ווי אַ ציגיינער, אַרומוואַלגערן זיך אין אַן אַנדערן רעסטאָראַן נאָכן ביסל מיטאָג. און פאַר דעם אַלעם האָט ער אײַנגאַנצן? — ער גיט אַ קוק אויפן גרויסן זייגער פון „גראַנד־סענט־ראַל״־סטאַציע, — אינגאַנצן וואָסערע אַנדערטהאַלבן שעה! וועט ער באַוויזן דאָס אַלץ און נאָך כאַפּן די באַן צוריק אַראָפּ־שטאָט און זיין אין דער צייט צום מיטינג?

איצט קוקט ער שוין גאָר נישט, מאיר געלבוים, אויפן שווערן געדראַנג פון די אויטאָמאָבילן. גלייך אונטער זייערע רעדער קערעוועט ער זיך דורך די לעצטע גאַס, אָט איז ער שוין אויפן טראָטואַר און אָט איז די „סאָבוויי״־איינגאַנג. ער זאָל נאָר נישט דאַרפן וואַרטן אויפן עקספרעס, וועט ער אין וואָסערע פערציק מינוט זיין אינדערהיים.

אָבער האַרט ביים איינגאַנג, ממש אויף דער שוועל פון סאָבוויי, וואַקסט אים פלוצים אויס עלסי, אָט גלייך זי וואָלט מיט אים דעם גאַנצן וועג געשפּאַנט אַקסל צו אַקסל. נאָר אים אָפּצוהאַלטן פון לעצטן לויף, נעמט זי אים פלוצים ביי דער האַנט:

— „ווהאט׳ס די האָרי״ (וואָס אַזאַ איילעניש)?

געלבוים קוקט זי אָן פאַרוווּנדערט. אין זיין גרויס צעטראָגנקייט, טראָגט אים דערווייל דער שטראָם מענטשן אַראָפּ איין שטיג. און באַלד נאָך איינע. נאָר ער, מיט אַלע כּוחות טראָגט ער זיך צוריק קעגן דער כוואַליע און קריגט זיך ענדלעך אַרויס פונם איינגאַנג און בלייבט שטיין און קוקט איר ווידער אַזוי פאַרוווּנדערט אָן. שוין, דאַכט זיך, דריי יאָר, אַז ער אַרבעט מיט איר אין איין שאַפּ און זיי האָבן נאָך קיין איין וואָרט צווישן זיך נישט אויסגערעדט און דאָ, גאָר פלוצים, אַזוי

פאַמיליאַר? און זי שמייכלט נאָך צו אים און ווייזט אים אַזאַ פול מויל ווייסע, שיינע ציין...

ער האָט זיך דערפילט מאָדנע געפאַלן אונטער איר שמייכל. עפּעס איז אים פּלוצים דער הולך זיינער, די פאַרשוויצטקייט, די ברודיקייט, דאָס נישט ראַזירטע פּנים געגעבן אַ שווים אַרויס פאַר זיינע אויגן, אָט לעבן איר, מיט איר פּינקטלעכן אויסזען. ער אין אַזאַ הולך, און זי אין אַזאַ ווייס זיידן קליידל מיט געל און גרינע קווייטעלעך, אין אַ ווייסן שטרוי-הוט מיט ווייסע שיך. און זי גייט דאָך פון זעלבן שאָפּ, פון דער זעלבער אַרבעט און דאָך אַזאַ געוואַלטיקער אונטערשיד! אָט דאָס איז די פרוי! ווו נאָר איר האַנט רירט זיך צו, זעט עס שוין אַזוי אַנדערש אויס... ער ער האָט זיך געפילט עפּעס איינגעשרומפּן קעגן איר און טאַקע מיט אַזאַ איינגעשרומפּן קול האָט ער איר געענטפערט:

— כ'האָב אַ זייער וויכטיקן מיטינג...

אַראָפּ די טרעפּ זענען זיי שוין געגאַנגען צוזאַמען, געגאַנגען און געשוויגן. ער האָט אפילו צוליב זיין הולך נישט געוואַגט צו זיין אַ קאַוואַליער און צאָלן פאַר איר באַן-געלט.

אונטן שוין, צווישן דעם געוואַלטיקן געדראַנג דערשוויצטע, איילנדיקע מענטשן, ביים אָנקומען פון אַן עקספּרעס, איז זי אים כמעט פאַרלוירן געוואָרן. ער האָט גלייך, ווי אַלע, זיך געטון אַ נורע און שטופּ צו צו דער טיר. ערשט עלסי נעמט אים אָן ביי דער האַנט: „צו וואָס זאָל ער זיך שטופּן אין דעם „ראַש"? זי זעט נישט איין, צו וואָס ער דאַרף זיך אַזוי פּאַקן אין אַזאַ היץ! ער קען דאָך פאָרן גלייך מיט איר אין גרוימען „לאָקאַל"...

דער דרייסטער נעם אירער האָט אים שוין גאָר אַנטוואָפנט. ער פילט זיך ממש פאַרלוירן, מאַיר געלבוים. עפּעס האָט ער נישט קיין כוח איר אָפּצוזאָגן. כאָטש שטילערהייט מאַכט ער זיך פאָר-וווּרף — ער וועט דאָך זיין שפּעט! — פונדעסטוועגן פאָלגט ער זי, ווי ער וואָלט עפּעס געווען אַ יינגעלע און נישט דער פירער פון דער אָפּאָזיציע פון היינטיקן מיטינג. נאָר איז ער אַזוי נאָכ-

גיביק צוליב דער געפֿאַלנקייט איבער זיין הולך? אָדער אפשר איז דאָ עפּעס אַנדערש?

צו וואָס זאָל ער לייקענען? אין „לאָקאַל" איז געווען גרוי־מער. אַפילו פּלעצער צום זיצן. עלסי האָט זיך אַוועקגעזעצט. נאָר ער, מאיר געלבוים, איז בעסער געבליבן שטיין לעבן איר, העני־גענדיק מיט איין האַנט אָנם ווייס־עמאַלירטן אָנהאַלטער. אַראָפּ־קוקנדיק אויף איר ווייסן שטרוי־הוט, איז ער געווען צופרידן, וואָס דער ברייטער ראַנד פאַרשטעלט זי אינגאַנצן און זי זעט בלויז זיינע קני און שיך, און ער באַהאַלט דערווייל אויס די צעטומלט־קייט, וואָס ליגט איצט אויף זיין פאַרשוויצט, נישט־ראַזירט פּנים.

אָבער פּונקט ווי להכעיס אים, הייבט זי פּלוצים אונטער איר קאָפּ, שטעלט אָן אירע גרויסע, לאַכנדיקע, ברוינע אויגן גלייך אויף אים און זאָגט כמעט באַפעלעריש:

— סיט דאון!" (זיצט!)

מאיר געלבוים ווערט דאָ אַרומגעכאַפּט פון אַ גאַנצן קלומ־פּער געפילן. ס׳פאַרדריסט אים איר באַפעלערישער טאָן. וואָס מיינט זי זיך, איז ער אירס, אַ יינגעלע?! פון דער אַנדערער זייט פאַרדריסט אים אויך, וואָס זי האָט זיך, ווי ספּעציעל, אָנגעטראָגן אים אַוועקצונעמען צייט. און דוקא היינט! און וואָס עפּעס האָט ער נישט קיין כּוח צו טון אַ זאָג: „אַנטשולדיקט! איך בין שטאַרק, זייער שטאַרק פאַרנומען... אַן אַנדערש מאָל"... נאָר איבער דעם גאַנצן פאַרדרוס פילט ער דאָך, אַז ער ווערט באַהערשט פון עפּעס אַזאַ אָנמאַכט. אָט טאַקע איר נעמען אים מיט געוואַלט, איר באַפעלערישקייט רעגט און מאַכט אים אַזוי אָנמעכטיק. ער קאָן זיך נישט העלפן. ער מוז איר פאָלגן און זיך אַוועקזעצן. ערשט איצט דרייט זי זיך אויס צו אים אַזוי נאָענט, אַז אירע קניען רירן כמעט אָן זיינע און פּונקט מיט אַזאַ נאָענטקייט קוקט זי אים אין די אויגן אַריין, ווי זי וואָלט געוואַרט, ער זאָל איר עפּעס זאָגן. און ער גאָר זיצט אַזוי פאַרלוירן און געדענקט בלויז זיין נישט ראַזירט פּנים, וועלכעס ער פאַרשטעלט אַזוי אומבאַהאָלפן

מיט אַ האַנט־פֿלאַך... און זי עלסי שמייכלט, ווי זי וואָלט אים וועלן זאָגן: נו, וואָס שאַדט דאָס! איז נישט ראַזירט...

די באַן לויפט, די רעדער בראַזגען, אַלע ווײַלע איז אַן אַנדער סטאַציע, נאָר מאיר געלבוים זעט דאָס אַלץ נישט. ער קוקט זיך גאָר אויף די אייגענע צעקנייטשטע הויזן, אויף די נישט־געפּוצטע שיך, אויף די פרעמדע מיטפאָרער, וואָס בייטן זיך אַלע ווײַלע, אָבער באַווייזן פּונדעסטוועגן צו באַמערקן אים מיט איר. איז ער טאַקע אַזוי פאַרלוירן, אַז די פרעמדע פאָרער דער־קענען עס? וואָס רעדט ער טאַקע גאָרנישט צו איר? אָט באַלד, נאָך אַ סטאַציע, קאָן זי דאָך געבן אַ ווער פאַרלוירן — וואָלט ער דאָס געוואָלט? אייגנטלעך דאַרף ער דאָך עפּעס היינט אָוונט... נאָר דאָ, אָנשטאָט צו דערטראַכטן דעם געדאַנק, האָט ער גאָר פּלוצים, זי אַ פרעג געטון: — וואָס טוט איר היינט אָוונט, עלסי? — און באַלד חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער פראַגע. עפּעס האָט ער דערפּילט, ער ווערט רויט און ס'ווערט אים הייס און ס'פאַרפעלט אים אָטעם.

עלסי אָבער, גלייך זי וואָלט פון אָנפאַנג אָן געוואַרט אויף דער פראַגע, ענטפערט אים גלייך: — גאָר נישט ספּעציעל. ס'איז ביי א״ר רעכט, זי זאָל שוין איצט נעמען אַ באַן און פאָרן אויף צוריק. סיי־ווי איז די שוועסטער אירע אויף זומער־וווינונג און דער שוואָגער, זייער ביידנס באָס, קומט אַהיים זייער שפּעט.. זיין ווייב איז דאָך אין „קאָונטרי״... ער פאַרשטייט? —

די לעצטע ווערטער האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַזאַ פּיל־דייטיקייט, אַז געלבוימען איז אַזש געוואָרן ענג אין האַלז... זיין ווייב איז דאָך אויך אין „קאָונטרי״! זייטיק, פונ'ם לינקן אויג־ווינקל, טוט ער אַ קוק אויף איר. דאַכט זיך, זי איז אויך רויט געוואָרן...

ווי גיך מאיר געלבוים האָט דאָס פאַרגעסן די רעדע, וואָס ער האָט היינט, מיט אַזויפיל מי, אין געדאַנק צוזאַמענגעשטעלט. אָנשטאָט יענעם אימפּעט פון שלאָגן „די באַנדע״ מיט זיינע ווערי

טער, ווי מיט האַמערס, האָט גאָר זיין מוח איצט געפּיבערט מיט מאָדנע איינפאַלן, וואָס האָבן אים געוואָרפן, ווי אין קדחת. אָט ווערט אים ענג אין האַלז און הייס. און אָט פילט ער גאָר אַ דין קעלטעלע, ווי אַ מעסערל וואָלט אים אַ וויש געטון איבערן רוקן-ביין...

— טוט איר היינט גאָרנישט, עלסי? האָט ער מיט אַ פאַר-שטיקטן האַלז זי איבערגעפרעגט. — אפשר וועלן מיר עס טון צוזאַמען?... —

ערשט איצט האָט זיך עלסי אויף אַן אמת פאַררויטלט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, געקוקט אויף אירע ווייסע שיכלעך. מיט די מאַניקירטע הענט האָט זי נערוועז געצויגן די פינגער פון אירע ווייסע הענטשקעס און אַזוי האַלב-פאַרשעמט, האַלב אין פאָרוואורף, מיטן אָפּגעפּודערטן גאָמבעלע אויפן ווייסן אויסדעקאָל-טירטן האַלז, האָט זי געריידט מער צו זיך אין דער ברוסט אַריין, ווי צו אים: — איר האָט דאָך אַ וויכטיקן מיטינג... און אייער ווייב? —

געלבוים האָט דערפילט אין איר דערמאָנען אים דעם מי-טינג מיטן ווייב, ווי זי וואָלט מיט איר גאַנצן שטאָלץ אים גע-וויזן: זעסט, וואָס איך קען? לאָמיך נאָר וועלן — איז אויס מי-טינג און אויס ווייב... ס'איז אים געוואָרן עפּעס פריקרע. וואָס איז דאָס מיט אים? ביי דער ערשטער עקספּרעס-סטאַציע לאָזט ער זי איבער און נעמט אָניאָגן ס'ביסל פאַרלוירענע צייט...

אָבער עלסי, ווייזט אויס, האָט מיט איר מיידלשן חוש דער-פילט, וואָס ער טראַכט. כדי אים נישט צו פאַרלירן פון אירע הענט אַרויס, האָט זי, נישט וואַרטנדיק אַפילו אויף זיין ענטפער, צוגעגעבן: — נו יאָ, אמת, כ'האָב טאַקע היינט גאָרנישט, וואָס צו טון. —

דאָס זאָגן אירס און דאָס, וואָס זי נעמט נישט אַוועק אירע

קני פון זיינע, נאָר פאַרקערט, דריקט זיי נאָך מער צו, האָט געל־
בוימען צוריק אַנטוואָפנט. ער איז באמת אַ גאָרנישט! אַ פאַר־
הייראַטער מאַן איז ער! דאָס אַלץ! אַ מיידל וויל מיט אים פאַר־
ברענגען אַן אָוונט, פּרעסט ער, זי זאָל דווקא רעדן וועגן דעם...
אפשר זאָל זי זאָגן: געלבוים, נעמט מיך אַהיים צו זיך? ווייסט ער
דען נישט, אַז פרויען רעדן נישט וועגן אַזעלכע זאַכן? איצט זעט
ער איין, אַז זיי זענען גערעכט די מיידלעך, וואָס זיי ווילן זיך
נישט אָגפאַנגען מיט קיין פאַרהייראַטע מענער. זאָל ער שוין בע־
סער שווייגן! ער זעט דאָך, זי פאָרט מיט אים אַהיים...

שווייגט ער טאַקע, מאיר געלבוים, און זאָגט נישט אַ וואָרט
אַפילו די פאַרשוויצטע אַרבעטער, וואָס הענגען אויף זייערע רעכ־
טע הענט אָן די אַנהאַלטערס און פאַרשטעלן אים ס׳ביסל לופט
צום אָטעמען. פאַרקערט, ער איז גאָר צופרידן פון דער וואַנט
אויף זיין נאָז. ער איז פאַרשטעלט און קען אומגעשטערט זיצן
נאָענט, זייער נאָענט צו עלסין. ער פילט, דאַכט זיך, דאָס אָטע־
מען פון איר צאַרטער, ווייסער הויט דורך איר זיידן קליידל... און
ער אַליין? ווען ער קען, פאַטשט ער זיך אויס פאַר זיין אָפגע־
לאָזנקייט. יאָ, אין שטוב איז אַזאַ ווינטער שטאַנד... פאַר וואָס
האָט ער נישט געלאָזט צורוימען, זינט ס׳ווייב איז אַוועקגעפאָרן?
ס׳בעט איז דאָרטן צעוואָרפן און פעק צייטונגען וואַלגערן זיך
ממש אונטער די פיס. וואָס וועט זי זאָגן, עלסי, ער וועט איר
געבן אַ פיר אַריין אין אָט דעם?...

— איר פאָרט ווייטער? איך דאַרף בייטן פאַר אַן אַנדער
באַן אויף דער סטאַציע. —

זאָגנדיק דאָס, האָט זי זיך שוין אויפגעשטעלט און גענו־
מען זיך שטופּן צו דער טיר. געלבוימען האָט דער זאָג און איר
אומגעריכט זיך אויפשטעלן גאָר צעטומלט. ס׳איז געווען, ווי
מ׳וואָלט אים מיט אַ פאַטש אַרויסגעריסן פון אַ ווונדערלעכן חלום...
אָט האָט ער נאָר וואָס געהאַט זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַזעלכע
ברייטע פליגל און פליט אין אַזאַ צוזאָגנדיקער, אין אַזאַ אָטעם־

פאַרכאַפּנדיקער וועלט. און דאָ גאָר... ער האָט אַפילו נישט קיין צייט איבערצוטראַכטן. און טאַקע נישט טראַכטנדיק, איז ער געטון אַ שווים נאָך, אָט ווי איין פיש יאָגט אַמאָל נאָך אַ צווייטן...

שוין אויפן פּלאַטפאָרם, האָט ער געזען אין איר שמייכל, אַז זי איז צופרידן וואָס ער איז איר נאָך. אָבער ער אַליין איז שוין גאָרנישט געווען צופרידן. פאַרקערט, ס׳האָט אים פאַרדראָסן: וואָס שפּילט זי זיך עפּעס מיט אים אין נאָך-ציעלעך?... און, אַזוי ווי מערסטע פאַרהייראַטע מענער, וואָס האָבן אין זייער מאָנאָטאָנעם לעבן פאַרלוירן די גראַציעזקייט פון דינעם ראָמאַנסירן און צעביי־זערן זיך, ווען די דאַמע אַנטוישט זיי אין זייערע דערוואַרטונגען, אַזוי האָט אויך געלבוים, כמעט אַן אַנטוישטער, שוין אַביסל אויפ־געערגט זי געפרעגט:

— וואָס־זשע, עלסי, איר פאָרט נישט מיט מיר אַהיים? —

עלסי האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן, באַלד זיי אַראָפּגעלאָזט אויפן שוואַרצן שטיינערנעם פּלאַטפאָרם און ווידער אויפגעהויבן זיי און ווידער אים אָנגעקוקט... ס׳האָט זי געוווּנדערט זיין דרייסטקייט... זי האָט אָבער אַלעמאָל געפילט, אַז דער געלבוים איז דרייסט... ס׳האָט זי אָבער אויך פאַרדראָסן! האָט זי אים דאָס געגעבן אַ געלעגנהייט, ער זאָל ווערן אַזוי דרייסט?... דאָך, איבער דער פאַרוווּנדערונג און פאַרדראָס, שטאַרקער פון אָט די צוויי געפילן, איז ביי איר געווען דאָס גע־פיל פון צופרידנקייט! יאָ, זי איז צופרידן, וואָס ס׳ערשטע מאָל, אז זי „פאַרטשעפּעט״ אָט דעם געלבוימען, דעם אָנגעזעענסטן אַר־בעטער אין איר שאַפּ, אָט דעם, וואָס מ׳זאָגט, אַז ער קען באַ־גייסטערן אַ פאַרזאַמלונג מיט זיין שיינעם רעדן און איז אַזוי שטאָלץ, אַז ער קוקט נישט אויף קיינעם. איז אָט קאָן זי אים אַוועקציען נישט נאָר פון ווייב, נאָר פון אַזאַ וויכטיקער פאַרזאַמ־לונג... ס׳האָט זי שוין פאַרדראָסן, וואָס זי האָט מיט אַזאַ פאַר־וווּנדערונג געקוקט אויף אים און געמאַכט, ער זאָל זיך פאַרשע־מען און אַוועקדרייען ס׳פאַררויטלטע פּנים. כדי אָפּצושוואַכן אָט

דעם איינדרוק, האָט זי שוין געזאָגט כמעט מיט געבעט, אָט אַ שטייגער, ווי זי וואָלט אים געגלעט ס׳פּנים: —

— נאָ, איי קענט — (איך קען נישט). געוויס קען איך נישט! — זאָגנדיק דאָס, נעמט זי נישט אַראָפּ קיין אויג פון געלבוימען, וועלכער איז, דאַכט זיך, אַזוי אַנטוישט. זי וויל אָבער נישט, עלסי, אים אַנטוישן. - איז, אויב ער וויל, קאָן ער צו־קומען צו איר... —

— יאָ, געוויס! ס׳איז בעסער ביי איר... ביי אים איז אַזוי נישט אין אָרדענונג —

אַ פריידיקער האָט ער ררויסגעכאַפּט ס׳נאָטיץ־ביכעלע, וואָס ר׳האָט היינט מיטאָג־צייט געקויפט פאַר דער פאַרזאַמלונג און עס איר געגעבן. זי שטעלט אָן איר דין בליישטיפטל מיטן זילבער־נעם היטעלע, נאָר אָנשטאָט שרייבן, קוקט זי גאָר אויפן ביכעלע און טראַכט עפּעס נאָך, ווי זי וואָלט זיך וועלן עפּעס דערמאָנען, אָדער גאָר עפּעס אויסטראַכטן. אפשר גאָר אַ פאַלשן אַדרעס? באַלד הייבט זי אויף די אויגן פון ביכעלע, שטעלט זיי אָן גלייך אויף אים מיט דער פריערדיקער פאַרוווּנדערונג:

— פאַרוואָס זאָל איך אייך געבן מיין אַדרעס? —

ער פאַרשטייט באמת נישט דאָס מיידל! וואָס שפּילט זי זיך מיט אים? אַך, ווען ער וואָלט אַזוי געוועזן אָנגעטון ציכטיק, וואָלט ער דאָס מיט איר אַביסל אַ שפּיל געטון!...

פון דערווייטנס, אין האַלב רונדיקן טונעל, האָבן זיך באַ־וויזן די צוויי גרינע אויגן פון אַן אָנקומענדיקער באַן. עלסי, דער־זעענדיק דאָס דערנענטערן זיך פון איר צוג, האָט גיך און נער־וועז אַריינגעשריבן אין ביכעלע דריי שורהלעך, געטון עס אַ שטופּ אַריין געלבוימען אין האַנט און שוין, נישט קוקנדיק אפילו אויף אים, זיך אַריינגענורקעט אין גאַנצן קנויל מענטשן און פאַרשלונגען געוואָרן, ערגעץ אין אַ טיר פון אַן אָנגעפּאַקטן וואַגאָן.

דאָס אַנטרינען אירס, פּונקט ווי ס׳גאַנצע באַגעגעניש, איז פאָרגעקומען אַזוי אומגעריכט, אָן אַ פריערדיק וואָרט, אַז געלבוים איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל, נאָכגעקוקט מיט די אויגן אויף דעם עפּעס, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהאַט און ס׳איז אים מיט איין מאָל פאַרשלונגען געוואָרן פון די כוואַליעס מענטשן, וואָס די אָנקומענדע באַנען ברעכן אויס און שלינגען איין, און אַלץ דרייט זיך מיט אים אין אַזאַווירבל, אַז ער ווייסט ממש נישט, ווו ער געפינט זיך און וואָס מיט אים קומט פאָר... ער האָט זיך דערמאָנט אָנם צעעפנטן ביכעלע. ערשט איצט זעט ער, אַז מיט זיין גראָבן פינגער קוועטשט ער ס׳דינע שטיקעלע בלייפעדער מיטן זילבערן קעפּעלע, וואָס זי האָט אין גרויס איילעניש אים אין האַנט אַריינגעפּאַקט צוזאַמען מיטן ביכעלע. ער קוקט אויף די אָנגעשריבענע שורות: די גאַס איז אים אינגאַנצן נישט באַקאַנט. זאָל זי אים האָבן געגעבן אַ פאַלשן אַדרעס? אויף דעם מיידל איז אַלץ צו גלייבן. אַ מאָדנע מיידל די עלסי!... דאַכט זיך, אַזאַ שטילינקע, א? אָבער אַלץ אין שאַפּ! ווי זי וואָרט דאָס דרייסט אויסער די פיר ווענט פון שאַפּ!... ער קוקט אויפן זייגער. געפּטרט דריי פערטל שעה! אפשר לויפן און אָניאָגן דאָס ביסל פאַרלוירענע צייט? ער פילט אָבער, נאָך אָט דער באַגעגעניש, אַ מאָדנע איבריקייט צו דער פאַרזאַמלונג. ער וואָלט איצט, קומענדיק אַהין, איז ער זיכער, נישט געקענט רעדן קיין פינף מינוט אַפילו. און דאָס, וואָס ער וואָלט אין אָט דער שטימונג געזאָגט, וואָלט געווען פּשוט חוזק... „די באַנדע" וואָלט געהאַט מיט וואָס „צו שלאָגן" די אָפּאָזיציע... יאָ, זי האָט אים שוין די פאַרזאַמלונג אַוועקגעהרגעט! פ-פ-פ, וועט דאָס זיין אַ היץ דאָרטן אין זאַל! ביין, ער וועט שוין אַהין נישט גיין. ער וועט בעסער אָנקלונגען גאָרדאָנען, אַז ער פילט זיך נישט גוט...

דערנאָך, אין עקספּרעס, וואָס לויפט אַהין אין ווייטסטן עק פון די בראָנקס, האָט ער ווידער געקוקט אין ביכעלע, געזוכט צו דערמאָנען זיך, ווו ער האָט אַמאָל באַגעגנט אָט די גאַס? דאַכט

זיך, אין נארד פון „מאָשולו פּאַרקוויי״? געוויס דאָרט! געוויס! דאָרטן ווינט דאָך טאַקע דער באַלעבאָס זייערער! זי האָט אים נישט אָפּגענאַרט, עלסי... ווי ס׳ציט זיך אַראָפּ אַ וואָלקן אין אַ נאָכמיטאָג און ס׳גיט מיטאַמאָל אַ לויכט אויף אַ שפּע זון, אַזוי האָט אין געלבוימען איצט אויפגעלויכטן אַ פייערל, וואָס איז שוין לאַנג-לאַנג געווען איינגעדושעט. צוזאַמען מיט דעם איז אין אים אָנגעשטאַנען אַן אומרויקייט... ער האָט פּשוט נישט געקענט איינשטיין אויף אַן אָרט. אָט איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר, אַרויסגעקוקט אין נאַכטיקן דרויסן, וואָס האָט זיך באַוויזן, גלייך ווי די באַן איז אַרויס פון טונעל. ס׳צינדן זיך שוין לאָמפּן! באַלד איז ער צוריק און זיך ווידער אַוועקגעזעצט. אויף אַ סטאַציע, אַז די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און די מענטשן זענען נישט אַזוי גיך אַרויס און צוגעהאַלטן די טיר, איז ער אויפגעשפּרונגען: פאַרוואָס עפּעס פאַרהאַלט מען די באַן! אָט, גלייך ער וואָלט געווען דער קאָנדוקטאָר, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך, אַז די באַן זאָל זיך נישט פאַרהאַלטן.

מיט דער זעלבער אומרויקייט האָט ער אַרומגעהאַוועט אין שטוב. ער האָט פּשוט נישט געוווסט, וואָס ער זאָל פריער כאַפּן טון. ס׳וואַסער אין וואַנע האָט ער שיער געלאָזן איבערלויפן. בעתן גאָלן האָט ער זיך צעבלוטיקט. פאַרדאָס אָבער,ביים אָנטון זיך, האָט ער שטאַרק אַכטונג געגעבן אויף די אונטערוועש. דווקא זיידענע אונטערוועש! אויך ביים אויסבינדן דעם רויטן, זיידענעם שניפּס איז ער שטאַרק אויפמערקזאַם, דער שלייף זאָל זיין פּינקטלעך און קליין, ווי אַ קליין קעפּעלע פון אַ זיידענער לאַלקע. דערנאָך, ווען ר׳האָט אַ קוק געטון אין שפּיגל און געזען, אַז מאיר געלבוים האָט פון זיינע דרייסיק יאָר אַראָפּגעוואָרפן מינדסטנס אַ פינף-זעקס, איז ער אַראָפּ און גענומען זיך יאָגן פון די שטיגן מיט אַזאַ אימפּעט, פּונקט ווי פריער פון שאַפּ אַרויס.

ס׳איז שוין געווען פינסטער, גוט פינסטער, ווען מאיר געל־
בוים האָט געשפּאַנט פון בראָנקס פּאַרק צו מאָשולו פּאַרקוויי. אַרום
איז געווען שטיל. לאַמטערן צעוואָרפענע האָבן געפינקלט און נאָך
גרעסער געמאַכט אונטער זיך די פינסטערניש, וואָס הויערט צווישן
די קוסטן און ביימער, איבער די ברייטע לאָנקעס און זייטיקע
שטעגן. איבערן גלאַטן אַספאַלט־וועג שוועבן אויטאָמאָבילן אַזוי לייכט
און שטיל... טייל אַזוי פּאַוואָליע, קוים־קוים, וואָס די רעדער דרייען
זיך איבער. און אין זיי, אין די פאַרמאַכטע, אָפּגעזונדערטע, רעדל־
דיקע הייזלעך זיצן איצט פּאָרלעך אין פלאַמיקער באַהעפטונג,
אויפגעלעזט אין דער אַרומיקער שטילער פינסטערניש און ס׳אַרט
זיי נישט, וווהין די רעדער דרייען זיך... ערגעץ אויף אַ באַנק,
באַהאַלטן צווישן קוסטן און ביימער, לעכצן שאָטנס אין גרויס בענ־
קעניש, פיר ווענט זאָלן קומען צו שוועבן פון אַ שטערן אַראָפּ און
זיי אָפּזונדערן פון אַדורכגייענדיקע אויגן.. אויך איינציקע שאָטנס
וואָגלען דאָ אַרום אין דער פינסטערניש און זוכן רו, רו, פאַר זייער
אַרומטרייבנדיקער אומרו... און אין דער זייטיקער סאַזשלקע, וואָס
גלאַנצט מיטן גאָלדיק־גרינעם שליאַם אונטער דער גליענדיקער זון
בייטאָג און שוואַרצט זיך אַזוי אומהיימלעך איצט, אין דער נאַכט,
קוואַקען זשאַבעס מיט אַזאַ בענקשאַפט, מיט אַזאַ גליאיקער בענק־
שאַפט, אַז געלבוימען נעמט אַזש נאָגן ביים האַרץ... און אין דער
הויך אין טונקל, טונקל־בלויען הימל, גלימערן איינציקע שטערן
מיט אַזאַ קיל, אַזאַ קאַרג שפּיזלדיק ליכט...

אים איז דווקא וואַרעם, געלבוימען. פון האַסטיקן שפּאַנען
האָט ער זיך היפּש דערהיצט. און הונגעריק איז ער אויך! ער
מאַכט זיך אפילו פאָרוווּרף: געדאַרפט געווען פריער אָפּעסן! אין
יעדן פאַל וואָלט געווען בעסער, ווי אַ קומען אַ הונגעריקער! וואָס
ס׳איילעניש? פון דער אַנדער זייט פילט ער אָבער, אַז ר׳האָט גוט
געטון. אַ מיידל אַליין דאָרטן... וועט נאָך איבערקלערן... געטון אַ
נאַרישקייט... איז בעסער, ער זאָל זיין דאָרטן וואָס גיכער! יאָ,
האָט ער נאָר געלט ביי זיך? ער טאַפּט אין די קעשענעס. טאַקע

אַ װוּנדער, ר׳האָט אין דעם אײַלעניש נישט פֿאַרגעסן! ער װאָלט דאָרט שײַן אױסגעזען אָן געלט! נו, װעט ער שױן עסן דאָרט... פּשוט, ער װעט זאָגן: עלסי, כ׳האָב זיך אַזױ געאײַלט!... איז װעט מען אַרױפֿנעמען אױפֿשניט און ביר און... נו, יאָ, ס׳װעט שױן נישט פֿעלן... און דערנאָך?... ס׳װערט אַזש לײַכט דאָרטן אינעװײניק, גלײַך ער װאָלט ס׳האַרץ פֿאַרלױרן... און פֿאַר די אױגן זעט ער זי, עלסי, מיט איר דין, בױגעװדיק פּיגורל, װי זי װאָלט אַ װײַסע געטון אַ װאַקס אַרױס פֿון דער פֿינסטערניש אינמיטן דער לאָנקע. װי אַ שמײכלענדיקע סטאַטוע שטײט זי אים פֿאַר די אױגן. נאָר פּלוצים גיט אַ װאַקס אַרױס לעבן איר רעי, די קלײנע, רירעװדיקע רעי זײַנע, מיטן זון־פֿאַרברױנטן פּנים און ס׳דאַכט זיך אים, װי די קלײנע װאָלט דער פֿיל העכערער עלסי אַװעקגעשטופּט, פּשוט אַװעקגעװאָרפֿן זי, און אַלײן שטײט זי אַזױ אומשולדיק, מיטן חן־גריבעלע אין באַק און פֿרעגט אים: — װוּ אײַלסטו דאָס איצט אַזױ אומגעגעסן, מאיר?... אָבער באַלד זענען זײ בײדע אים פֿאַר־שװוּנדן. געבליבן איז נאָר עפּעס אַ מאָדנער פֿאָרװורף, װעלכן ער האָט באַלד פֿאַרטריבן: נו, יאָ, װאָס װײס ער װעגן זײַן קלײנער רעי? טאַקע איצט! אונטער אָט דעם זעלבן שטערן? נו, טאַקע, װאָס װײסט ער? אין די בערג, װוּ זי איז איצט, לײַכטן דען אַנדערע שטערן?... און אַ שײנע איז זי דאָך רעי! אַ שענערע... יאָ, עלסי מוז שױן נישט זײַן אַזױ יונג... אפשר פֿינף און צװאָנציק. װאָס עפּעס האָט ער זיך פּלוצלינג צעפּײַפּט?...

ער איז אַרױס פֿון בראָנקס פּאַרק גענומען שפּאַנען נאָרד, מיט מאָשולו־פּאַרקװײ, באַלד האָט ער אײַנגעזען, אַז ער װעט דאָ אַלײן נישט געפֿינען.

— אָט דאָ, צװײ קװאַרטאַלן נאָרד, איז עס!

— אַ דאַנק, אַ דאַנק!

צו װאָס ר׳האָט דעם מענטש געדאַרפֿט צװײ מאָל דאַנקען, װײס ער אַלײן נישט. טאַקע נאַריש... זײער נאַריש... נאָר ער פֿילט, דאַכט זיך, איצט אינגאַנצן עפּעס מאָדנע. ס׳האַרץ, פֿילט ער,

זעצט אים, ווי ס׳צינגל פון אַ צעוויגטן גלאָק. ער וועט זיך בעסער צוזעצן אָפּכאַפּן דעם אָטעם. ער זעט אָבער באַלד איין, אַז ס׳איז אומזיסט. ער קען נישט איינזיצן. ער פאַרקערעוועט זיך אין אַ זייטיקער גאַס, פונדאַנען אין נאָך איינער, באַלד אין אַן אַנדערער און אָט איז דאָס הויז! אַ רויט, פינף-שטאָקיק אַפּאַרטמענט-הויז, מיט אַ גרין-לייוונטענער, האַלב-רונדער חופּה איבער דער גאַנצער ברייט פון טראָטואַר, ביזן צעפּראַלטן, געוואַלטיק באַלויכטענעם אַריינגאַנג. אַ חופּה, וואָס שיצט די איינוווינער, אויסשטייגנדיק פון זייערע טייערע אויטאָמאָבילן, אַ טראָפּן רעגן אָדער אַ ביסעלע זון זאָל זיי חלילה נישט באַלעסטיקן איבער די פּאָר שפּאַן, פון אויטאָמאָביל ביז דער טיר.

אינעווייניק, אין ווייך-דיוואַנירטן האָל, איז ער געבליבן שטיין פּאַר אַ ווייל, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. באַלד האָט ער זיך גענומען ציען אַרויף אויף די שטיגן. ער האָט געשפּרייזט צו צוויי, צו דריי, ווי אַ פלינקע קאַץ, כאָטש ר׳האָט געקאָנט גאַנץ באַקוועם אַרויפפאָרן. ער האָט אָבער נישט געוואָלט באַמערקט ווערן פון קיינעם. אָט איז די טיר, אַ ברייטע, אייזן-געדעקטע, ברוין-געפאַרבטע טיר מיט קונציק, איינס-אין-אַנדערן געפלאָכטענע, העל-גאָלדענע שלעקעלעך, געפאַרבט איבערן גאַנצן קוואַדראַט. ער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. שאַ, שטיל, בלויז זיין אייגן האַרץ הערט ער זעצן. אינסטינקטיוו האָט ער נאָך אַמאָל אַ צי געטון ס׳רעקל, אויסגעגלייכט דעם שניפּס, דערנאָך אַזוי פאַוואָליע, ווי ס׳וואָלט געוועזן אַ קעפּל פון אַ גיפטיקער שלאַנג, האָט ער אַ ריר געטון ס׳ווייסע קנאָפּקעלע. אַ דערשטיקט קלינגעלע האָט זיך דערהערט. מיט פאַרכאַפּטן אָטעם האָט ער געהאַלטן אויפגעשפּיצט די אויערן. אָבער ווידער שאַ-שטיל! ער גיט נאָך אַ קלונג, דאָס מאָל שוין אַ שטאַרקערן. ערשט איצט הערט ער טריט. דריבנע, נאַכלעסיק-ווייכע טריט. דאַכט זיך, אירע, עלסיס, טריט! אָט פונקט אַזוי גייט זי אין אירע ווייכע לעטשלעך איבערן שאַפּ...

ס׳ווערט אים הייס. ער פילט, ווי ס׳פּנים פלאַמט אים, גלייך

אַ פלאַם וואָלט זיך אים צעפלאַקערט אונטער דער הויט. און מאָד־נע, אָט איצט, הערנדיק אירע מידע, פוילע טריטעלעך, האָט ער, דאַכט זיך, דערפילט עפּעס אַ חרטה... ווען ער קען, אַנטלויפט ער שוין פונדאַנען.

— הו איז דעט? (ווער איז דאָס?)

געלבוים פילט, ווי ס'שטיקט אים, גלייך עמיץ וואָלט אים געוואָרגן. איז עס די אייגענע חרטה, אָדער איז עס איר, עלסיס, מאָדנער, דאַכט זיך, שאַרפער טאָן? וואָס? האָט זי שוין פאַרגעסן! אָדער ווייסט זי גאָרנישט, אַז ער שטייט דאָ? ער באַמיט זיך אַרונטערצושלינגען די שטיקעניש און זאָגט אַזוי שטיל: — עלסי?

— אָ, מאיר, איט'ס יו? — (דאָס זענט איר?) — איי'ם סאָ סארי... — (ס'טוט מיר אַזוי לייד...)

געלבוים פילט, ווי פון יענער זייט טיר קומט עפּעס אַזעל־כעס, וואָס מאַכט אים פינסטער אין די אויגן. אין דער זעלבער צייט גייט אים אויף פון האַרץ אין האַלז אַריין אַ כוואַליע אַ גאַנצע, וואָס קוים־קוים ער האַלט זי איין פון אַרויסבוכען אין אַ געוויין, וואָס קומט פון ביידע — אַנטוישונג און באַליידיקונג, באַ־ליידיקונג פון ווערן אָפּגענאַרט...

— האָסט מיך אָפּגענאַרט, עלסי?! — אין דער פראַגע איז שוין געווען אויך עפּעס דראָענדיקס, עפּעס, וואָס קען זיך פאַר־וואַנדלען אין ברענענדיקן כעס און דערנאָך אין גליענדיקן האַס!

— אָ, ניין, מר. געלבוים! ס'טוט מיר לייד! ס'טוט מיר זייער לייד!

— עפנט נאָר די טיר! כ'וועל דאָך נישט... — ער האָט שוין איצט גערעדט איינגעהאַלטענער, אָבער דאָרטן, אין יענער זייט טיר, פילט ער, גייט אויף אַ שרעק אין דעם מיידל. איר קול ציטערט ממש פון געבעט:

— כ'קען נישט!... ס'טוט מיר לייד. אמתדיק, אמתדיק לייד... געטון נאַריש. זייער נאַריש. נישט געוווסט, איר וועט טאַקע קומען.

קיינער איז נאָך צו מיר נישט געקומען... און קיינער איז נישטאָ אין הויז... אַנטשולדיקט מיר... —

די זעלבע טריטעלעך, וואָס פריער, האָבן זיך איצט ווידער דערהערט דאָרט אונטער דער טיר. געלבוים איז געשטאַנען אַ צע־בראָכענער. טיף פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. אפילו די טיר נישט געעפנט! פאַרוואָס? פאַרוואָס האָט זי אַזוי מורא געהאַט?... פאַר־וואָס האָט זי דאָס אַלץ מיט אים אָפּגעשפּילט?...

מענטשן פון די אַרומיקע טירן זענען דורכגעגאַנגען, פאַר־דעכטיק געקוקט אויף דעם אויסגעפּוצטן יונגנמאַן, וואָס שטייט שוין אַזאַ ווײַלע הינטער דער טיר, כאָטש דאָרטן איז מען דאָ...

ער האָט זיך צוריק פאַרנומען אויף די טרעפּ. דאָס מאָל איז ער שוין נישט אַזוי געפלויגן. איינציקווייז, ווי ער וואָלט געציילט די שטיגן, איז ער געקראָכן אַראָפּ־אַראָפּ. ער איז צוריק אַרויס אויף מאָשולו־פּאַרקוויי, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַן איינזאַמער באַנק. כאָטש אין מוח איז אים געווען אַלץ פאַרגאָסן, האָט ער זיך דאָך אַלץ געפרעגט: פאַרוואָס? פאַרוואָס האָט זי אים געגעבן דעם אַדרעס און געהייסן קומען? פאַרוואָס? און איבערן גלאַנציקן אַס־פאַלט שוועבן נאָך אַלץ אויטאָמאָבילן און אין דער רעכטער זייט לייכטן די לעמפּלעך אויף דער „סאָבוויי"־סטאַציע, אָט די סטאַציע, דורך וועלכער עס לויפט די באַן, וואָס האָט אים באַדאַרפט נעמען צו דער פאַרזאַמלונג... אים, מאיר געלבוים, דעם פירער פון דער אָפּאָזיציע...

א י נ ה אַ ל ט :

	זייט :
אויפן שוועל	3
אין אַ שטוב	103
נאָטע	141
סוף זומער	195
זיך פאַרפלאָנטערט	237